STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02329

DI YUGEND-BEVEGUNGEN IN TSIENIZM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 3 ציוניסטישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק
אונטער דער רעדאַקציע פֿון מגר. ב. צווייבוים

די יוגענד־בעוועגונגען אין ציוניזם

געשריבען דורך די
פֿיהרער פֿון יעדער
ציוניסטישער
יוגענד־בעוועגונג

אַרויסגעגעבען דורך דעם וועד־העירוני
פֿון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע אין וואַרשא
1934

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט — די רעדאַקציע	3—4
„הנוער-הציוני" — דניאל טענענבוים	5—23
„ — קלמן ראָזענבלאַט	24—30
„השומר-הצעיר" — אשר שנפלד	31—46
„ברית-תרומפלדור (בית"ר) — אייזיק רעמבאַ	47—57
„תורה-ועבודה" — זרח וואַרהאַפטיג	58—65
„גורדוניה" — יונה גולדבערג	66—70
„עקיבא" — משה זינגער	71—78
„פרייהייט" — חיים זאַלעשינסקי	79—83
„ברית-הקנאים" (בר"ק) — משה געלבלום	84—91
„ויתקיניה" — יוסף לעווי	92—95
„בוסליה" — מרדכי בויער	96—98
„בני-נביאים" — ז. ריינאָוויטש	99—101
יונג-וו.י.צ.אָ. — זינא מאַוושאָוויץ	102—106
הסתדרות „החלוץ" — י. אָטיקער	107—114
„החלוץ-הכלל-ציוני" — ל. שמושקאָוויטש	115—122
„החלוץ-הצעיר" — ט. ג.	123—126
„החלוץ-המדינתי" — א. גאַלעווסקי	127—130

אַלע אויטאָר-רעכט — פאַרבעהאַלטען.

איבערדרוקען אָדער איבערזעצען אָהן דער ערלויבעניש פון אַרויסגעבער — פערבאָטען.

UGRUPOWANIA MŁODZIEŻY W SJONIZMIE

— Sjonistyczna Biblioteka Ludowa Nr. 3. —

Warszawa 1934

Wyd. Kom. Miejski Organ. Sjon. w Warszawie.

Składano: „Hadar" (H. Glanc), W-wa, Mławska 4.

—— Druk. „Kairo", Warszawa. ——

פאָרוואָרט

דאָס ציוניסטישע יוגענד־פּראָבלעם איז ביים היינטיגען טאָג אויסגעוואַקסען
צו אַ צענטראַל־פּראָבלעם אין דער גאַנצער ציוניסטישער־בעוועגונג. יע־
דע ציוניסטישע פּאַרטיי און גרופּירונג שאַצט אָב די געוואַלדיגע חשיבות פון
דעם דאָזיגען ציוניסטישען נאָכוואוקס, אָרגאַניזירענדיג אַרום זיך אַ ציוניסטי־
שע יוגענד־באַזע. דאָך מוז מען פעסטשטעלען, אַז די דאָזיגע יוגענד־בעווע־
גונגען האָבען אָפּט גאַנץ אַליין, אָהן שום הילף, געמוזט דורכמאַכען שווערע
חבלי־לידה פון זייערע אייגענע אידעאָלאָגישע אויסקריסטאַליזירונגס־פּראָצעסען,
און עס איז נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס די ציוניסטישע יוגענד בע־
טראַכט זיך פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען כח און פאַקטאָר אין ציוניזם, אָננע־
מענדיג אָפּט אַ אייגענע שטעלונג צו דער גאַנצער ציוניסטישער פּראָבלע־
מאַטיק, וואָס געהט זיך נישט זעלטען פונאַנדער מיט דער שטעלונג פון זיי־
ערע מוטער־אָרגאַניזאַציעס.

וואָס טיילט אָב, אַלס גאַנצעס, די אַלע ציוניסטישע יוגענד־אידעאָלאָגיעס
פון די עלטערע ציוניסטישע ריכטונגען? קודם־כל — דער זעלבסט־פערווירק־
ליכונגס־פּראָצעס, די הגשמה עצמית, וועלכע געהט אַדורך, ווי אַ רויטער
פאָדים דורך די צאָהלרייכע, פערשיעדענפאַרביגע, גאַנץ אָפּט געגענזעצליכע
יוגענד־ריכטונגען. פאַר דער יוגענד איז דער ציוניזם נישט בלויז אַ אידע־
אישער, טעאָרעטישער באַגאַוש, נאָר קודם־כל אַ איבערלעבונג, וועלכע נעמט
אין שפּאַן אַלע איהרע זעעלישע כחות. פון דאַנען נעמט זיך דער חותם פון
העראָאישקייט און אָפּפערוויליגקייט, וואָס דערהאַלט דעם ציוניזם אויף דער
מדרגה פון אַ גרויסער בעפרייאונגס־בעוועגונג, דערווייטערענדיג פון איהם די
סכנה פון אידעאישען אויסלעהרען זיך און פון פערוואַנדלען איהם צו אַ
ריין „פּראַקטישער״ בעוועגונג.

די היינטיגע שטאַרק־דיפערענצירטע יוגענד־בעוועגונג איז אַ רעזולטאַט
פון דער נאָך־מלחמה׳דיגער תקופה. אין משך פון דער מלחמה און אין די
ערשטע יאָהרען נאָך דער מלחמה איז די איינציגע ציוניסטישע יוגענד־בע־
וועגונג געווען די השומר־הצעיר־בעוועגונג. זי האָט געזאָלט בילדען די ערצי־
הונגס־שול, פון וואַנען עס האָבען גערדאַרפט אַרויסוואַקסען ציונ. חלוצים און ציו־
ניסטישע בירגער פאַר אַלע פּאַרטייען אין ציוניזם. אין משך אָבער פון דער

צייט האָט דער „השומר הצעיר״ רעזיגנירט פון זיין אורשפּרינגליכער בעשטי־מונג פון צו זיין נישט מעהר, ווי אַ ערציהונגס־שול, בעקומענדיג אַלץ מעהר אַ סאָציאַל־געזעלשאַפטליכע געשטאַלטונג מיט אַ אייגענאַרטיגען אידעאישען פּ־צוף. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבען צווישען דער ציוני־סטישער יוגענד אַ דיפערענציאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט בעדייטענד אַריבערגעוואַקסען דעם אַנאַלאָגישען פּראָצעס ביי די עלטערע ציוניסטען.

מיר גיבען אין דער דאָזיגער בראָשור אָבהאַנדלונגען איבער 17 יו־גענד־בעוועגונגען אין ציוניזם, וועלכע ענטשפּרעכען די 4 הויפּט־ריכטונגען אין ציוניזם: אַלגעמיינער ציוניזם (הנוער הציוני, עקיבא, החלוץ הכלל־ציוני, וו.י.צ.אָ), דער רעליגיעזער ציוניזם (תורה ועבודה, בני־הנביאים), די ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע ריכטונג (השומר־הצעיר, גורדוניה, פרייהייט, וויתקיניה, בוסליה, חלוץ הכללי, חלוץ הצעיר) רעוויזיאָניזם (בת״ר, ברית־קנאים, החלוץ־המדינתי). דער דאָזיגער שטאַרקער דיפערענצירונגס־פּראָצעס ערקלערט זיך אין דער ערשטער רייה דורך דעם דינאַמישען, נאָך נישט גענצליך אויסגעקריסטאַלי־זירטען צושטאַנד פון די יוגענד־אידעאָלאָגיעס. אונזער בראָשור וועט האָבען, אַזוי צו זאָגען, אַ פּעדאַגאָגישע בעדייטונג. צונויפגעזאַמעלט און קאָנפראָנטירט אין איין אָרט וועלען זיי קענען דינען אַלס יסוד פאַר אַ רעוויזיע פון די אַרויס־געזאָגטע פערשיעדענע אידעאישע הנחות אין דער ריכטונג פון אַ דערנעהע־רונג און אַ קאָנסאָלידירונג פון די פערשיעדענע ריכטונגען.

מיר גיבען איבער די דאָזיגע בראָשור אין די הענד פון דער יודישער יוגענד. זי וועט געפינען אין איהר אַ אָבשפּיגלונג פון דער ציוניסטישער יוגענד־בעוועגונג אין אונזער דור. זאָל זי לייענען און משפּט׳ען, וועלכע פון די אָנגעצייכענטע וועגען זענען איהר אַמנאָהענטסטען. זאָל זי אָבער אויך געדענקען, אַז די אַלע ציוניסטישע שטרעמונגען פליסען אַרויס פון אַ גע־מיינזאַמען ציוניסטישען קוואַל און אַז פון די אַלע שטעגען און וועגען, דורך וועלכע עס געהט די ציוניסטישע יוגענד, דאַרף זי אַרויפטרעטען אויף דעם געמיינזאַמען גרויסען וועג, אויף דעם דרך־המלך, וועלכער פיהרט צו דער רעאַליזירונג פון אונזער גרויסען גאולה־אידעאַל.

די רעדאַקציע

דניאל טענענבוים

„הנוער-הציוני"

דער געבורט פון דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד-בעוועגונג.

די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד-בעוועגונג דאַטירט איהר אָנהויב אין דער שווערער קריזיס-עפּאָכע, וואָס די ציונ. בעוועגונג אין דער אויפבוי פון ארץ-ישראל האָבען דורכגעמאַכט אין די „ירידה"-יאָהרען פון דער פיערטער עליה. אַ בעדייטענדען טייל פון קריזיס האָבען מיר געהאַט צו פערדאַנקען דער אונפעהיגקייט פון ציוניזם זעלבסט אָנצופיהרען מיט די ענינים פון דער בעוועגונג און אויפבוי. דער מאַנגעל פון בעוואוסטזיין צווישען די מאַסען פון עולים פאַר די בעדערפענישען פון אויפבוי און פאַר די אויפגאַבען, וואָס זענען אויף זיי אַרויפגעלעגט געוואָרען, אַלס בויער פון לאַנד, דער מאַנגעל פון געגענזייטיגער פערשטענדעניש צווישען די ציוניסטישע טיילען ביים בעשטימען די וועגען פון אויפבוי האָבען פערזייט שלעכטע קערנער, פון וועלכע דער קריזיס איז אויפגעוואַקסען און פעראורזאַכט דעם באַרג-אַראָב פון דער פיערטער עליה. די ירידה פון איהר זייט האָט ווייטער גורם געווען צו נאָך אַ שווערערען אינערליכען קריזיס אין דער ציונ. בעוועגונג. די ציוניסטישע פאַרטייען מיט זייערע נאָהענטע יוגענד-בעוועגונגען האָבען אַלע, ווי איינע, נישט אַרויסגעצויגען פון דעם קריזיס די ריכטיגע קאָנסעקווענצען און האָבען דערמיט דערפיהרט, אַז עס זאָלען נאָך מעהר פערטיעפט ווערען די שפּאַלטען אין דער אויפבוי-בעוועגונג. די געגענזייטיגע בעשולדיגונגען און אָנגריפען צווישען די פליגלען האָבען אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרמען פון פערניכטונגס-קאַמפען. די אַלגעמיין-ציוניסטישע מחנה איז אין זיין רוב געווען פערזונקען אין אַ טיעפען שלאָף, אין אָנמאַכט און זיין וואַכזאַמער און אַקטיווער טייל האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען דעם קאַמף אַרום די טעאָרעטישע פראַגען, וועלכע

ס'האָט אינגאַנצען געפעהלט דער לעבעדיגער און קאָנקרעטער קאָנטאַקט מיט די ענינים פון אויפבוי און ישוב. די יוגענד, דער עיקר — די חלוצישע יוגענד — האָט זיך פולקאָם אָבגעזונדערט פון דער עלטערער ציוניסטישער מחנה. אמת, געדאַנקליך איז זי אין איהרע אָנשויאונגען געווען נאָהענט צו אַ בעשטימטער פאַרטיי אין ציוניזם, אָבער פאַקטיש האָט זיך געשאַפען אַ טיעפער אָבגרונד צווישען דער חלוצישער יוגענד, ביי וועלכער אין צענטרום פון אַלץ זענען געשטאַנען די פראַגען פון עליה און פערווירקליכונג אין לאַנד, און צווישען דער עלטערער ציוניסטישער מחנה, וואָס האָט איהר גאַנצע ענערגיע פערשוועדעט אויף פרוכטלאָזע וויכוחים און קאַמפען בלויז אַרום טעאָרעטישע פראַגען.

— און דאַן, אין דער דאָזיגער שוואַרץ-צייט, איז געמאַכט געוואָרען דער געוואַגטער פרוב — צו שאַפען אַ נייע יוגענד-בעוועגונג, וועלכע זאָל גרונדזעצליך ענדערען די לאַגע. די דאָזיגע בעוועגונג האָט זיך באַדאַרפט קודם-כל אונטערשיידען פון די עלטערע ציוניסטען מיט איהר מעכטיגען ווילען צו פערווירקליכונג און שאַפונג, און פון דער פריהער אָרגאַניזירטער חלוצישער יוגענד ווידער האָט זיך די דאָזיגע בעוועגונג אונטערשידען מיט איהר ווילען צוזאַמענצואַרבייטען מיט די אַלע, וואָס ווילען זיך בעטייליגען אין דעם אויפבוי- און אויפלעבונגס-ווערק.

די גרונד-הנחות פון „השומר הלאומי".

אַ פרינציפיעלע גרונד-הנחה האָט דער „השומר הלאומי"*) פעסטגעלעגט פונ'ם אָנפאַנג פון זיין עקזיסטענץ, אַ'הנחה, וואָס פון איהר זענען אַרויסגעפלאָסען אַלע איבעריגע אידעאָלאָגישע יסודות זיינע: דער ציוניזם איז די אויפלעבונגס-בעוועגונג פונ'ם גאַנצען פאָלק. אין דער דאָזיגער אַרבייט פון פאָלקס-בענייאונג און לאַנד-אויפבוי בעטייליגען זיך דעריבער — אין דער תקופה פון אויפבוי — אַלע קלאַסען און שיכטען פון פאָלק, שטרעבענדיג צום ג ע מ יי נ ז אַ מ ע ן ציעל. די דאָזיגע הנחה פליעסט אַרויס — לויט דער אויפפאַסונג פון דעם „השוה"ל" — פון דעם פאָלגענדען:

א) דער ווירטשאַפטליכער, סאָציאַלער, בירגערליכער און קולטורעלער צושטאַנד איז מעהר אָדער וועניגער ג ע מ יי נ ז אַ ם א ו ן ג ל יי ך ביי אַלע יודישע פאָלקס-מאַסען אין גלות. דאָס ווערט בעזונדערס בולט אין דער היינטיגער צייט פון קריזיס און רעאַקציע, בעת אַלע פערפאָלגונגען געגען אונז טרעפען אין אַ גלייכער מאָס אַלע פאָלקס-מענשען און פאָלקס-מיטגליעדער און פערגרעסערען דעריבער דעם פראָצעס פון דער ווירטשאַפטליכער און סאָציאַלער „גלייכשאַלטונג".

ב) עס עקזיסטירט דער ווילען צו אַ נאַציאָנאַלען קיום, וועלכער פער-

---

*) דער „השומר הלאומי" איז בעוועזן דער פראָטאָטיפ פון היינטיגען „הנוער הציוני" אין קאָנגרעס פוילען.

בינדט צווישען זיך די אַלע מיטגליעדער פון יודישען פאָלק און וועלכער האָט אָבגעהיט די איינינגקייט פון דער טראַדיציע, פון דער קולטור און דאָס געפיהל פון געגענזייטיגער ברודערליכקייט (כלל-געפיהל — אינ׳ם יודישען גלויבען ביי די יודען אין גלות). איינער פון די עיקר׳דיגסטע רעזולטאַטען פון דעם דאָזיגען ווילען פון אַ נאַציאָנאַלען קיום איז, בלי ספק, די היסטאָרישע פערבינדונג צווישען דעם יודישען פאָלק און ארץ-ישראל (דער געדאַנק פון שיבת-ציון).

פון די דאָזיגע גרונדלאַגען האָט די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד אַרויסגעפיהרט דעם אויספיהר, אַז עס איז די פליכט פון יעדען ציוניסט אַקטיוו זיך צו בעטייליגען אינ׳ם אויפבוי פון לאַנד. בלויז דאָס ערפילען די דאָזיגע פליכט גיט דעם ציוניסט דאָס גרויסע רעכט אויסגעלייזט צו ווערען, דען די גאולה איז אַ רעזולטאַט פונ׳ם אויפבוי. דערפון, וואָס די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד האָט אויף אַזאַ אופן נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען איין פאָלקס-שיכט און דער צווייטער און האָט די פליכט פון אויפבוי בעטראַכט פאַר אַ זאַך, וועלכע איז מחייב אַלע שיכטען, דרינגט אויך אַרויס די צווייטע הנחה, אַז די וועגען פונ׳ם אויפבוי און די פאָרמען פון דער פערווירקליכונג דאַרפען נישט ווערען איינגעראַהמט און בעגרעניצט. א״י דאַרף אויפגעבויט ווערען מיט אַלע מעגליכע וועגען און אויף אַלע געביעטען פונ׳ם געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען, און קיינעמס אויפגאַבען אינ׳ם אויפבוי טאָרען נישט בעגרעניצט ווערען. מען טאָר אַלזאָ נישט אָנוואַרפען דעם יוגענדליכען די פערווירקלעכונג פון זיין ציוניזם דווקא אין דער און נישט אין קיין אַנדערער פאָרם (דערפון — דאָס געגענשטעלען זיך דעם קיבוץ, אַלס איינציגער פאָרם פון חלוצישער הגשמה).

דער איינציגער און עיקר׳דיגסטער יסוד אין דער פערווירקליכונג און אינ׳ם אויפבוי דאַרף זיין בלויז פאָלגענדעס: דער אַלגעמיינער, דער נאַציאָנאַלער אינטערעס שטעהט העכער פונ׳ם פריוואַטען אָדער קלאַסען-אינטערעס, איז פון איהם בילכער און וויכטיגער. דעריבער דאַרפען אַלע קלאַסען פונ׳ם ישוב אָרדנען זייערע ווירטשאַפטליכע און סאָציאַלע אינטערעסען אויף אַזאַ אופן, דאָס זיי זאָלען נישט שאָדען דעם קיום און די אינטערעסען פון די איבעריגע קלאַסען, און דערהויפט נישט שטעלען אין געפאַהר דעם אויפבוי פונ׳ם לאַנד. אַנ׳אויבערשטע אינסטאַנץ נאַציאָנאַלע דאַרף איבערוואַכען און רעגולירען די קלאַסען-בעציהונגען, בכדי זיי זאָלען נישט ווערען אַזוי געזעצליך, אַז דאָס זאָל בעדראָהען דעם פריעדען אין לאַנד און פעראונמעגליכען צו פיהרען געמיינזאַם די אויפבוי-אַרבייט. דער נאַציאָנאַלער פרימאַט און דער קלאַסען-סאָלידאַריזם זענען אַלזאָ דער צ ו ו י י ט ע ר י ס ו ד, אויף וועלכעז די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד האָט אויפגעבויט איהר ציוניסטישע אויפפאַסונג. דאָ קומט נאָך צו די ספעציעלע אונטערשטרייכונג פון דער וויכטיגקייט פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ע ר צ י ה ו נ ג, לויט וועלכער דער אויבענדערמאָהנטער נאַציאָנאַלער פרינציפ דאַרף איינגעפלאַנצט ווערען אין די הערצער פון דער יוגענד נאָך אין דער פריהסטער קינדהייט.

אין תוך גענומען, איז דאָך נישט געווען קיין שום נייעס אין די דאָזיגע גרונדלאַגען און אויפפאַסונגען. זיי זענען דאָך די יסודות פון ציוניזם שוין פון לאַנג פריהער. די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד האָט דאָס כלל נישט געלייקענט, אַז די יסודות, וועלכע זי שטעלט דאָ פעסט, זענען אַלט, ווי דער ציוניזם אַליין. די פיהרער פון דער דאָזיגער יוגענד האָבען אָבער מיט אַ בעזונדערער כוונה אונטערגעשטראָכען די דאָזיגע יסודות, דען דערמיט האָבען זיי זיך געוואָלט אָבגרעניצען סיי פון דער יוגענד-בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָבגעשלאָסען אין די אמות פון דער זעלבסט-פערווירקליכונג, אין סיי פון די אַלטע ציוניסטען, פאַר וועלכע די דאָזיגע יסודות זענען געווען בלויז אַ טויטע הלכה און נישט — אַ לעבענס- און אַרבייטס-וועג.

ביי איהר ערשטען אויפטריט האָט די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד געוואָלט זיך אָבשיידען פון דער „לינקער" חלוצישער יוגענד, דערווייטערנדיג פון דער אייגענער ציוניסטישער אויפפאַסונג דעם קלאַסען-פּרינציפּ, וועלכער האָט — לויט דער מיינונג פון די פיהרער פון דער אַלג. ציוניסטישער יוגענד — בעגרענעצט די נאַציאָנאַלע וועלט-אַנשויאונג פון די מיטגליעדער פון דער „לינקער" יוגענד-בעוועגונג און האָט זיי אידעאיש, גייסטיג און געזעלשאַפטליך דערווייטערט פון די ציוניסטישע מאַסען. דער וועלט פון די דערוואַקסענע, דעם אַלטען ציוניסטישען דור און די ציוניסטישע פאָלקס-מאַסען האָט די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד געוואָלט צוריקגעבען די התלהבות פאַר'ן אַלגעמיין-ציוניסטישען געדאַנק, און ווירקען, זיי זאָלען דורכגעדרונגען ווערען דורך דער רעוואָלוציאָניזירענדער פאָדערונג פונ'ם ציוניזם צו יעדען יחיד אין דער בעוועגונג, דער פאָדערונג פון אויפבוי, אין וועלכען דאָס פּריוואַטע און פערזענליכע ווערט געאָפּפערט לטובת דעם כלל.

דערפון וועט אויך קלאָר ווערען, פאַרוואָס די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד האָט זיך אַזוי געזאָרגט פאַר דער אייניגקייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג און ספּעציעל — פאַר דער אייניגקייט און גאַנצקייט פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די שטרעבונג פון דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד אויפצולעבען דעם אַלגעמיינעם ציוניזם האָט זיך געשטיצט אויף צוויי יסודות: א) אויף דעם בעוואוסטזיין, אַז דער פירוד אינערהאַלב דעם אַלגעמיינעם ציוניזם פליעסט נישט אַרויס פון די בעדערפענישען פונ'ם א"י-אויפבוי, פערקעהרט — דער דאָזיגער פירוד שעדיגט דעם אויפבוי; ב) און אויף דעם בעוואוסטזיין, דאָס מיט'ן פערוואַרפען די טעאָרעטישע וויכוחים און מיט'ן צוטרעטען צו אַ קאָנקרעטער אַרבייט פאַר דער צואיילונג פונ'ם אויפבוי וועט זיך אויך עפענען אַ פולע מעגליכקייט פאַר אַ אייניגקייט פון דער אַלגעמיין ציוניסטישער מחנה סיי אין איהרע אויפפאַסונגען און סיי אין איהרע טהאַטען, און אַז זי וועט דאַן אויך קאָנען אין דער דאָזיגער ריכטונג משפיע זיין אויף די פליגלען אינ'ם ציו-

ניזם, דאָס זיי זאָלען אין דער ערשטער רייה אונטעראָרדנען זייער טעטיגקייט
דעם אינטערעס פונ׳ם פראַקטישען אויפבוי.

דאָס שאַפען אַ לעבעדיגע און אַקטיווע אַלגעמיין-ציוניסטישע בעוועגונג איז געווען די ממשות׳דיגע עיקר-שטרעבונג פון דער בעוועגונג פון „השומר הלאומי׳׳ (דער גרעסטער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד-אָרגאַניזאַציע פון קאָנגרעס-פוילען אין יענער תקופה, מיט 6–7 יאָהר צוריק). אָהן דער פערווירקליכונג פון דער דאָזיגער שטרעבונג האָט דער „השומר הלאומי׳׳ בכלל נישט געגלויבט אין דער שאַפונג פון אַ מעגליכקייט אויף צו פיה-רען אַ פּאָזיטיווע ציוניסטישע טעטיגקייט, וואָס זאָל פריי זיין פון אינער-ליכע שטערונגען און קאַמפען.

די אויסער-פּאָליטישע פראַגען האָט דער „השומר הלאומי׳׳ נישט גע-נומען אין בעטראַכט און אַרויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפונקט, האָט ער גע-געבען אין דער הינזיכט זיינע מיטגליעדער די פולע פרייהייט, אָננעהמענ-דיג, דאָס די מיינונגס-פערשיעדענהייטען בנוגע צו דער אויסערליכער פּאָ-ליטיק, אָדער דער אָדער יענער פּאָליטישער טאַקטיק דאַרפען אַרו[illegible]-יאַנעל כלל נישט שיידען און שפּאַלטען די בעוועגונג, אָדער די עלטערע ציוניסטען און שטערען דער געמיינזאַמער טאָג-טעגליכער ציו-ניסטישער אַרבייט, וועלכע איז וויכטיגער פאַר אַלץ. דער „השומר הלאומי״ האָט זיך מיט אַ שאַרפער קריטיק בעצויגען צו די פיהרער פון די אַלגע-מיין-ציוניסטישע פראַקציעס אין פוילען, וועלכע האָבען נישט געוואָלט פער-ציכטען אויף די אונבעדייטענדע ניואַנסען אין די טעאָרעטישע און פּאָלי-טישע אויפפאַסונגען, וואָס האָבען למעשה נישט געהאַט קיין שום פראַקטי-שען יסוד. דערמיט האָבען די דאָזיגע פיהרער פעראונמעגליכט דאָס שאַפען אַ געאייניגטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זאָלען זיך קאָנ-צענטרירען די פראַקטישע אַרבייטען פונ׳ם ציוניזם. דער קאַמף געגען פראַק-ציאָניזם, וועלכער האָט בעהערשט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, איז גע-וואָרען די הויפּט-אויפגאַבע, פאַר וועלכער דער „השומר הלאומי״ האָט גע-ווידמעט די ענערגיע און טעטיגקייט פון זיינע קשישים. מען קאָן זאָגען, דאָס אַרום דער דאָזיגער פראַגע האָט אָנ-געהויבען זיך צו ענטוויקלען די אידעאישע פּראָבלעמאַטיק אין דער „השומר-הלאומי״-בעוועגונג. במשך פון פיל יאָהרען איז די דאָזיגע פראַגע געווען די אַקטועלסטע פאַר דער בעוועגונג און זי האָט אין אַ געוויסער מאָס אויפגעהאַלטען די ענטוויקלונג פון אַנדערע פּראָבלעמען (ערציהונג, פער-ווירקליכונג אין א״י א. אַ. וו.), וועלכע האָבען זיכער געדאַרפט קומען בעצייטענס צום אויסדרוק און בעקומען זייער פּלאַץ.

די דאָזיגע פראַגע איז אויך פערבונדען געוואָרען מיט אַ נאָהנטען פאַר איהר פּראָבלעם — מיט דער פראַגע פון די קשישים, די עלטערע אין דער בעוועגונג.

אין יענער תקופה פון קריזיס אין ציוניזם, ווען די עליה איז געווען געשפּערט און די הכשרה-בעוועגונג איז פולשטענדיג אויסגעטריקענט געוואָ-

ו'ען – איז אין אַלע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס במילא ענטשטאַנען די פּשוט'ע פראַגע: וואָס זאָלען די דאָזיגע קשישים טהון, ווען די יוגענד-אָרגאַניזאַציע קאָן פאַר זיי מעהר נישט זיין קיין ענטשפּרעכענד אַרבייטס-פעלד. ד'ער אַלגעמיינער ענטפער איז געווען – אַריינטרעטען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין איהר רעאַליזירען די וויכטיגע אויפגאַבע פון אויפלעבען ד'י דאָזיגע אָרגאַניזאַציע. דאָ איז אָבער ווי אַ דאָרן געשטאַנען אויפ'ן וועג ד'י פראַגע פון די פראַקציעס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דען וואָס נאָר אַ זין האָט געהאַט אַריינצוטרעטען אין דער אַרגאַניזאַציע, בעת עס ווערט אין איהר געפיהרט אַ צווישען-פראַקציאָנעלער קאַמף, און די עלטערע פון „השוה"ל", וואָס בעשטרעבען די איינינקייט אין דעם שלום, וואָלטען נישט געקאָנט אָבהאַלטען די אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיגער קאַמפּס-לוסט. שווער איז געווען צו געפינען אַ לעזונג פאַר דער דאָזיגער פראַגע. צווישען די פיעל פאָרשלאַגען צו לעזען דעם דאָזיגען פּראָבלעם איז אויך געווען אַ פאָרשלאַג פון גרינבוים'ען, וועלכער האָט פאָרגעלעגט, דאָס די בעוועגונג זאָל זיך שיידען פון איהרע עלטערע – סיי פון די, וועלכע ווילען עולה-זיין, סיי פון יענע, וואָס ווילען פערבלייבען אין גלות. די לעצטע דאַרפען אַריינטרעטען אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און איבעררייסען יעדע פערבינדונג מיט דער ערציהערישער בעוועגונג. פאַר דער בעוועגונג וואָלט אַזאַ לעזונג (הגם די ראַדיקאַלסטע) געווען טראַגיש, דען ווי אַזוי וואָלט זי דאָס געקאָנט רעזיגנירען פון איהרע עלטסטע און דערלאָזען זיי, די טרעגער פון איהרע אייגענער אידעע, די יעניגע, וועלכע זענען בעאויפטראַגט די דאָזיגע אידעע צו פערווירקליכען, צו געהן אין אַ פאָראויס אונבעשטימטען וועג? צי וואָלט דאָס נישט געווען אַ סימן פון אינערליכער שוואַכקייט? דען די בעוועגונג קאָן דאָך נישט עקזיסטירען, נישט ערפילענדיג קיין בעשטימטע אויפגאַבע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

מיט דעם דאָזיגען פּראָבלעם האָבען זיך אויך פערנומען די קרייז-צוזאַמענפאָהרען און לאַנדעס-קאָנפערענצען. עס האָבען זיך אויך געלאָזט הערען שטימען וועגען שאַפען אַן'אָבהענגיגע, זעלבסשטענדיגע יוגענד-בעוועגונג, וואָס זאָל לגמרי נישט זיין פערבונדען מיט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צום סוף האָט געזיעגט די מיינונג, דאָס די עלטערע פון „השוה"ל" דאַרפען אַריינטרעטען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס אַ בעזונדערע, איינהייטליכע גרופּירונג מיט דער אויסדריקליכער שטרעבונג צוריקצושטעלען די איינינקייט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דורך בעקעמפען דעם צווישען-פּראַקציאָנעלען קאַמף, און דורכ'ן פיהרען אַ פּראַקטישע און פּאָזיטיווע אַרבייט אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע. עס איז ווערט צו באַמערקען, דאָס אויב סוף-כל-סוף איז עס אויפ'ן 10-טען ציוניסטישען צוזאַמענפאָהר אין וואַרשא געקומען צו אַ פולער איינינגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט דערין געהאַט אַ גרויסען חלק דער „השומר הלאומי", אַלס אונדירעקטער, אָבער זעהר ווירקזאַמער פאַקטאָר.

די שטרעבונגען צו אַ פעסטיגונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם האָבען דאַן אָנגעהויבען איבערצושרייטען די גרעניצען פון דער לאַנדעס־בעוועגונג און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַנגרעס־פוילען און האָבען זיך אָנגעהויבען בעציהען אויפ'ן אַלגעמיינעם ציוניזם אינ'ם וועלט־מאַסשטאַב. דער פאַקט, וואָס אידעאיש מעהר אָדער ווייניגער עהנליכע בעוועגונגען, געבויט אויף אַנ'עהנליכער פלאַטפאָרם, ווי דער „השומר הלאומי", עקזיסטירען אויך אין גאַליציען („הנוער העברי"), רומעניען („הנוער הציוני"), אונגאַרן („הנוער הציוני"), טראַנסילוואַניען („השומר") א. אַז. וו., האָט געשטאַרקט די אינערליכע איבערצייגונג, אַז די אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגענד־בעוועגונג איז אַ נויטיגע ערשיינונג אין דער ציוניסטישער וועלט־בעוועגונג. פון דאַנען איז געפלאָסען די שטרעבונג צו אָרגאַניזירען די בעוועגונג אינ'ם וועלט־מאַסשטאַב דורך פעסטלעגען די געמיינזאַמע עיקרים און יסודות פאַר דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אויפפאַסונג פון דער בעוועגונג און פאַר איר פערווירקליכונגס־וועג.

די שטעלונג פון „הנוער הציוני" אין אַלגעמיין ציוניסטישען לאַגער

די דאָזיגע שטרעבונג איז נאָך שטאַרקער געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון דער אינערליכער לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. דער קאַמף פון די פליגלען אינ'ם ציוניזם האָט שוין אָנגענומען אַ שאַרפע און געפעהרליכע פאָרם, ווייל ער האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דווקא אין דער צייט פון קריזיס אין א"י און האָט זעריבער אָבגעשוואַכט די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון די אויבערשטע ציוניסטישע אינסטאַנצען לגבי די מעכטיגע שטערונגען מצד דער ענגלישער פאָליטיק און האָט צונישט געמאַכט זייערע אָנשטרענגונגען צו בעהערשען דעם קריזיס. עס האָט געדראָהט אַ סכנה פאַר דער גאַנצקייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג בכלל. די אַלגעמיינע ציוניסטען, וועלכע האָבען ביז יענער צייט געבילדעט דעם צענטראַלען און לייטענדען כח פון דער גאַנצער בעוועגונג נישט נאָר מיט דער גרויסער צאָהל פון זייערע דעלעגאַטען אויף די קאָנגרעסען (דען, ווי בעוואוסט, האָט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער לאַגער נישט געבילדעט אויפ'ן קאָנגרעס קיין איינהייטליכע גרופּירונג), נאָר בעיקר מיט די אויטאָריטעטע פערזענליכקייטען צווישען זיי — האָבען יעצט פערלוירען לגמרי זייער השפעה. יעצט האָבען די פליגלען אין זייער עקסטרעמען קאַמף בעצויגען זיך מיט ביטול צו די דאָזיגע אויטאָריטעטען. דורך אַנ'אונערהערטען רכילות־קאַמף איז ערנידערט געוואָרען דער כבוד פון די אַלגעמיינע פיהרער און עס איז צובראָכען געוואָרען דער זייל פון דער ציוניסטישער דיסציפּלין. די דאָזיגע לאַגע האָט ביי פיעל פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אַרויסגערופען אַ זאָרג פאַר'ן גורל פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, און מיט בעאונרוהיגונג האָבען זיי געקוקט אויף די צוקונפט, וואָס ערוואַרט זי, מיט'ן פונאַנדערפאַלען זיך פונ'ם אַלגעמיינעם

ציוניזם. די דאָזיגע באַאונרויִקונג האָט ביי די דאָזיגע אַלגעמיינע ציוניסטן אַרויסגערופן דעם ווילן צו געפינען אַן׳אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פאַר׳ן אַלגעמיינעם ציוניזם, וואָס דורך איהר זאָל ער אָרגאַניזאַציאָנעל פערזענליכט ווערען צו יעדער אַנדערער פאַרטיי אין ציוניזם; מיט׳ן אונטערשייד, דאָס ער וועט אַרויסטרעטען מיט אַן׳אויפבוי־פּראָגראַם, וועמענס עיקר־יסוד וועט זיין אַן׳אַלגעמיין־ציוניסטישער — נעמליך: די פּריאָריטעט פונ׳ם נאַציאָנאַלען אינטערעס אויף אַלע אַרבייטס־ און אויפבוי־געביטע לגבי אַלע אַנדערע אינטערעסען.

די פּרובען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין 1931, כדי צו שאַפען אַ וועלט־פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען, זענען אין די קרייזען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגענד־בעוועגונג אויפגענומען געוואָרען זעהר גערנוויליג און מיט אַנערקענונג. דער „השומר הלאומי" אין פּוילען (וועלכער איז שוין דאַן געווען פעראייניגט מיט דער „הרצליה"־בעוועגונג און איז געשטאַנען אין אַ קאָנטאַקט און אין נאָהנטע בעציהונגען מיט׳ן „הנוער העברי" אין גאַליציען, מיט׳ן „הנוער הציוני" אין רומעניען א. אַ. וו.), האָט אין דער שטרעבונג צו שאַפען אַ וועלט־פערבאַנד פון די אַלגעמיינע ציוניסטען געזעהן אַ ריכטיג פערשטענדעניש מצד די איניציאַטאָרען פון דעם דאָזיגען פּרוב פאַר דער נויטווענדיגקייט אויפצולעבען דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. דער „השומר הלאומי" האָט געוואָלט דווקא זיין דער חלוץ אינ׳ם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דעם דאָזיגען פּראָצעס פון דער איינִיגונג. ער האָט געוואָלט זיין דער שליח פון דער ציוניסטישער מצווה און האָט געאיילט צו פערשנעלערען דעם קאָנסאָלידירונגס־פּראָצעס אינערהאַלב דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגענד. דאַן איז געלעגט געוואָרען דער יסוד פאַר דער וועלט־בעוועגונג פון „הנוער הציוני" דורך איינשטעלען אַ שטענדיגע פערבינדונג (אין אידעאישע, ערציהערישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און פערווירקליכונגס־פראַגען) מיט די אַנדערע לאַנדעס־פערבאַנדען פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגענד און דורך די שאַפונג פון דער פעראייניגטער בעוועגונג אין גאַנץ פּוילען.

די בעגייסטערטע לאָזונגען, וואָס האָבען אין יענער צייט אָנגעפילט די בעוועגונג, זענען געווען: איינִיגונג און אינערליכע אויסקריסטאַליזירונג; און כלפּי חוץ -- אַן׳ענערגישער קאַמף אינערהאַלב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילען (אין אַלע דריי פּראָווינצען) פאַר דער דערפיהרונג צו אַן׳אוניפיקאַציע צווישען זיי און פאַר דער קריסטאַליזירונג פון זייער שטעלונג צו די ציוניסטישע עיקר־פּראָבלעמען, וועלכע האָבען אַבזונדערע וויכטיגקייט אינ׳ם א״י־אויפבוי.

מיט דער פאָדערונג פון אַ אידעאישער קריסטאַליזירונג איז אויך געקומען די בעוועגונג פון „הנוער הציוני" צום וועלט־פערבאַנד פון די

אַלגעמיינע ציוניסטען. אָבער די איניציאַטאָרען און שעפער פונ'ם פערבאַנד האָבען נישט אָבגעשאַצט די דאָזיגע פאָדערונג לויט איהר בעדייטונג און האָבען אָנשטאַט איהר געשטעלט אויפ'ן ערשטען אָרט ד ע ם אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ נ ע ל ע ן צ ו ו ע ק, ד. ה. דאָס אָבהיטען די דיסציפּלין און די אָנגעהעריגקייט צום פערבאַנד, דאַגעגען די אויפקלערונג פון זיינע אידעאָלאָגישע יסודות, און דער עיקר — דאָס פעסטשטעלען די וועגען פון אויפבוי און די שטעלונג צו די פּראָבלעמען פונ'ם ישוב — האָבען זיי פערנאַכלעסיגט און איבערגעלאָזט אויף בעסערע צייטען, נאָכדעם, ווי דער פערבאַנד וועט שוין זיין פערפעסטיגט. זעלבסטפערשטענדליך, איז דאָס געווען די סיבה, וואָס דער פערבאַנד האָט נישט געקאָנט זיך ענטוויקלען און ווערען אַ סטאַבילער כח, און דאָס האָט אויך גורם געווען דערצו, אַז דער „הנוער הציוני" זאָל נישט אַריינטרעטען אינ'ם פערבאַנד און זיך בעגנוגען אין בעצוג צו איהם בלויז מיט אַנ'אָבוואַרטענדער שטעלונג. די ענטוויקלונג פון די געשעהענישען אין ציוניזם האָט בעשטעטיגט, דאָס אויך פונ'ם דאָזיגען שטאַנדפּונקט איז די איינשטעלונג פונ'ם „הנוער הציוני" צום וועלט-פערבאַנד געווען פולשטענדיג ריכטיג, ווייל דער ענטוויקלונגס-פּראָצעס פונ'ם פערבאַנד — די אינערליכע צוזאַמענשטויסען צווישען זיינע טיילען און דאָס איבערשטרייטען דורך די לעצטע ביי יעדער געלעגענהייט די אינערליכע דיסציפּלין (טראָץ די בפירוש'דיגע בעשלוסען וועגען איהר אָבהיטונג) — האָט בעוויזען, דאָס דער געדאַנק פון די שעפער פונ'ם פערבאַנד פערווירקליכט זיך נישט אין דער געהעריגער ריכטונג.

הנוער הציוני און די ארץ ישראל'דיגע ווירקליכקייט.

איינער פון די וויכטיגע יסודות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך אונזער בעוועגונג, איז די קלאָרע שטרעבונג פעסטצושטעלען איהר וועג אינ'ם ציוניזם, ר ע כ ע נ ד י ג ז י ך ב ע י ק ר מ י ט ד י פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן פ ו ן ד ע ר צ י ו נ י ס ט י ש ע ר ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט א ו ן פ ו ן ד ע ם א"י-א ו י פ ב ו י. פון פערשיעדענע זייטען זעהט מען אין אין דעם דאָזיגען יסוד אַ נישט-ריכטיגען שטאַנדפּונקט. דען אין בעצוג צום דאָזיגען יסוד קאָן מען שטעלען די פאָלגענדע פראַגע: צי קאָן מען אָננעהמען די יעצטיגע ווירקליכקייט אינ'ם ציוניזם פאַר אַ קריטעריום אויף פעסטצושטעלען דעם וועג פון דער בעוועגונג? די דאָזיגע ווירקליכקייט ענדערט זיך דאָך צו יעדער צייט און פיעל פון איהרע ערשיינונגען קאָנען פערפיהרען. עס איז דעריבער אונמעגליך לויט אַ מאָמענטאַנען בליק פעסטצושטעלען פאַר זיי אַ סטאַבילע בעדייטונג און שטעלונג. און נאָך איינס—אַ געזעלשאַפטליכע בעוועגונג, דערצו נאָך אַ יוגענד-בעוועגונג, מוז דאָך זיך שטעלען אַ קלאָרען ענד-צ י ע ל, פעסטשטעלען אַ בעשטימטען פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט פונ'ם ציוניזם און פאַר דער ענטוויקלונג פונ'ם פאָלק אין דער תקופה, אין וועלכער דער א"י-אויפבוי וועט שוין זיין פערענדיגט, ווי אויך

פאַר די אויפגאַבען פון דער יוגענד אין דער דאָזיגער תקופה. צו דעם צוועק דאַרף די בעוועגונג האָבען אַ פולע קלאָר-אַנשויאונג, וועלכע זאָל פעסטשטעלען איהר בעציהונג צו אַלע געזעלשאַפטליכע, נאַציאָנאַלע און אַלגעמיין-מענשליכע ערשיינונגען און פּראָצעסען זייער דינאַמישע אַנט-וויקלונג אין דער צוקונפט.

מען מוז, וואָס אַנ'אמת, אין אַ געוויסער מאָס אַנערקענען די ריכטיג-קייט פון דער דאָזיגער טענה. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז עס בעשטעהט אַ געפאַהר פאַר יעדער בעוועגונג — און דערהויפּט נאָך פאַר אַ יוגענד-בעוועגונג, אויב זי וויל דווקא זיין אַנ'אַקטיווער כח, וואָס ווירקט אינ'ם טאָג-טעגליכען לעבען. אין אַזאַ פאַל דאַרף די בעוועגונג זיין צוגע-גרייט נישט נאָר צו ווירקען, נאָר אויך — בעווירקט און אַקטי-וויזירט צו ווערען, דאָס הייסט: פערוואַנדעלט צו ווערען אין אַנ'אינסטרומענט פון דער ווירקליכקייט און פון די אַנדערע כחות, וואָס זענען אין איהר טעטיג און זיך אָנשליסען אינ'ם שטראָם פון די צייט-פאָדערונגען און בע-דינגונגען, וואָס ענטשטעהען אַלס צייט-רעזולטאַט פון דעם שפּיעל פון די פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטליכע כחות. עס איז אַלזאָ פערהאַן אַ געפאַהר, אַז די אידעאָלאָגיע — דער גרונד-ציעל פון דער בעוועגונג — זאָל פער-ביטען ווערען מיט טאַקטיק, מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. אויב אַלזאָ אונזער בעוועגונג שטעלט פעסט, דאָס זי בויט איהר וועג לויט דער ציוניסטישער ווירקליכקייט, פאָדערט די דאָזיגע שטעלונג אַ קלאָרקייט און אַ וואַכזאַמען אויסהיטען זיך פאַר פאַלשע שריט און דורכפאַלען, וואָס קומען דווקא אין רעזולטאַט פון קאָנטאַנטע און אילוזאָרישע ער-פאָלגען. בכדי זיך אויסהיטען פון דער דאָזיגער געפאַהר האָט דער „הנוער הציוני" ערגענצט זיין שטעלונג מיט צוויי וויכטיגע יסודות:

א) יעדע אַרבייט און ערשיינונג אין דער לעבענס-ווירקליכקייט, אינ'ם ציוניזם און אין ישוב מוז קודם-כל אָבגעשאַצט ווערען פונ'ם פאָלגענדען שטאַנדפּונקט: אויף וויפיעל און אין וואָס פאַר אַ מאָס זי איז גורם צו דער פערשטאַרקונג פון דעם א"י אויפבוי אין אַ פּאָזיטיווער ריכ-טונג. דאָס בעדייט, אַז דער יודישער ווירטשאַפטליכער אָרגאַניזם, וואָס ווערט אויפגעשטעלט אין א"י, דאַרף זיין פעסט און געזיכערט — פון יע-דען שטאַנדפּונקט — אַלס יודיש-נאַציאָנאַלער קנין, און אַז די סאָציאַלע סטרוקטור פון די בויער פון דער דאָזיגער ווירטשאַפט (סיי פון די אַרבייטער, סיי פון די אַרבייטס-געבער) זאָל זיין נאָרמאַל. ערשיי-נונגען און שטרעבונגען, וואָס דרינגען אַרויס פונ'ם דאָזיגען געזיכטס-פּונקט, וואָס בעצוועקען צו שטאַרקען אונזער ווירטשאַפטליכען ווערק און וואָס מאַכען געזונד אונזער סאָציאַלען געבוי — דאַרפען געפאָלגט און געשטיצט ווערען. ערשיינונגען, וואָס זענען ווייט פון צו ערפילען די דאָזיגע אויפ-גאַבע — זענען נעגאַטיוו און די ציוניסטישע בעוועגונג דאַרף זיי בעקעמ-פען מיט דער גאַנצער קראַפט, אונאָבהענגיג פון די מקורות פון זייער ענטשטעהונג.

ב) בכדי די בעוועגונג זאָל זיך אויסהיטען פון טאַקטישע פעהלערע
און פון נאָכשלעפּען זיך נאָך די אַנדערע ריכטונגען אינ׳ם ציוניזם, וואָס
זענען נוטה פון צייט צו צייט צו פערציכטען אויפ׳ן פריהערען און קודם׳-
דיגען גרונד-פּרינציפּ צוליעב די דרינגענדע פאָדערונגען פונ׳ם מאָמענט,
האָט זיך די בעוועגונג גענומען דאָס רעכט פון פולער זעלבסטשטענ-
דיגקייט אין דער בעשטימונג פון איהר שטעלונג צו אַלע ציוניסטישע
גרופּירונגען (אין דער ערשטער רייה צו די אַלגעמיין-ציוניסטישע גרופּירונ-
גען). דער „הנוער הציוני“ האָט ביז יעצט זיך נישט פערבונדען נאָהנט און
אָרגאַניש מיט קיין שום גרופּירונג אינ׳ם ציוניזם בכלל און אינ׳ם אַלגע-
מיינעם ציוניזם בפרט, ווייל עס איז נאָך ביז יעצט נישטאָ יע-
נע גרופּירונג, וואָס זאָל גאַראַנטירען די וואַכ-
זאַמסטע אָבהיטונג פונ׳ם פּרינציפּ פון פּרימאַט פון די נאַציאָנאַלע
און חלוצישע ווערטען פונ׳ם ישוב אַנטקעגען יעדער אַנדערער בעדערפעניש
און יעדען אַנדערען ענין, אַלץ איינס, צי דאָס וועט זיין אַ מאָמענטאַנע,
אָבער וויכטיגע זאַך, אָדער אַ וויכטיגע אידעאישע פראַגע, וואָס איז אָבער
דירעקט נישט נוגע דעם אויבענדערמאָהנטען פּרינציפּ.

דאָס אָבהיטען די געזונדטע יסודות אינ׳ם א״י-אויפבוי איז דווקא אין
דער לעצטער צייט געוואָרען דער וויכטיגסטער מאָמענט אינ׳ם ציוניזם אין
רעזולטאַט פונ׳ם ענטוויקלונגס-גאַנג פון די בעציהונגען אינערהאַלב די ציו-
ניסטישע פליגלען און אַנדערע גרופּירונגען. די דאָזיגע ענטוויקלונג בעווייזט,
אַז כדי אָבצוהיטען די גאַנצקייט און דויערהאַפטיגקייט פון די געזונדטע
אויפבוי-ווערטען (חלוצישע עליה, נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע, פערפעסטיגונג
פון דער לאַנדווירטשאַפט, יודישע אַרבייט, איינהייטליכקייט פון דער כנסת-
ישראל א. א. וו.), איז יעצט נויטיג אַ שטאַרקע און ענערגישע טעטיגקייט
מצד אַ יונגען און נייעם כח, וואָס איז נאָך נישט אָנגעריהרט אַזוי פיעל
דורך די אַלע איינענשאַפטען, וועלכע זענען מעהר אָדער ווייניגער נעגאַטיוו
ביי דער מעהרהייט פון די ציוניסטישע גרופּירונגען, אינ׳ם פּאָנטער. אין
וועלכען עס געפינט זיך יעצט די ציוניסטישע בעוועגונג, זענען די דאָזיגע
ווערטען עלול „פערגעסען“ צו ווערען אפילו דורך די ריכטונגען, וואָס זע-
נען זיי אַממעהרסטען טריי, ווי דער לינקער פליגעל אָדער דער פּראָגרע-
סיווער אַלגעמיינער ציוניזם. מיר האָבען געזעהן און זיך איבערצייגט, אַז
אויך די וועלט-אַנשויאונג און פעסטשטעלונג פונ׳ם ענד-ציעל דורך די פערש-
שיעדענע פּאַרטייען געגוגען נישט ביז יעצט, כדי אויסצומיידען און איינצו-
היטען פון וויתורים און פעלשונגען אַרום די פאָדערונגען פונ׳ם מאָמענט.
און דערפון איז צו דרינגען, דאָס איינע פון די עיקר׳דיגסטע איינענשאַפ-
טען פון אַ יוגענד-בעוועגונג, אין געגענזאַץ צום נעגאַטיווען כאַראַקטער
פון אַ פּאַרטיי, איז דאָס, וואָס די יוגענד-בעוועגונג — הגם זי צייכענט
זיך געוועהנליך נישט אויס מיט קיין אַזוי פולער און קלאָרער וועלט-אַנ-
שויאונג, ווי די פּאַרטיי — קאָן דאָך נישט ערלויבען, אַז די מאָמענטאַנע
ענינים זאָלען דעצידירען אין דער טאַקטיק און אין דער איינשטעלונג פון

די בעציהונגען, בעת די פאַרטיי איז דווקא יאָ נוטה דערצו. די יעצטיגע פערהעלטענישען אין ציוניזם און אין ישוב גיבען א גענוג בולט'ען בילד פון דעם דאָזיגען ענטוויקלונגס-גאַנג.

פון איין זייט, אונטער'ן איינפלוס פון די געשעהענישען פון די לעצטע יאָהרען, און פון דער צווייטער זייט — אונטער דער ווירקונג פון דער צוציהונגס-קראַפט פונ'ם אויפבליה פון דער א"י-ווירטשאַפט, האָט זיך אין אַלע פאָלקס-שיכטען דערוועקט די מעכטיגע שטרעבונג צו עליה, וואָס האָט גורם געווען, אַז די רייהען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג זע-גען מאַזענווייז פערפולט געוואָרען דורך מענשען, וואָס זייער גאַנצע שטרע-בונג איז צו פערבעסערען דורך א"י זייער פערזענליכע עקאָנאָמישע לאַגע, און וואָס דער ציוניזם, אַלס בעוועגונג, וועלכע האָט קודם-כל צו פערווירק-ליכען אנ'אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע מיסיע, אינטערעסירט זיי אינגאַנצען נישט. און אויך אין א"י האָט גענומען הערשען דאָס גייעג נאָכ'ן „גאָלדענעם קאַלב", און דאָס דאָזיגע גייעג בעשטימט היינט-צו-טאָג אין אַ בעדייטענ-דער מאָס דעם עקאָנאָמישען כאַראַקטער פון דער יודישער ווירטשאַפט אין א"י און די ריכטונג, אין וועלכער עס געהט די סאָציאַלע קריסטאַליזירונג פונ'ם ישוב. דאָס ענטלויפען פון די אַרבייטער פונ'ם דאָרף אין שטאָדט אַריין, די אינערליכע דעזאָרגאַניזאַציע פונ'ם ישוב, פון וועלכער עס איז אויך נישט פריי דער אַרבייטער-ציבור; די פערברעכערישע פערשטויסונג פון דער יודישער אַרבייט; די באָדען-ספעקולאַציע און די ספעקולאַציע אין אַנדערע ווירטשאַפטס-געביעטען; דאָס גייעג נאָך לייכטע און לעצט-ראַנגיגע ערזאַץ-פרנסות („מנחם-מענדעל'שע"), וואָס זענען אומגעזונד פאַר'ן ישוב פונ'ם שטאַנדפונקט פון זייער סטאַביליטעט און ווערט — בעגלייטען די מאַסען-עליה און די שטימונגען אַרום אַזאַ עליה, וועלכע איז נישט דורכגעדרונגען מיט קיין געזונדטען ציוניסטישען גייסט.

אינ'ם ישוב קריסטאַליזירט זיך אויס אַ גרופירונג פון בירגערליכע בעזיצער און קאָלאָניסטען, וואָס זוכען אויף פערשידענע אופנים זיך צו פערמעסטען אויף די נאַציאָנאַלע ווערטען פונ'ם אויפבוי און פונ'ם ישוב, ווערטען, וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען דורך דער מיה פון חלוצישע דורות אין א"י. עס האָבען זיך אַלזאָ פערשטאַרקט די פלאַנמעסיגע און אָרגאַניזירטע אַטענטאַטען מצד דער דאָזיגער גרופירונג אויף די יודישע אַרבייט, אויף די יודישע עליה (דירעקט און אונדירעקט), אויף די אָרגאַניזאַציע פונ'ם ישוב (כנסת-ישראל), אויף די איינהייט פונ'ם ערציהונגס-וועזען און פון דער שול-נעץ און אויף אינסטיטוציעס און אַקציעס פון אַנ'אַלגעמיין-נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. אין איהר „הייליגען קריעג" געגען דעם ציוניזם און די חלוציש-נאַציאָנאַלע אויפבוי-ווערטען שליסען זיך אָן צו דער דאָזיגער געזעלשאַפטליכער גרופירונג אויך פערשידענע געזעלשאַפטליכע קערפערשאַפטען, וועלכע געהערען אָפיציעל צו דער ציוניסטישער בעוועגונג.

צו דעם דאָזיגען פראָנט האָבען זיך אויך אָנגעשלאָסען די פיהרער

פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אין א״י און אויך גע־וויסע טיילען פון דער גרופּע ב׳ פון די אַלגעמיינע ציוניסטען. אין די דאָזיגע קרייזען זענען דאָ מענשען און אַפילו גאַנצע פראַקציעס, וואָס האָבען זיך אויסגעפונען פערשיעדענע פייגענבלעטער אויף צו פערדעקען מיט זיי זייערע שאַנד־מעשים און זייער שנאָה צו די אַרבייטער און זייערע ווערק — עס איז דאָך דער „בע׳עול׳טער״ מיטעלשטאַנד.

דער דאָזיגער מרויעריגער סך־הכל פון דער שטעלונג פון דער מעהר־הייט פון די בירגערליכע גרופּירונגען אינ׳ם ציוניזם און אין ישוב מאַכט אין אַ בעדייטענדער מאָס בולט די פּאָזיטיווע און פעסטע שטעלונג פונ׳ם אַרבייטער־פליגעל, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין דער „הסתדרות העובדים״ און וועלכער שטעהט כמעט אַליין אין זיין ענערגישען קאַמף פאַר די ציו־ניסטישע ווערטען אין ישוב, פאַר יודישער אַרבייט, פאַר דער גאַנצקייט און דעמאָקראַטישקייט פון דער כנסת־ישראל, פאַר דער חלוצישער עליה און פאַר אַלע אַנדערע הייליגקייטען פונ׳ם בויענדען ציוניזם.

מען קאָן, וואָס אַנ׳אמת, נישט פערלייקענען, דאָס אויך אין דעם דאָ־זיגען פליגעל האָבען זיך בעוויזען פיעל שפּאַלטען אין דער פעסטער פער־טיידיגונגס־פּאָזיציע; עס זענען דאָ שפּאַלטען, וועלכע זענען געקומען פ ו ן ד ר ו י ס ע ן — אינ׳ם רעזולטאַט פון די אַנגריפען געגען דער הסתדרות מצד די אויבענדערמאָהנטע קרייזען, און עס זענען אויך דאָ פיעל שפּאַל־טען, וואָס זענען ענטשטאַנען פ ו ן א י נ ע ו ו ע נ י ג. עס אונטערליעגט נישט קיין ספק, אַז דאָס נאָכדריקליכע נאָכגעהן פונ׳ם אַרבייטס־פליגעל נאָך די סאָציאַליסטישע לאָזונגען און דאָס אָבהיטען, אַז די יוגענד, וועלכע איז אין איהם אָרגאַניזירט, זאָל ערצויגען ווערען אין גייסט פונ׳ם ריינעם סאָ־ציאַליזם — פערקלענערען סיי די אָביעקטיווע, סיי די סוביעקטיווע מעג־ליכקייטען פאַר׳ן קאַמף פון די אַרבייטער פאַר די דערמאָהנטע ציוניסטישע גרונד־פּרינציפּען. זיכער פערבעסערט נישט דער אַרבייטער־פליגעל די לאַגע דורכ׳ן קולטיווירען די פיזישע שנאָה און רעאַקציע געגען די רעוויזיאָניס־טען. זיכער גיט אויך דער דאָזיגער פליגעל נישט גענוג אַכטונג דערויף, דאָס זיינע חברים זאָלען פון זייער זייט ערפילען אין פיעל הינזיכטען זיי־ערע ציוניסטיש־חלוצישע פליכטען.

דערויף זאָגט עדות דאָס גרויסע ענטלויפען פון די אַרבייטער אין דער שטאָדט אַריין; די רעוואָלוציאָנערע ראַדיקאַליזאַציע אין די רייהען פון דער יוגענד־בעוועגונג פונ׳ם דאָזיגען פליגעל; די קאַלטע בעציהונג צו דער א״י׳דיגער פּראָדוקציע און גאַנץ אָפט אויך — צו דער פּריוואַטער יוד. ווירטשאַפט; די פערנאַכלעסיגונג פון דער אַרבייט פאַר די פאָנדען, א.אַ.וו.

פונ׳ם דאָזיגען שטאַנדפּונקט קאָן מען זיכער שאַרף קריטיקירען דעם אַרבייטס־פליגעל אין ציוניזם און אין ישוב. וואָס אונטערשיידעט איהם אָבער צום גוטען פון אַלע אַנדערע גרופּירונגען אין ציוניזם, איז דאָס, וואָס בעת דער דאָזיגער פליגעל בויט זיינע ווערק, וואָס זענען די ווערק פונ׳ם יודישען ישוב, בעת ער זעצט פאַר זייער פערפעסטיגונג און צוגלייך

ערפֿבערט ער נייע פּאָזיציעס — טהוען די איבעריגע קרייזען אין ציוניזם וועניג פּאָזיטיוועס.

אינ׳ם אַנבליק פון דעם דאָזיגען צושטאַנד קאָן דער „הנוער הציוני״ פעסטשטעלען, דאָס זיינע גרונד־עיקרים אין בעצוג צום ציוניזם און דעם א״י־אויפבוי ווערען פולשטענדיג בעשטעטיגט און בערעכטיגט. אויב דער א״י־אויפבוי וועט געפיהרט ווערען אין אַנ׳אַנארכיע, ד. ה. לויט׳ן פּריוואַטען אָדער קלאַסען־איינזעהן פון יעדען בעזונדערען עולה, דאן קאָן דער גאַנצער בנין איינפאַלען נאָך פאַר זיין אויפשטעלען.

אין אונזער תקופה איז אַלזאָ נויטיג אַ חלוציש־נאַציאָנאַלע עליה. די גייסטיגע הכשרה פאַר אַ פולער חלוצישער פערווירקליכונג, סיי צווישען דער יוגענד, סיי צווישען די דערוואַקסענע — דאַרף ווערען די עיקר־אויפגאַבע פון דער גאַנצער ציוניסטישער בעוועגונג. אין דער צייט פון דער היינטי־גער קאָניונקטור איז דער נסיון, פאַר וועלכען עס ווערט געשטעלט יעדער ציוניסט, זייענדיג עולה קיין א״י, פיעל שווערער ווי אין יעדער אַנדערער תקופה פונ׳ם לאַנד־אויפבוי. די פרייהייט פון אויסוואהל, וועלכע עס האָט היינט יעדער עולה, צווישען דעם לייכטען לעבען, וועלכען מען קאָן פיהרען אַ דאַנק דער אויסנוצונג פון דער גוטער קאָניונקטור, און דעם שווערען לעבען פון אַרבייט און חלוצישער טעטיגקייט — דאָס איז היינט־צו־טאָג זעהר אַ שווערער נסיון.

דער קאַמף, וואָס ווערט געפיהרט צווישען די פליגלען אין ציוניזם אַרום דער עליה, האָט נישט קיין שום בעגרינדעטען יסוד, דערהויפט נאָך, ווען דער דאָזיגער קאַמף נעהמט אָן אַ מכלומר׳שטען ק ל א ס ע ן־כאַראַקטער. דער קאַמף פאַר דער פריווילעגירטקייט פון די האַנדווערקער אָדער פונ׳ם מיטעלשטאַנד (סוחרים א. אַ. וו.) אין דער עליה האָט נישט זיין מקור אין די לעבענס־בעדערפענישען פון א״י, נאָר אין די שטרעבונגען פון די פערשיעדענע פּאַרטייען צו געווינען פאַר זיך די דאָזיגע מאַסען אינ׳ם קאַמף געגען דעם אַרבייטס־פליגעל און געגען די אַנדערע קרייזען, וואָס שטעהען אויף אַנ׳אַלגעמיין ציוניסטישען שטאַנדפונקט. די ווירקליכקייט בעווייזט אונז, אַז אינ׳ם אויפבוי פון א״י דאַרפען און קאָנען אַנטיילנעהמען אַלע שיכטען פון פאָלק און אַז די בעזונדערע וויכטיגקייט פון דעם עולה ווערט בעשטימט נישט דורך זיין קלאַסען־צוגעהעריגקייט, נאָר דורך זיין ציוניס־טישען בעוואוסטזיין און דעם אופן פון זיין ווירטשאַפטליכער בעטעטיגונג אין א״י. דערפון דרינגט, אַז דאָס געבען די ציוניסטישע, חלוצישע און פראָפעסיאָנעלע הכשרה די עולים און דאָס רעגולירען די עליה לויט׳ן דאָ־זיגען קריטעריום — איז די אויפגאַבע פונ׳ם גאַנצען ציוניזם, און די שיינ־באַרע פּאַרטיי־טענדענץ אָדער קלאַסען־בעפאַרבונג פונ׳ם קאַמף אַרום דער עליה האָט נישט הינטער זיך קיין שום יסוד.

דער „הנוער הציוני״ בעטאָנט דעריבער ספּעציעל דעם ווערט פון דער ערציהונג פון זיינע מיטגליעדער צו דער פולער פערווירקליכונג. די חלוציש־קבוצישע ערציהונג ווערט פערטיעפט אין דער בעוועגונג און נעהמט

אָן ענטשפּרעכענדע סימבאָליש־ערציהערישע פאָרמען. די דאָזיגע ערציהונג איז אויך געבויט אויף דער קולטיווירונג פון דעם עיקר פון כלל־געפיהל ביי די חברים. פון איין זייט איז דאָס דיקטירט דורכ׳ן שטאַנדפּונקט פון דער א״י־ווירקליכקייט, פון דער צווייטער זייט פליעסט דאָס אַרויס פון דער געשיכטע פונ׳ם יודענטום און פון דער ענטוויקלונג פון זיין וועלט־אַנשויאונג (דאָס כלל־געפיהל אין דער תורה).

איינע פון די עיקר׳דיגסטע אויפגאַבען פונ׳ם אַלגעמיינעם ציוניזם זעהט דער „הנוער הציוני״ אין אין דער פערטיעפונג פון דער דאָזיגער ערציהונג — אין ענטשפּרעכענדע פאָרמען — אין די רייהען פון די יודישע מאַסען און פון די דערוואַקסענע ציוניסטען.

צוגלייך מיט דער עליה און מיט׳ן קאַמף אַרום איהר שווימט אויף אַ צווייטע פּראַגע, וועלכע איז פאַר׳ן ציוניזם און פאַר׳ן א״י־אויפבוי נישט ווייניגער וויכטיג, ווי די עליה־פּראַגע, — דאָס איז דער פּראָבלעם פון יודישער אַרבייט.

דער „הנוער הציוני״ זעהט איין אין דעם קאַמף פאַר דער יודישער אַרבייט דעם קאָנסעקווענטען און פּרוכטבאַרען המשך פון דעם פּאָליטישען קאַמף פאַר דער יודישער עליה. ווער עס בעמערקט נישט קיין צוזאַמענהאַנג און פערבינדונג צווישען דער עליה און דער יודישער אַרבייט — דער איז פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט זיך אָבגעזאָגט פון ביידע. עס זענען נישטאָ קיין שום מאָטיווען, וואָס זאָלען קאָנען רעכטפערטיגען דאָס ברעכען דעם ציוניסטישען אורטייל אויף יעדען איינציגען, וועלכער בעשעפטיגט פרעמדע אַרבייטער, אָדער אויף די געזעלשאַפטליכע קערפּערשאַפטען, וועלכע האַלטען זיך אָב פונ׳ם קאָנסעקווענטען קאַמף פאַר דער איינפיהרונג פון דער יודישער אַרבייט. אַפילו דער מאָטיוו פון געגנערשאַפט צום מאַרקסיסטישען אַרבייטער איז נישט בערעכטיגט פונ׳ם נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט, ווייל די געגנערשאַפט און שנאה צום יודישען אַרבייטער ווערען פּראַקטיש פערוואַנדעלט אין אַ געגנערשאַפט און שנאה צו דער יודישער אַרבייט.

דער „הנוער הציוני״ שטרעבט אַוועקצושטעלען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פּראַגע פון דעם קאַמף פאַר יודישער אַרבייט אויף דער טאָג־אָרדנונג פונ׳ם אַלגעמיינעם ציוניזם, און איבערהויפּט — פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין א״י. דער „הנוער הציוני״ פאָדערט, אַז די אָבהיטונג און דער קאַמף פאַר דעם פּרינציפּ פון יודישער אַרבייט זאָלען זיין אַ גרונד־יסוד פאַר יעדען אַלגעמיינעם ציוניסט אין זיין אָנגעהעריגקייט צו דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אין גלות אָדער אין א״י.

אין אַ דירעקטער פערבינדונג מיט דער פּראַגע פון דער יודישער אַרבייט שטעהט די פּראַגע פון די אַרבייטס־פערהעלטעניסען, וועלכע נעהמען אַרום: די בעציהונגען צווישען די אַרבייטער זעלבסט. ד. ה. די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, און די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען די אַרבייטער און די אַרבייטס־געבער.

איינע פון די סיבות, צוליעב וועלכע דער „הנוער הציוני" אנערקענט נישט די ריכטונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אין א"י, איז דאָס, וואָס די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע שטרעבט, פונקט אַזוי, ווי די התאַחדות-האכּרים, די רעוויזיאָניסטען און דער „מזרחי" — צו שאַפען אַ בעזונדערע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע.

אויך די אַלגעמיינע ציוניסטען שטרעבען צו גרינדען אַ ב ע ז ו נ ד ע-ר ע אַ ר ב י י ט ע ר - אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, האָפענדיק זיך צו שטאַרקען דורכדעם און צו ווערען זעלבסשטענדיג. די שטרעבונג צו זעלבסשטענדיגקייט און שטאַרקונג איז זיכער פּאָזיטיוו, אָבער ווען זי ווערט פערווירקליכט אויפ'ן חשבון פון דעם אַרבייטער-ציבור, דורך פערגרעסערען די צובּרעק-לונג פון די אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס — דאַן איז דאָס אַן'אונבּעדינגט שעדליכע שטרעבונג. יעדער פּרוב צו פערגרעסערען די צוריסענקייט (און אפילו בּלויז די אָרגאַניזאַציאָנעלע צובּרעקלונג) צווישען די אַרבייטער איז עלול גאָר צו פערגרעסערען דעם אינערליכען קאַמף און די שוועריגקייטען אַרום דער שאַפונג פון אַ געגענזייטיגע פערשטענדניש צווישען די אַרביי-טער אין בּעצוג צו זייערע פּראָפעסיאָנעלע און ווירטשאַפטליכע אינטערעסען. דערפון קאָנען ווידער פּראָפיטירען בּלויז די כּחות, וואָס ווילען אין יעדער הינזיכט אָבשוואַכען די אַרבייטער-בּעוועגונג.

די בּעוועגונג פון „הנוער הציוני" וועט מיט לייב און לעבען פער-בּונדען זיין מיט דער הסתּדרות-העובדים, כּל-זמן די הסתּדרות וועט שטעהן אויף דער וואַך פון די ווירטשאַפטליכע און פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען פון די אַרבּייטער. יעדער פּרוב צו שוואַכען די הסתּדרות איז אַ שעדליכער און דעסטרוקטיווער פאַקטאָר אין דעם א"י-אויפבּוי אין אַלגעמיין. דער „הנוער הציוני" בּעטראַכט פאַר זיין הייליגע אויפגאַבּע צו ווירקען אינער-האַלב דער הסתּדרות אויף איהר איינשטעלונג און טעטיגקייט — אינ'ם גייסט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. די טרייהייט פון דער הסתּדרות-העובדים צו די ווערק און צו דער מיסיע פונ'ם ציוניזם קאָן אונז דיענען פאַר אַ גאַראַנטיע פאַר דעם ערפאָלג פון אונזער אויפגאַבּע. די אַלגעמיין-ציוניסטישע אַרבייטער, אַרויסגעקומענע פונ'ם „הנוער הציוני", זעהען איין אַנ'אָרגאַנישע פערבּינדונג צווישען דער אַלגעמיין-ציוניסטישער אויפפאַסונג און די אויפבּוי-ווערק, וועלכע די הסתּדרות בּעגרינדעט און פערפעסטיגט, און דעריבּער וויל דער „הנוער הציוני" דאָס פערשטענדניש פאַר דער דאָ-זיגער פערבּינדונג און די שטרעבונג צו איהר שטאַרקונג איינפלאַנצען און פערשפּרייטען בּיי אַלע מיטגליעדער פון דער הסתּדרות-העובדים.

דאָס אָבהיטען די איינהייט פון דער אַרבייטער-בּעוועגונג אין דער ווירטשאַפטליכער און פּראָפעסיאָנעלער הינזיכט פערהעלפט בּמילא צו דער פערבּעסערונג פון די אַרבייטס-פערהעלטנישען צווישען די אַרבּייטער און אַרבּייטס-געבּער; זי פערהיט אויך בּיידע צדדים פון דעמאָראַליזאַציע. אין ישוב דאַרף געשאַפען ווערען אַ גרופּירונג, וואָס שטרעבּט צו דער איינפיה-רונג פון ריכטיגע אַרבּייטס-בּעציהונגען צוליעב דער טובה פון ישוב, און

וואָס זאָל קאָנצענטרירען אין זיך מענשען פון אַלע שיכטען, וועלכע ווי־
לען קעמפען פאַר אַ געמיינזאַמע שטעלונג אין די דאָזיגע פראַגען. אויך
די דאָזיגע שטעלונג דרינגט אַרויס פונ׳ם העכסטען נאַציאָנאַלען פרינציפּ
און קומט צום אויסדרוק אין דער פאָדערונג איינצופיהרען פערשטענדיגונ־
גען אָדער קאָלעקטיווע אַרבייטס־אָפּמאַכען צווישען די אַרבייטס־געבער און
אַרבייטער און איבערגעבען אַלע פערשידענע אַרבייטס־קאָנפליקטען צו דער
בוררות פון די אויבערשטע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצען פונ׳ם ישוב (דער ועד הלאומי).

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז פאַר דער פערווירקליכונג פון דער
דאָזיגער פאָדערונג דאַרפען עקזיסטירען איינינגע גרונד־בעדינגונגען. מיר
ווילען דאָ בלויז אויסרעכנען: 1) די געגענזייטיגע זאָרג פון די אַרבייטענ־
דע און אַרבייטס־געבער פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ווירטשאַפט (עס איז
קלאָר, אַז פון די אַרבייטער ווערט דאָ בעיקר געפאָדערט די פעראַנט־
וואָרטליכקייט פאַר דער געזאַמטער פּראָדוקציע פון דער ווירטשאַפט) און
פאַר דעם געהעריגען קיום פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער; 2) די פולע
אַנערקענונג דורך די אַרבייטס־געבער און אַרבייטענדע פון דעם אויטאָריטעט
און אויבערהערשאַפט פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין ישוב (כנסת־ישראל).

אַזוי־אַרום קומען מיר צו דער וויכטיגער פראַגע פון דער אָרגאַני־
זאַציע פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס פונ׳ם ישוב. דער „הנוער הציוני״
בעטראַכט פאַר אַ גרונד־בעדינגונג צו דער איינפיהרונג פון אַן אינערליכער
דיסציפּלין און נאָרמאַלע בעציהונגען צווישען די טיילען פון ישוב — דאָס
אַנערקענען דורך אַלעמען די כנסת־ישראל און איהר אויטאָריטעט.

דערהויפּט שטרייכט אונטער דער „הנוער הציוני״ דעם דעמאָקראַטי־
שען כאַראַקטער פון דער כנסת־ישראל און פון איהרע אינסטיטוציעס. נאָר
אַן אַלגעמיינער און דעמאָקראַטישער וואַהל־מאָדוס וועט קאָנען דער כנסת
און איהרע אינסטיטוציעס געבען דאָס מאָראַלישע רעכט צו ברענגען אין
אָרדנונג די ענינים פונ׳ם ישוב אויף די וויכטיגסטע געביעטען, ווי: א)
אויפ׳ן פּאָליטישען געביעט (פערטרעטונג כלפּי חוץ צוזאַמען מיט דער
אגענץ־עקזעקוטיווע); ב) אויפ׳ן געביעט פון ערציהונג (איינהייטליכע שול־
נעץ); ג) אויפ׳ן סאָציאַלען געביעט (די איינפיהרונג פון אַן אינערליכער
אַרבייטס־געזעצגעבונג און די רעגולירונג פון די אַרבייטס־בעציהונגען);
ד) אויפ׳ן געביעט פון עפענטליכער אַרבייט (השגחה איבער׳ן געזונדהייטס־
וועזען, קאָנצענטרירונג פון זעלבסטפערוואַלטונגס־ענינים פון די יודישע
מוניציפּאַליטעטען, קאָלאָניעס־פערוואַלטונגען און קהילות, א. ד. ג.).

ווי געזאָגט, געהט אָהן אויף די אַלע דאָזיגע געביעטען אַ שווערער
קאַמף אינ׳ם ישוב, וואָס עס האַלט אָב דעם פּראָצעס פון אונזער אויפבוי;
בכדי די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס זאָלען קאָנען דעם דאָזיגען קאַמף לינ־
דערען און דורכדעם געהעריג רעגולירען די אַלע אויסגערעכנטע ענינים,
איז די פליכט פון דער בעוועגונג פון „הנוער הציוני״ אין א״י צו שאַפען
אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע גרופּירונג אינ׳ם ישוב, וועלכע זאָל מיט איהר
טעטיגקייט ווירקען (אויך אינערהאַלב די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס), דאָס

די דאָזיגע אַלע פראַגען זאָלען געלעזט ווערען אונטער אַ אַלגעמיין-ציוניסטישען געזיכטס-פונקט מיט דער העכערשטעלונג פונ׳ם אַלגעמיין-נאַציאָנאַלען אינטערעס איבער דעם פּריוואַטען און קלאַסען-אינטערעס. דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין, וואָס איז אַזוי פערשטענדליך און קלאָר, דרינגט אָבער אין דער ווירקליכקייט זעהר שווער אַריין אין געוויסע טיילען פון ישוב, און דעריבער דאַרף די אַלגעמיין-ציוניסטישע בעוועגונג אין א״י ענטשטעהן קודם-כל פון יענע קרייזען, וועלכע זענען אין דער הינזיכט די חלוצים פון דער פערווירקליכונג פונ׳ם אַלגעמיין-ציוניסטישען געדאַנק אין דעם א״יִדיגען לעבען, און זיי, די דאָזיגע יוגענד-קרייזען, דאַרפען עס אַקטיוו טעטיג ווערען אויף אַלע געביעטען אינ׳ם זין פון דעם אַלגעמיין-ציוניסטישען געבאָט

דער זיך אָרגאַניזירענדער און אויפלעבענדער אַלגעמיינער ציוניזם וועט נאָר דעמאָלסט קאָנען עפּעס אויפטהון אין א״י אַלס אַן׳אַקטיווער פאַקטאָר, ווען ער וועט קאָנצענטרירען אין זיין אָרגאַניזאַציע די אַלע יענע עלעמענטען אין גלות און אין א״י, וואָס זייערע מעשים זענען געבויט אויף דער אַלגעמיין-ציוניסטישער וועלט-אַנשויאונג און אויף אַלע קאָנסעקווענצען, וועלכע פליסען פון איהר אַרויס. דערפון וועט אויך פערשטענדליך ווערען די קאַטעגאָריש נעגאַטיווע בעציהונג פונ׳ם „הנוער הציוני" צו דער לייטונג און ריכטונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אין א״י, וועלכע האָט זיך אין דער מערהייט פון די פּראָבלעמען פון ישוב נישט געהאַלטען ביי דער שטעלונג, צו וועלכער עס פערפליכטעט די אַלגעמיין ציוניסטישע אויפפאַסונג.

דעריבער אַלזאָ ווידמעט דער „הנוער הציוני" אַלע זיינע אָנשטרענגונגען דער שאַפונג פון אַ קריסטאַליזירטער גרופּירונג אינ׳ם וועלט-ציוניזם, וועלכע זאָל מיט ביידע פיס שטעהן אויפ׳ן גרונד פון די אויבענדערמאָהנטע פערווירקליכונגס-פּרינציפּען. אין דער דאָזיגער ריכטונג וואַקסט אויך דער איינפלוס פונ׳ם „הנוער הציוני" אין א״י. דאָס בעוואוסטזיין פון דער נויטיגקייט פון אַזאַ גרופּירונג דרינגט אַלץ מעהר אַריין אין די אַלגעמיין-ציוניסטישע מאַסען, וואָס האָבען נישט לאַנג עולה-געווען. מיט דער אַקטיווער בעטייליגונג פונ׳ם „הנוער הציוני" ענטשטעהט די פּראָגרעסיווע גרופּירונג אין ישוב — די אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטען מיט אַ קלאָרען געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, די אידען-טרעגערין פונ׳ם אַלגעמיינעם ציוניזם. די דאָזיגע גרופּירונג וויל אויסאיבען איהר ווירקונג אויך אין די גלות-לענדער און אין דעם גלויבען, אַז אויך אין גלות וועלען דערוועקט ווערען די כחות, וואָס זענען טריי דעם ריכטיגען ציוניזם, וואָס זענען נאָך אָבער צושפּרייט און שלומערען אונטער׳ן אַש-באַרג פון דעם צוריסענעם און צושפּאָלטענעם ציוניזם. און ווען עס וועלען דערוועקט ווערען די דאָזיגע כחות, ווען זיי וועלען זיך שטעלען צו אַ גרויסער אידעאישער, רעאַליזאַטאָרישער, געזעלשאַפטליכער, ערציהערישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבייט, דאַן וועט דער אַלגעמיינער ציוניזם צוריק פערנעהמען זיין דעצידירענד אָרט אין דער וועלט-בעוועגונג. און דען וועט אויך

נעהמען אַ סוף צום געפעהרליכען פּראָצעס פון געגענזייטיגע קאַמפען און רייסערייען אין ציוניזם, און דאַן וועט שטאַרקער ווערען די זיכערקייט, אַז דער גאולה-אידעאַל ווערט פערווירקליכט.

מיט אַלע זיינע כחות שטרעבט דער „הנוער הציוני“ צו דער פערווירקליכונג פונ'ם דאָזיגען ציעל. איבער 30 טויזענד יוגענדליכע שטרעבען צום דאָזיגען ציעל, דערנעהנטערענדיג זיין פערווירקליכונג אין דער ערציהערישער אַרבייט אין די נעסטען, אין די הכשרה-קיבוצים, וואָס זענען צושפּרייט איבער פערשיעדענע ערטער פון פוילען, רומעניען, לאַטוויען, אונגאַרען, טשעכאָסלאַוואַקיי, ליטאַ, עסטרייך, בעלגיען — אין די אַלע דאָזיגע לענדער עקזיסטירט און ענטוויקעלט זיך דער „הנוער הציוני“. דער דאָזיגער ציעל בעקומט זיין זינבילד אין די קיבוצים פון דער בעוועגונג אין ארץ-ישראל, וואָס ווערען אַלץ מעהר צעמענטירט און פערפעסטיגט בלויז אַ דאַנק דעם טיעפען בעוואוסטזיין, וואָס לעבט אין זיי, אַז אַ גרויסע און ערהאבענע מיסיע איז אָנפערטרויט געוואָרען דער דאָזיגער יוגענד, און דאָס איז — צו רעטען די ציוניסטישע בעוועגונג פון ירידה און צוברעקלונג, און דעם ישוב — פון דער שאַרף פון אַ שווערד, וועלכע שוועבט אַרום צווישען די ברידער-מחנות, וואָס בעקעמפען זיך און האָבען זיך געגענזייטיג פיינד.

אַ ביסעל אינפאַרמאַציע

די וועלט-בעוועגונג פון „הנוער הציוני“ האָט זיך לעצטענס פערשטאַרקט אין אַלע איהרע לאַנדעס-טיילען, ווי דייטשלאַנד, רומעניען, אונגאַרען, טשעכאָסלאָוואַקיי א. אַ..

אויך דער קבוץ אין כפר-סבא, וועלכער איז אַריבער אַהין פון נס-ציונה, האָט זיך בעפעסטיגט מאַטעריעל און זיך אויך פערגרעסערט אין צאָהל. לעצטענס האָט דער קבוץ אויפגענומען אַ גרופּע פון אונזער בעוועגונג אין רומעניע (בוקאָווינא).

די פוילישע לאַנדעס-בעוועגונג מאַכט גרויסע פאָרשריטען. אין יאָהר תרצ"ג האָט די בעוועגונג פערנומען דעם 5-טען אָרט אין די קק"ל-הכנסות, אין יאָהר תרצ"ד זענען די הכנסות נאָך מעהר געשטיגען.

אויך זענען פערברייטערט געוואָרען די חלוציש-קבוצישע רייהען אין דער בעוועגונג. איבער 20 קבוצים מאַכען דורך די הכשרה איבער 600 חלוצים-ות. אין משך פון לעצטען יאָהר זענען עולה-געווען 90 שומרים-ות. די בעוועגונג אין קאָנגרעס-פוילען צעהלט איבער 15000 מיטגליעדער, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין 230 נעסטען. די בעוועגונג אין ק"פ איז פערטיילט אין 10 גלילים (קרייזען) אין יעדען קרייז ווערט אָנגעפיהרט די אַרבייט דורך הנהגת הגליל (קרייז-לייטונג). בראש פון דער גאַנצער בעוועגונג אין ק"פ שטעהט די הנהגה הראשית (לאַנדעס-לייטונג), און אין שפּיץ פון דער וועלט-בעוועגונג שטעהט די הנהגה עליונה (הויפּט-לייטונג) מיט איהרע צוויי סעקרעטאַריאַטען אין וואַרשא און אין א"י*).

*) צוליב דער פאָרגעקומענער שפּאַלטונג אין דער „הנוער-הציוני“-בעוועגונג אין פוילען, ערטיילען מיר פּלאַץ פאַר די אָנפיהרענדע פאַרשטעהער פון ביידע טיילען פון „הנוער הציוני“.
ד י ר ע ד אַ ק צ י ע

קלמן ראזענבלאַט

„הנוער-הציוני"

1. צו דער געשיכטע פון ענטשטעהען.

צוריק מיט 6–8 יאָהר זענען אין כמעט אַלע לענדער פון מזרח- און מיטעל-אייראָפּע גלייכצייטיג ענטשטאַנען יוגענד-גרופּען אונטער פערשיעדענע נעמען. יעדע גרופּע האָט זיך זעלבסשטענדיג ענטוויקעלט און געשאַפען אייגענע ווערטען, אָבהענגיג פון דער ציוניסטישער לאַגע אין לאַנד. אַזוי האָבען זיך ענטוויקעלט בעזונדערע יוגענד-גרופּען אין טראַנסילוואַניען (השומר), אַלט-רומעניען (הנוער הציוני), מזרח-גאַליציען (הסתדרות הנוער העברי), מערב-גאַליציען (אַגודת הנוער העברי, השומר הטהור), קאָנגרעס-פּוילען (השומר הלאומי, הרצליה), לאָטווע (הרצליה), ליטע, טשעכען, עסטרייך א. אַ. וו..

יעדע לאַנדעס-גרופּע האָט זיך אין קאַמף מיט איהר סביבה געבויט איהר אייגענעם אידעען-וועג און ענטוויקעלט ערציהעריש. לויט דעם אידעען-וועג אין דער ענטשטהונגס-פּאַזע קאָן מען די בעזונדערע גרופּען פערטיילען אין צוויי קאַטעגאָריעס: איין טייל („הנוער העברי" און „השומר הלאומי") האָט נעגירט די „פרייע יוגענד-בעוועגונג" און זיך געשטעלט אויפ'ן יסוד פון מיטאַרבייט מיט דער עלטערער געזעלשאַפט אין דער אָרגאַניזירטער פאָרם פון אַלגעמיינעם ציוניזם. דער צווייטער טייל האָט ענטוויקעלט די טעאָריע פון „פרייער" יוגענד-בעוועגונג און געוואָלט אויסבויען אַ אייגענאַרטיגע „יוגענד-קולטור". אויב פאַר „הנוער העברי" און „השומר הלאומי" איז שוין אין אָנהויב געוועזן קלאָר, אַז די ערציהונג דאַרף זיין טענדענציעז (אין ציעל און נישט אין די ערציהונגס-מעטאָדען), און אַז דער פּלאַץ פון בוגר איז נאָר אין די אַלגעמיין-ציוניסטישע רייהען (עס זענען נאָר געוועזן וכוחים, צי דאַרפען זיך די בוגרים צעגיסען אין דער אָרגאַניזאַציע פון עלטערע, צו דאַרפען זיי שאַפען דאָרט אַ בעזונדערען חוג, בעהאַלטענדיג די פערבונדענקייט מיט דער יוגענד-בעוועגונג) — האָט פאַר דעם צווייטען טייל דער אַלגעמיינער ציו-

ניזם אַלס אויסגאַנגס־פּונקט נישט עקזיסטירט און ער האָט געוואָלט ערציהען אָביעקטיוו פאַר אַלע גרופּען אין ציוניזם. דער וועג פון בוגר איז זיין פּערזענליכע פראַגע און מען דאַרף זי נישט פריהער אָנצייכנען.

אויך אין פאָ״ם זענען די בעוועגונגען געווען פערשיעדען. דער „הנוער העברי״ „השומר הלאומי״ זענען געווען סקויטישע אָרגאַניזאַציעס און „הרצליה״— אַ קרייז פון זעלבסטבילדער, וועלכע האָבען דערמאָהנט די אַמאָליגע „צעירי ציון״. אידעען פון חלוציות, הגשמה עצמית האָבען געהערשט מעהר אינטואיטיוו, ווי אַלס ערציהערישע אימפּעראַטיווען.

די אידעאישע ענטוויקלונג האָט אָבער דערפיהרט צו אַ דערנעהנטערונג פון די באַזונדערע יוגענד־פערבאַנדען. נישט לאַנג האָט מען געקאָנט לעבען מיט נעגאַציע און אינטואיציע און זייער אָרט האָבען געמוזט פערנעמען פּאָזיטיווע ווערטען. די אידעע פון חלוציות איז אַלץ מעהר אַריינגעדרינגען אין די יוגענד־שורות און די ערשטע בוגרים זענען אַוועק קיין א״י. פון גאַליציען איז שוין אין יאָהר 1929 דער ערשטער קבוץ עולה געווען און אויך פון אַנדערע לענדער זענען איינצעלנע אָנגעקומען. די א״י־ווירקליכקייט האָט פערלאַנגט אָנצונעהמען שטעלונג צו פערשיעדענע לעבענס־פראַגען פון ישוב און ציוניזם און דאָס האָט צוזאַמענגעבראַכט די בוגרים פון פערשיעדענע בעוועגונגען. דער הערשענדער פראַקציאָניזם, וועלכער איז געווען פרעמד אַלע לאַנדעס־גרופּען און די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די טויזענדער יונגע מענשען, וועלכע זענען געקומען אין די בעוועגונגען — האָבען צוגעאיילט דעם קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס. בכדי נישט צו בלייבען נאָר אַ עפּיזאָד אין ציוניזם און קאָנען ערפילען די היסטאָרישע שליחות האָט מען געשטרעבט צו שאַפען אַ איינהייטליכען כח מיט אַ קלאָרען אידעען־וועג. אַ דאַנק דער אָפּפערוויליגקייט און געגענזייטיגע רעזיגנאַציעס איז ענטשטאַנען די וועלט־בעוועגונג „הנוער הציוני״ אַלס אַ אָרגאַניזירטער כח אין גלות און אין א״י. דאָס שאַפען פון דער וועלט־בעוועגונג איז פאָראויסגעגאַנגען די אוניפיקאַציע פון די בעזונדערע בעוועגונגען אין פוילען און רומעניען. די וועלט־בעוועגונג האָט היינט איהרע אָבטיילונגען אין פוילען, רומעניען, עסטרייך, אונגאַרן, טשעכען, בעלגיען, לוקסענבורג, ליטע און לאַטוויע.

2. די אידעאישע יסודות.

דער אופן פון אָרגאַניזאַטאָרישער ענטוויקלונג, וועלכע איז געגאַנגען דינאַמיש און זעלבסטשטענדיג, האָט זיין אָבבילד אויך אין דעם אידעען־פּראָצעס. נישט דאָגמאַטען אָדער פון ערגעץ גענומענע וועלט־אַנשויאונגען, נאָר דורך דער יודישער ווירקליכקייט אָנגעוויזענע, אַליין־געשאַפענע געדאַנקען — האָבען אויפגעבויט די אידעען־וועלט פון „הנוער הציוני״.

צו די פּרינציפּען געהערען:

1) די יודען־פראַגע נעהמט אַרום דאָס גאַנצע יודישע פאָלק. זי געהט אָן אַלע טיילען פון פאָלק און נישט נאָר איינצעלנע קלאַסען אָדער גרוי־

פען (דער אַנטיסעמיטיזם מאַכט נישט קיין חלוק צווישען יוד. אַרבייטער און יוד. בעזיצער).

2) אַ פאָלק איז אַ אָרגאַנישע גאַנצהייט און נישט אַ מעכאַנישער צוזאַמענשטעל פון זיך־בעקעמפענדע קלאַסען—ד. ה. אַז צווישען דעם יחיד און דער מענשהייט שטעהט דאָס פאָלק, אַלס גרופּע פון מענשען, וועלכע זענען צוזאַמענגעבונדען דורך בשותּפות׳דיגע איבערלעבענישען, טראַדיציע, מנהגים, שפּראַך, קולטור און בעיקר מיט געמיינזאַמע צוקונפט־שטרעבונגען (קולטור־געמיינשאַפט, כאַראַקטער־געמיינשאַפט, שיקזאַל־געמיינשאַפט).

3) די אינטערעסען פון יחיד, קלאַס און גרופּע מוזען זיך אונטער־אָרדנען דעם כלל (נאַציאָנאַלער פּרימאַט).

די אויבענדערמאָהנטע יסודות האָבען אָנגעצייכענט דעם אידעאישען און ערציהעריש׳ען וועג פון „הנוער הציוני“ און געענטפערט אויף פער־שיעדענע ציוניסטישע פּראָבלעמען.

1) די יודען־פראגע אלס פאָלקס־פראגע האָט מיט־געבראַכט:

א) דעם דאָגמאַט פון דער ציונ. וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַלס די איינ־ציגע טרעגערין פון נאַציאָנאַלען רענעסאַנס.

ב) דער לאָגישער סובסטראַט פון פאָלקס־קאָלאָניזאַציע איז דאָס שאַ־פען פון אַ יודישער מדינה פאַר די ברייטע מאַסען פון יוד. פאָלק.

ג) די נויטיגקייט פון דערקענען און פערזענליכען איבערלעבען אַלע יודישע ווערטען, ווייל נאָר זיי זענען בכּח צוצובערענגען דעם יונגען מענש צום פאָלק (נאַציאָנאַלע, העברעישע ערציהונג).

2) דאָס פאָלק אלס אָרגאַנישע גאַנצהייט האָט מיט־געבראַכט:

א) די נויטוועגדיגקייט פון צוזאַמענאַרבייט צווישען די פערשיעדענע קלאַסען און נעגאַציע פון קלאַסען־קאַמף (בוררות חובה לאומית, לשכות משותּפות).

ב) די נעגאַציע פון קלאַסען־ און גרופּען־אידעאָלאָגיעס און שטרעבען צו שאַפען אַ כּח, וועלכער זאָל קאָנען משפּיע זיין אויפ׳ן גאַנג פון דעם זיך בויענדען ישוב (אין פּרט פון אָבשוואַכען דעם ברודער־קאַמף אין ציו־ניזם — די אידעע פון איין וועלט־פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען, אַלס אָרגאַניזאַציע פון פאָלק).

3) נאַציאָנאַלער פּרימאַט האָט דיקטירט:

א) דאָס קריטעריום פון ציוניסטישער פעראַנטוואָרטליכקייט איז דער כלל ד. ה. די אַרבייט פאַר לעזען די פראַגע פון גאַנצען פאָלק.

ב) דאָס אַנערקענען די פאָנדען, וועלכע דיענען דעם גאַנצען פאָלק און נישט פּאַרטיי־פאָנדען.

ג) די דאגה פאַר פערגרעסערען די אויפנאַמס־פעהיגקייט פון א״י איז די צענטראַלע פראַגע און דערפאַר: דער אימפּעראַטיוו פון עבודה עברית, יודישע לאַנדווירטשאַפט און חלוציות (די רעזיגנאַציע פון קאַפּיטאַל און אַרבייט פאַר דעם כלל).

3. אַלגעמיינער ציוניזם.

דאָס בעגרייפען פון פאָלק אַלס אָרגאַנישע גאַנצהייט און זאָרג פאַר אַ צענטראַלען כּח, וועלכער זאָל פאַר זיינע אויגען האָבען דעם כּלל, האָט געמוזט ברענגען דעם „הנוער הציוני“, אַלס וועלט-בעוועגונג צו די, וועלכע האָבען בעקעמפט דעם פראַקציאָניזם. אין די איינצעלנע לענדער האָבען עקזיסטירט ציוניסטישע לאַנדעס-פערבאַנדען, וועלכע זענען מיט דער צייט געבליבען אָהן יוגענד, וויל די זיך ענטוויקלענדע פראַקציעס האָבען זי צוגענומען. אין לאַנדעס-פערבאַנדען זענען געבליבען נאָר די, פאַר וועלכע דער איינציגער וועג איז געווען דער ציוניזם און האָבען זיך נישט געוואָלט פערבינדען מיט אַנדערע אַנשויאונגען. דערפאַר אויך האָט די בעוועגונג „הנוער הציוני“ אין די, וועלכע זענען געבליבען אין די לאַנדעס-פערבאַנדען (אַלגעמיינע ציוניסטען) איהרע נאַטירליכע פערבינדעטע, אין *אין ווענעמענס רייהען* די יוגענד דאַרף קעמפען פאַר רעאַליזירען דעם ציוניזם. *נישט אַ פּאַרטיי*, וועלכע *פערטרעט די אינטערעסען פון דער אָדער יענער גרופּע* זעהט דער „הנוער הציוני“ אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, נאָר אַ *אָרגאַניזאַציע פון גאַנצען פאָלק*, וועלכע האָט ברייטע פאָלקס-אויפגאַבען און דאַרף אַ ענדע מאַכען צום ברודער-קאַמף אין ציוניזם. נאָר אַ צענטראַליזירטער און אָרגאַניזירטער כּח קאָן ברענגען ענדערונגען אין דער אָבגעשוואַכטער ציונ. אָרג. און דערפאַר האָט דער „הנוער הציוני“ אויפגעהויבען די אידעע פון *שאַפען איין איינהייטליכען פערבאַנד פון אַלע אַלגעמיינע ציוניסטען אין דער וועלט*. די סכּנה פון צערפאַל אויף בעזונדערע גרופּען (גרופּע א׳, ב׳) אָדער דאָס פערבלייבען אין ביז איצטיגען כאַאָס האָט געדראָהט, אַז דער אַלגעמיינער ציוניזם זאָל זיין ראָלע אין ציוניזם נישט אָבשפּיעלען, וויל צעשפּליטערט און שוואַך וועט ער זיך נישט קאָנען אַקעגענשטעלען דער איבערגעוויכט פון די פראַקציעס, און די איינצעלנע טיילען וועלען נישט קאָנען זיין זעלבסטשטענדיג און וועלען נאָר זיין נאָכשלעפּערס פון די בעזונדערע פּאַרטייען. דער „הנוער הציוני“ געהט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז עס זענען נישט פערהאַן קיין קאַרדינאַלע חלוקי-דעות צווישען די פערשיעדענע גרופּען אין אַלגעמיינעם ציוניזם, און אַז די עקזיסטירענדע ניואַנסען זענען נאָר אַ פּועל-יוצא פון ביזאיצטיגער זעלבסטשטענדיגקייט און צווייטראַנגיגע, אָרגאַניזאַטאָרישע (דער יחס צו דער עקזעקוטיווע א. אַ. וו.) דיפערענצען. דערפאַר איז דער „הנוער הציוני“ אַרויסגעטרעטען געגען די בעשלוסען פון דער קאָנפערענץ אין ווילנא און די פערהאַנדלונגען פון די אַ. ג. פּראָגרעסיווע ציוניסטען אין א״י, וועלכע האָבען זיך בעשטרעבט צו שאַפען אַ צווייטען וועלט-פערבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען, און אַ *דאַנק דער דאָזיגער שטעלונג* איז דער אַלגעמיינער ציוניזם נישט געשפּאָלטען געוואָרען. די קאָנפערענץ אין קראקא און די פעראייניגונג פון דער גרופּע א׳ און ב׳ הויבט-אָן אַ נייע תקופה

אין ציוניזם בכלל און אין אַלגעמיינעם ציוניזם בפרט. דער קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס אין אַלגעמיינעם ציוניזם וועט זיין מיסיע ערפילען: ער וועט די ציוניסטישע בעוועגונג פערהיטען פון פערניכטונג. אויך אין די איינצעלנע לענדער און בעיקר אין פוילען קעמפט דער „הנוער הציוני" פאַר דער ענדגילטיגער אוניפיקאַציע פון די ביז איצט בעזונדער עקזיסטירענדע ציונ. אָרגאַניזאַציע (מזרח-גאַליציען, מערב-גאַליציען, קאָנגרעס-פוילען).

אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם זענען אָבער אַ דאַנק דעם אידעאישען כאָאָס אַריין גרופען און מענשען, וועלכע האָבען מיט איהם קיין שום שותפות. אין דער א"י-דיגער אָרגאַניזאַציע האָבען זיך געפונען מענשען, וועלכע פיהלען זיך נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר דער גאַנצקייט פון דעם זיך בויענדען ישוב. עס זיצען מענשען, וועלכע פערנעהמען אַראַבישע אַרבייטער און אַזעלכע, וואָס סאַנקציאָנירען די דאָזיגע טהאַטען. דער קריסטאַליזירונגס-פּראָצעס פון אַלג. ציוניזם מוז דערצו פיהרען, דאָס די אַלע, וועלכע ווילען פערבייטען די אָרגאַניזאַציע פון פאָלק אין אַ פאָרשטעהערשאַפט פון איין קלאַס און בעקעמפען עבודה עברית (גראָבען אונטער אונזער זעלבסטשטענדיגע ענטוויקלונג אין א"י) זאָלען בעזייטיגט ווערען. אויך די גרופע, וועלכע זעהט נישט די נויטווענדיגקייט פון קאָנצענטראַציע אין אַלג. ציונ., בעמיהט זיך איהם צו פאַרצעלירען און שלעפט זיך נאָך די לינקע קריטיקלאָז — מוז אויפהערען צו גילטען אַלס אַלגעמיין-ציוניסטישע.

4. הגשמה עצמית.

דער נאַציאָנאַלער פּרימאַט און דער ציעל פון אונזער אויפבוי-אַרבייט (שאַפען קאָלאָניזאַציע-מעגליכקייטען פאַר גרויסע און קאָמפּאַקטע יודישע מאַסען) האָבען צוזאַמען מיט דעם שטייגענדען פעראַנטוואָרטליכקייטס-געפיהל געמוזט פיהרען צו חלוציות. דער אומשיכטונגס-פּראָצעס איז אין „הנוער הציוני" נישט געקומען אַלס אויספלוס פון סאָציאַליסטישע אידעען און אויך נישט פון ריין-הומאַניטאַרע אָדער עטישע סיבות — נאָר אַלס פועל-יוצא פון נאַציאָנאַלען אימפּעראַטיוו: צו שאַפען אַ נאָרמאַל און זעלבסטשטענדיג יודיש לאַנד פון א"י און צו ערמעגליכען אַ ברייטע יודישע אימיגראַציע. די אויפפאַסונג פון אַרבייט איז דערפאַר נישט קיין מאַטעריאַליסטישע (אַלס עקזיסטענץ-מיטעל) און אויך נישט אַ אָביעקטיוו-אידעאַליזירטע (גאָרדאָניסטישע: אַרבייט דערנעהנטערט צום קאָסמאָס), נאָר אַ ריין סוביעקטיוו-נאַציאָנאַלע, אַ מיטעל צו פערגרעסערען די אויפנאַמס-פעהיגקייט פון לאַנד דורך צוגרייטען דורך אַרבייט נייע קאָלאָניזאַציע-מעגליכקייטען.

דער „הנוער הציוני", אַלס אַוואַנגאַרד פון פאָלק איז פעראינטערעסירט צו שאַפען פּאָזיציעס, וועלכע זאָלען ערמעגליכען דאָס בעזעצען פון די ברייטע פאָלקס-מאַסען אין א"י. מחוץ פון די פּאָליטישע מיטעל און גרויסען נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל איז דערצו בערופען די חלוציישע יו-

ג ע ג ד. אָהן דעם יודישען דאָרף, אָהן פערנעהמען די בערג און די ווייטע שטחים אין צפון און אין נגב איז נישט מעגליך צו שאַפען אַ נ אָ ר מ אַ ל י ו ד י ש א ״ י פאַר די ברייטע יודישע מאַסען. אויף די פּאָזיציעס (דאָרף, בערג, ווייטע געגענדען), וועלכע זענען מסופּק׳דיג, וועט נאָר געהן אַ א י ד ע אַ ל י ס ט י ש ע יוגענד, פאַר וועלכער דער ציעל פון ציוניזם און דער עתיד פון יודישען פאָלק זענען טייער.

דער ק ב ו ץ איז די פאָרם, אין וועלכער דער יחיד זאָגט זיך אָב פון זיין פּריוואַטע אינטערעסען און שטעלט זיך צו דער דיספּאָזיציע פון כלל. דער קבוץ איז אויך געוואָרען דער לעבענס- און רעאַליזאַציע-אויסדרוק פון „הנוער הציוני״.

נישט אַ קעמערל פון דער שפּעטערער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זעהט דער „הנוער הציוני״ אין קבוץ, נאָר אַ פ ל אַ ץ פ ו ן ק אַ מ ף פ אַ ר צ י ו נ י ס ט י ש ע ר ר ע אַ ל י ז אַ צ י ע. אין דאָרף, וואו די פּערדיענסטען זענען קליין, וועט נאָר געהן די יוגענד, וועלכע געהט אין קבוץ אין נאָמען פון שאַפען קאָלאָניזאַציע-מעגליכקייטען פאַר די יודישע מאַסען. ד ע ר „ה נ ו ע ר ה צ י ו נ י ״ זעהט זיין היסטאָרישע מיסיע אין ערציהען אַ טיפּ פון מענשען, וועלכער וועט אויס אייגענעם ווילען (נישט אַלס דור עקדה) געהן אין די אַרבייטער-רייהען מיט דעם ציעל פאַרצוברייטען פּלאַץ פאַר די ברייטע פאָלקס-מאַסען. אין דער פראַגע פון אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט (הסתדרות-העובדים) האַלט דער „הנוער הציוני״ פאַר נויטווענדיג א י י ן אַ ר ב י י ט ע ר - אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע אי ן ד ע ר צ י ו נ. אָ ר ג.. די אַרבייטער-אָרג. דאַרף האָבען אַ פּ אָ ל י ט י ש-נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר א ו ן ד אַ ר ף ז י י ן אַ ב ע-ש ט אַ נ ד-ט י י ל פ ו ן ד ע ר צ י ו נ. אָ ר ג.. (די לינקע פּועלי-ציון, וועלכע זענען נישט קיין מיטגליעדער פון דער ציונ. אָרג. און זענען יאָ אין דער הסתדרות העובדים הכללית — דערלאָזען נישט צו אַנערקענען זי אַלס די איינציגע ציונ. אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע. אונזער קאַמף אין דער הסת. העובדים געהט פאַר שטעלען די לינקע פּ״צ מחוץ דער הסתדרות).

5. ערציהערישע מעטאָדען.

צו די דערמאָהנטע עיקרים זענען צוגעפּאַסט די ערציהערישע מעטאָדען פון „הנוער הציוני״. די ברייטע און אַלזייטיגע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ע ר-צ י ה ו נ ג בינדט צונויף דעם יונגען מיט דעם יוד. עבר און הוה און שאַפט דאָס בעוואוסטזיין פון נאַציאָנאַל-געמיינשאַפט. די צוזאַמענאַרבייט מיט דער גאַנצער יוד. געזעלשאַפט ווערט אַ נאָרמאַלע ערשיינונג און שאַפט דאָס בעוואוסטזיין פון שלשלת הדורות. ד י ס ק ו י ט י ש ע ע ר צ י ה ו נ ג בילדעט דעם כאַראַקטער פון יחיד און ענטוויקעלט אין איהם דעם אידעאַליסטישען כח צו זיין שפּעטערער אַרבייט, פערבינדט דעם יונגען מיט דער נאַטור און דערגעהנטערט איהם צו אַרבייט.

דער יחיד שטעהט אין צענטרום פון דער ערציהונגס-ארבייט און דאס ענטוויקלען פון זיינע פערזענליכע סגולות קאן איהם פיהרען צו דער רעאליזאציע פון דער אידעע. די פאליטישע ערציהונג גיט די איינשטעלונג אין דעם יחס צו טעגליכע ערשיינונגען און שאפט דעם בירגער פון דער ציון. ארגאניזאציע.

6. סך-הכל.

די בעוועגונג „הנוער הציוני" געפינט זיך אין סטאדיום פון ענטוויקלען און האט צו פערצייכענען א אידעאישען און ארגאניזאציאנעלען אויפשטייג, הגם אויך א סך קרבנות האט זי געבראכט. די בעוועגונג פיהרט איהר ארבייט אין צוויי טיילען: 1) זי שאפט דעם פאליטישען כח פון אלגעמיינעם ציוניזם, וועלכער דארף שטארקען די ציוניסטישע בעוועגונג. 2) זי ערציהט א דור פון חלוצים, וועלכע געהען אין די שווערסטע פונקטען אין א"י, בכדי צו שאפען קאלאניזאציע-מעגליכקייטען פאר די ברייטע מאסען פון יוד. פאלק. ביידע צווייגען פון ארבייט ערגענצען זיך.

די בעוועגונג צעהלט היינט 40.000 מיטגליעדער און האט אין א"י 8 קבוצים. דער ערשטער קבוץ פון דער בעוועגונג (פתח תקוה) געהט שוין אויף התישבות קיין קרית ענבים.

די הנהגה העליונה גיט ארויס א העברעאישע מאנאט-שריפט „הנוער הציוני", די הנהגות הראשיות אין די איינצעלנע לענדער גיבען ארויס צייטונגען און ביולעטינס אין העברעאיש, יודיש און אין די לאנדעס-שפראכען.

ווארשע, 10 . 3 . 34.

אשר שנפלד

„השומר־הצעיר"

דער „השומר הצעיר" איז די קלאַסישסטע יוגענד־בעוועגונג אין דעם יו־דישען פאָלק. נישט נאָר צוליב דעם, ווייל זי איז די עלטסטע און מעכטיגסטע בעוועגונג אין דער יודישער יוגענד, נישט נאָר צוליעב דעם, וואָס זי איז פערצווייגט אין העכער 20 לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס איבער דער גאָרער וועלט, ווי נאָר עס קריסטאַליזירט זיך און שפּראָצט אויף אין דער יודישער דיאַספּאָרע די רענעסאַנס־אידעע, נישט צוליעב דעם, ווייל זי האָט אויפגעשטעלט אַ זעלבסטשטענדיגען ספּעציפישען ערציהונגס־סיסטעם, וואָס נעהמט אַרום 65.000 יונגע יודען און פערמאָגט שוין אין א"י העכער 2500 פּראָדוקטיווע אַרבייטער, וואָס אַרבייטען אין 25 לאַנדווירטשאַפטס־קבוצים און משקים — נאָר ראשית־כל צוליעב דעם, ווייל דער „השומר הצעיר":

1. איז נישט קיין שאַפונג פון וועלכער עס איז פּאַרטיי און איז נישט ענטשטאַנען אויפ'ן יסוד פון אַ פאָראויס־בעשטימטען פּראָגראַם, וועל־כע די ניי־אָרגאַניזירטע יוגענד האָט די אויפגאַבע צו רעאַליזירען — נאָר אין דעם לעבענס־געראַנגעל, אונטער דעם דרוק פון סאָציאָלאָגישע כּחות און היסטאָרישע אויפגאַבען קריסטאַליזירט ער זיין יוגענד־וועלט־אַנשויאונג.

2. בעגנוגענט זיך נישט נאָר מיט אויסבילדען פּאָליטישע אנשוי־אונגען ביי זיינע מיטגליעדער, נאָר נעהמט אַרום דאָס גאַנצע לעבען פון יעדען יוגענדליכען, אָנהויבענדיג פון די קינדער־יאָהרען און פערענדיגענ־דיג מיט דעם אויפשטעלען נייע געזעלשאַפטליכע קעמערלעך פאַר שאַפען און לעבען אין א"י.

3. בעגלייט די נאַציאָנאַלע רענעסאַנס־בעוועגונג אין יודישען פאָלק, וועלכע האָט בעקומען איהר פולען אויסדרוק אין ציוניזם, און שוין מעהר ווי 20 יאָהר מאַכט ער מיט די אַלע פאַזען פון דער יודישער רענעסאַנס־רעוואָלוציע, שטעלענדיג זיך שטענדיג אונטער די פעהנער פון פּיאָנערישען אמת'ען ציוניזם אין אַלע זיינע קאַמף־עפּאָכען: אין צייטען פון פּאָפּולערי־טעט און אויפשוואונג, ווי אויך אין די שווערע מאָמענטען פון נסיונות און

קריזיסען, ווען פיעל פון די פערצווייפעלטע מאַסען ווענדען זיך אָב פון זייער אידעע.

ווייל צוויי זענען די הויפּט־יסודות אויף וועלכע עס וואַקסט אויף אַ יוגענד־בעוועגונג. דער ערשטער פליעסט אַרויס פון מ ה ו ת פון דער יוגענד גופא, — דאָס איז דער אייביגער אַנטאַגאָניזם צווישען דער אַלטער און יונגער גענעראַציע. דער צווייטער יסוד — דאָס זענען די היסטאָרישע פאָדערונגען פון דער עפּאָכע. די געשיכטע פון „השומר הצעיר” זאָגט דעריויף עדות.

די ענטשטעהונג פון „השומר הצעיר” האָט נישט קיין אויסגעשפּראָכענע דאַטע. נישט פון אַ קאָניונקטורעלען אויפשוואונג און נישט פון אַ פּלוצלינגדיגער מפּלה, נישט פון אַ פּאַרטיי־שאַפונג אָדער פון אַ רעפאָרמירענדער פּאַרטיי־שפּליטערונג וואַקסט ער אַרויס, נאָר פון דער טיעפער מיטאָלאָגישער וויר־וואר־צייט און אויפגליוערונג אין דער יודישער מאַסע, פּונקט ווי דער ציוניזם און יודישער סאָציאַליזם. דאָ און דאָרט האָט די אידעע אויפגעבליהט, דאָ און דאָרט זענען געמאַכט געוואָרען פערשיעדענע פּרובען פון געבען איהר אַ אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם. מיט אַ געוויסער שאַטירונג אָדער ניואַנס־ענדערונג האָט מען געפּרובט אין פריימיטיווען פערנעהם צו קאָנקרעטיזירען איהרע אידעאישע הנחות, אָבער די קאָנקרעטע שפּורען פון זיין ענטשטעהן איז שווער צו געפונען.

שוין די ערשטע מנהיגים פון ציוניזם האָבען מיט זייער געניאַל־שעפערישען ווייט־בליקענדען גייסט, אַרומנעמענדיג די יודען־פראַגע געווענדעט זייער הארציגסטע אויפמערקזאַמקייט אויף דער יודישער יוגענד און געזעהען אין איהר דעם פעלז־שטאַרקען יסוד פאַר זייער אויפריהרערישער טעטיגקייט. ווייל יעדער אמת׳ער, טיעף־רעוואָלוציאָניזירענדער מאַסען־טהאַט, וואָס באַזירט זיך נישט אויף גינסטיגע קאָניונקטורען, בכדי אויסצונוצען זיי פאַר צייטווייליגע פּאַרטייאישע צוועקען, נאָר שטרעבט מיט׳ן גאַנצען הארץ און מח צו אַ ערנסטען איבעראַנדערשענדען טהאַט, מוז זיך ווענדען צו דעם קאָלאָסאַלען אוצר פון מוט, אָפּפערוויליגקייט, בעגייסטערונג און קראַפט, וועלכע די יוגענד שטעלט מיט זיך פאָר. די שריפטשטעלער פון ציוניזם, זיינע שעפער, הערצלדען און באַהן־ברעכער, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט הויכע אידעען פון גערעכטיגקייט, דעמאָקראַטיע, פּראָגרעסיווען קולטור־גייסט און וואָס האָבען געטרוימט תמיד וועגען אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאָלקס־בעפרייאונג פאַר דער בויאונג פון אַ נייעם, בעסערען, געזעלשאַפטליכען לעבענס־שטייגער אין א״י — שוין זיי, וועקענדיג די ברייטע פאָלקס־מאַסען צו אַקטועלער פּאָליטישער טעטיגקייט, האָבען גלייכצייטיג ערוועקט די יוגענד־נשמה, געשפּאַנט די סטרונעס פון איהר יוגענד־פּסיכאָלאָגיע, געלערענט זי זיין שטאָלץ מיט איהר אייגענאַרטיגען אינהאַלט, אויפווייענדיג אויף דער נאָענט־ווייטער צוקונפט, וואָס וועט אויפפאָדערען די ניי־ערוואַכטע יוגענד צו העראָאישע מעשים און קאָלאָסאַלער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר׳ן גורל פונ׳ם יודישען פאָלק.

* *
*

דער ציוניזם, אַלס אידעע אין די ערשטע צייטען נאָך זיין פּראָקלאַמירונג, טראָגט אין זיך די וויכטיגסטע פּסיכישע עלעמענטען, אָהן וועמענס הילף עס וואָלט זיך נישט געקענט אויסשפּילען די גאַנצע מעכטיגע פּאָליטישע און סאָציאַלע טעטיגקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס יודישע לעבען פון לעצטען דור. דער ציוניזם, אין תּוך גענומען, האָט גערופען דאָס פאָלק צו אנערקענען זיינע לעבענס־רעכט, אָבוועג ענדען זיך פון יעדער אַסימילאַציע, אויטאָ־עמאַנציפּירען זיך, שטאָלצירען מיט'ן אייגנאַרטיגען קולטור־כאַראַקטער און ענטוויקלען די אינערליכע זעלבסט־קרעפטען. דער שטאָלצער געדאַנק, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין אַ צייט פון יודען־ערנידערונג, רעאַקציאָנערן אַבסאָלוטיזם, אין צייטען פון פּאָגראָמען און ווילדער אַנטיסעמיטישער וועלט־העצע האָט ממילא געזייט צווישען דער יוגענד זעלבסטוועדט, גלויבען אין קראַפט, באַגייסטערונג צו זוכן נאָך פאָלקסטימליכען יודישען לעבענס־כאַראַקטער, צו פערטיפען זיך אין די נאַטירלעכע בעדינגונגען פון איהר עקאָנאָמיש־קולטורעלער עגזיסטענץ און שאַפען אין איהר אַזאַ לעבענס־אַטמאָספער, וועלכע איז פון איין זייט אַ פּועל־יוצא פון נאַטירליכען יודישען לעבען, פון דער אַנדערער אָבער—אַ גאַהרונג צו פערנעמען די ניי־ענטדעקטע ברייטע וועלט (וואָס האָט זיך פאַר זיי ענטפּלעקט נאָך דעם איינפאַלען פון די געטהאָ־מויערען) און צופאַסען די דאָזיגע וועלט־אוצרות צו דעם ניי־ענטשטאַנענעם יודישען קולטור־שטייגער.

די נויטיגקייט צו בעפרידיגען קולטורעלע בעדערפענישען צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער, דאָס געפיהל פון נויטוועגדיגקייט איבערצואַנדערשען אַלטע קולטור־עלעמענטען אויף יודישע אָבער מאָדערנערע קנינים אין אַ יודישער יוגענד־בעוועגונג — ווייל אַ יוגענד־בעוועגונג איז אַ גאַהרונג נאָך נייער קולטור — דאָס איז געווען די סבה פון ענטשטעהען אַ יודישע און זעלבסט־שטענדיגע און פרייע יוגענד־בעוועגונג — די יודישע געבורטס־וויג פון דעם „השומר־הצעיר".

אַ חוץ אָבער דער דאָזיגער ספּעציפיש־יודישער סבה האָט בעווירקט די ענטשטעהונג און דעם וועג פון „השומר־הצעיר" אויך דער קולטורעלער קריזיס אין דער פאַר'מלחמה'דיגער אייראָפּא.

אַנדערע זענען געוועזען די סבות פון דער ענטשטעהונג פון די יוגענד־בעוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער און אַנדערע ביי אונז — טראָץ דעם, וואָס אויסערליך זענען זיי צווישען זיך עהנליך — און דעריבער האָבען זיך אויך זייערע וועגען פונאַנדערגעשיידט.

די וועלטליכע יוגענד האָט רעוואָלטירט געגען אַ פיינדליכער, אָבער אַ עגזיסטירנדער און מעכטיגער לעבענס־קראַפט.

די יודישע יוגענד אָבער איז אויפגעשטאַנען געגען איהרע דערנידערינגענדיגע פּאָזיציעס אין דער וועלט, געגען דער אָנמאַכט פון טאַטעס, געגען חרוב ווערען פון היימישען לעבענס־שטייגער.

די וועלט־יוגענד שטאַמט־אָב פון אַ אָנפירענדען, מיט׳ן פאָלקס־לעבען טיף איינגעוואָרצעלטען אין דער וועלט־פּאָליטיק, בירגער־קלאַס.

די יודישע יוגענד — פון אַ אָמאָרפע מאַסע בעלי־מלאכות, שטעקעל־דרייערס, אונטערגייענדע גבירים, און פון אַ פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, וועמענס לעבען עס הענגט אויף אַ האָר.

די יודישע יוגענד־בעוועגונג האָט נאָך אַ רייהע ראַנגלענישען און זוכעני־שען געזועהען, אַז דער בונד אין איהר מוז אָננעהמען אַ קאָנסטרוקטי־ווען כאַראַקטער. דער צאָרן איז געווענדעט נישט געגען מאַכט, נאָר געגען מאַכטלאָזיגקייט. דאָס רייף ווערען אין דער בעוועגונג האָט געקאָנט פיהרען אָדער צו בירגערליכקייט אָדער צו ראַדיקאַל־סאָציאַליזם. אָבער אין סך־הכּל שטעלען מיט זיךביידע אויספיהרען פאַר אַ פערספעקטיוו פון אונפערמייד־ליכער אַסימילאַציע, פון חשבונות־מאַכעריי מיט פרעמדע פאָלקס־אינטערעסען און קרעפטען פון צופאַסען זיך צו זיי, שפּאַלטען זיך אויפ׳ן חשבון פון פרעמדע קאָנפליקטען, ממשיך צו זיין מיט׳ן זעלבסטשטענדיגען פאָלקס־וועג, ווירקען אין דער ראַהם פון נאַטורעלע און אייגענאַרטיגע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע בעדינגונגען, ד. ה. איינזעהן, אַז די סטרוקטור פון היינטיגען עקאָנאָמיש־סאָציאַלען יודישען לעבען איז צופעליגקייט, באָדענלאָזיגקייט, אַנאַטורעלקייט, אַ פּראָדוקט פון קרעפטען, איבער וועלכע מיר האָבען נישט קיין שליטה און דעריבער קענען מיר זיי נישט איבעראַנדערשען. די קלאַסען־שפּאַלטונג אין די יודישע יוגענד־רייהען איז געווען אוגבערעכטיגט, ווייל די יודישע יוגענד אין איהר גרויסער מעה־הייט איז קלאַסענלאָז, זי שטאַמט־אָב פון אַ וויר־וואַר פון אויפגייענדע אביונים און אונטערגייענדע גבירים, פון אַ בעש־שעפטיגונגסלאָזער, לומפען־פּראָלעטאַרישער, אוננאָרמאַלער ריזען־מאַסע, וואָס זוכט און מוז געפינען איהר עקאָנאָמיש־סאָציאַלען תּיקון, וועלכען נאָר די יוגענד קען פערשאַפען און ברענגען.

דער נישטיגער אַרבייטער־פּראָצענט אין דעם יודישען פאָלק, דאָס באָדענלאָזיגקייט פון זיינע סאָציאַליסטישע גלות־פּאַרטייען, די שוואַכקייט און סטאַביללאָזיגקייט פון זיין גרויס־בורזשואַזיע האָבען נישט געקענט שפּאַלטען די יודישע יוגענד־רייהען. מיט׳ן רייף ווערען האָט דער יוגענדליכער, זוכענ־דיג אַ וועג איינצואָרדנען זיך אין לעבען, נישט געמוזט און נישט געקענט געהערען צום גלות־סאָציאַליזם און אויך נישט געהערען צום נאָרמאַל בירגערליכען לעבענס־וועזען. צוליב דער דאָזיגער טראַגישער לאַגע איז די יודישע יוגענד־בעוועגונג געבליבען פּיעל יאָהרען טריי צו איהר סטיל, זעלבסט־שטענדיג געזוכט און געבויט זיך דעם וועג פאַר איהרע מיטגליעדער, נישט געשפּאָלטען זיך, נישט פערלוירען איהר אייגענאַרט, נישט געשטעלט זיך אונטער׳ן דיקטאַט פון דער אָדער יענער פּאַרטיי, נאָר קאָאָפּערירט מיט אידעאיש־נאָהענטע גרופּירונגען ביי וויכטיגע אַקציעס און אויך מצליח געווען אויפצוהאַלטען איבער 2000 דערוואַקסענע מיטגליעדער אין א״י, נישט געוואָלט שאַבלאָנאָזירען און אונטערגעהן אַלס בעוועגונג פון עלטערע, נאָר שאַפען אַ

אייגענאַרטיגע, ספּעציפישע, דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע — דעם „קבוץ הארצי מיסודו של השומר־הצעיר".

די זעלבע סיבה, וואָס האָט געבראַכען און ניוועלירט די יוגענד־בע־וועגונג אין דער וועלט און אָבגעמעקט זי אַלס היסטאָרישען פאַקטאָר און קולטור־עפּאָכע, האָט דוקא די יודישע יוגענד קאָנסאָלידירט, צונויפגעבונדען, געגעבען איהר די מעגליכקייט אָבצוהיטען טריי איהר אייגענאַרטיגקייט, ענט־וויקלען איהר וועלט־אָנשויאונג, שאַפען איהר ערציהונגס־סיסטעם, קאָנטינואי־רען מעהרער ווי 20 יאָהר און ווערען אַ פּאָליטיש־קולטורעלער פאַקטאָר אין פאָלקס־וועזען, וועלכער האָט נאָך פאַר זיך ווייטגעהענדע פּערספּעקטיווען און ציעלען.

אַלזאָ — די צוויי שטויס־קרעפטען: 1) די אינערליכע לאַגע פון יודי־שען פאָלק, 2) די קולטורעלע וועלט־פּערקלעמונג — זענען דאָס געוועזען די אור־סבות צום ענטשטעהען פון „השומר הצעיר" און פון דער אינערליכער לאָגיק פון זיין ענטוויקלונגס־וועג ביז צום היינטיגען טאָג. די דאָזיגע צוויי אור־עלעמענטען לעגען אַרויף אין פערשידענאַרטיגע פאָרמען זייער בולט'ען סטעמפּעל אויף דעם כאַראַקטער פון „השוה"צ". העלפען איהם מיט אין שאַפען די גלייכגעוויכט אין זיין פּראָדוקטיווער טעטיגקייט, זיין פּאָפּולאַרי־טעט צווישען דער דענקענדער און פיהלענדער יוגענד.

די סימבאָלישע צוויי־פּנים'דיגע יאַנוס־געשטאַלט איז ווי פערווירקליכט אין דער „השומר־הצעיר"־קאָנצעפּציע. איין פּנים — תמיד געווענדעט צו דער יוגענד־נויט און צו איהר פּערזענליכען תקון — צו זעלבסט־קולטור און ערציהונגס־טעטיגקייט, דאָס צווייטע פּנים — צום פאָלקס־וויטאָג און פיין, צום פּאָליטישען קאַמף פאַר'ן סאָציאַליסטישען רעוואָלוציאָנערען פערווירק־ליכונגס־ציוניזם און די רעאַלע מעגליכקייטען פון דער געגעבענער שעה. די וועלט־יוגענד וויל לעזען איהר אייגענע פּראַגע און קאָן זי נישט לעזען אין סעפּאַראַציע פון פאָלקס־אינטערעסען. על אחת כמה וכמה אין בונד געגען איהם.

די יודישע יוגענד־בעוועגונג „השומר־הצעיר" לעזט איהר אייגענע יו־גענד־פּראַגע, ווייל זי לעזט אויך גלייכצייטיק די טיעפסטע שמערץ־פּראַגע פונם יודישען פאָלק פאַר'ן יודישען פאָלק, מיט דעם איינציג אויסגעהאַלטע־נעם וועג פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטיש־חלוצ'ישען ציוניזם.

* *
*

דער „השומר־הצעיר" אַלס ציוניסטישע יוגענד־בעוועגונג גלויבט נישט אין קיין שום אַנדערע אויסזיכטען פון לעזען די יודען־פּראַגע, ווי נאָר דורך קאָנצענטראַציע פון רוב פון יודישען פאָלק אין א"י און אין זיין אומגעגענד.

בכדי צו ערמעגליכען אַ נאָרמאַלע און געזונדטע פאָלקס־עקזיסטענץ פאָדערן זיך אַזוי עקאָנאָמישע ווי געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, וועלכע קענען נאָר ערמעגליכט ווערען דורך אַ אָנגעשטרענגטער קאָלאָניזאַציאָנס־

אַרבייט אין משך פון אַ גאַנצען דור צייט, מיט דער הילף פון אַלע יודישע פאָלקס-שיכטען אין דער גאָרער וועלט.

די קאָלאָניזאַציע-תקופה, וועלכע איז די שווערסטע און פעראַנטוואָרט-ליכסטע אין דעם גאַנצען בוי-פּראָצעס, פאָדערט אַ קאָנסאָלידאַציע פון די בעוווסטזיניגע פאָלקס-שיכטען און זייער אָרגאַניזירונג אין די ציוניסטישע לאַנדעס-פערבאַנדען און אין ציוניסטישען קאָנגרעס, כדי אַזוי אַרום צו שאַפן אַ פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון די אויפבוי-בעוועגונג, אַ אָרגאַן צו רעגו-לירען די עליה, שאַפען פאָנדען פאַר'ן אויפבוי-ווערק, פאַר באָדען-קניות, פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונגס-טעטיגקייט און אויך ערציהערישע צוגרייטונג פון דעם מענשען-מאַטעריאַל פאַר די פּיאָנערישע לייסטונגען.

די ציוניסטישע וועלט-בעוועגונג איז אַ פרייוויליגער בונד פון פּאַרטייען און קלאַסען פאַר דעם גרויסען אויפבוי-צוועק און קען דעריבער ווערען גע-לייטעט נאָר אויף פולע דעמאָקראַטיש-פּראָגרעסיווע יסודות.

מיר גלויבען נישט אין אייביג-דויערנדען שלום-בית אין דער היינטי-גער קלאַסען-געזעלשאַפט. קלאָר איז, אַז ווען דער בוי-פּראָצעס וועט פערענ-דיגט ווערען, ווען עס וועט זיך ענטוויקלען אַ נאָרמאַלע פאָלקס-סטרוקטור אין א״י אויף געזונדטע עקאָנאָמישע יסודות, וועט זיך אָנפאַנגען די נייע פאַזע פון האַמפערן און ראַנגלעניש איבער דער צוקונפט פון פּאָליטיש-גע-זעלשאַפטליכען רעזשים. די אַרבייטענדע פאָלקס-מעהרהייט (ווייל אַ מעהר-הייט איז זי אין אַ עקאָנאָמיש-געזונט פאָלק) וועט קעמפען פאַר'ן אמת-דע-מאָקראַטישען לעבענס-שטייגער, פאַר אַ גלייכע פּראָדוקטען-פערטיילונג, פאַר מאָדערנע פרייע ערציהונג, פאַר אַ קלאַסענלאָזער געזעלשאַפט, געבויט אויף יסודות פון סאָציאַלען יושר און גערעכטיגקייט.

שוין יעצט איז אין א״י, וואו עס שאַפט זיך אַ נאָרמאַלע עקאָנאָמי-שע באַזע, וואָס דיפערענצירט דעם ישוב, אונמעגליך אַ פולע האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבייט פון אַלע שיכטען, ווייל זיי פערטרעטען זייערע אינטערעסען, וואָס שטעהען שוין היינט צווישן זיך אין סתירה. אָבער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס אויסדרוק-פאָרם פון בשותפות'דיגען פאָלקס-אינטערעס אין די גלות-לענדער (וואו עס געפינט זיך נאָך היינט דער שווערפּונקט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג), אַלס לייטער פון דער בוי-אַרבייט טראָגט דעם רעפּ-לעקס פון רייבונגען צווישען איהרע פּאַרטייען, האָט זי דאָך אונטער זיך נישט קיין רעאַלען קלאַסען-געגענזאַץ-בעשטאַנד אין די גלות-לענדער, נאָר דעם פעראייניגטען ווילען פון אַ מאָרפע פאָלקס-מאַסען צו לעזונג און בע-פרייאונג, עליה און פּראָדוקטיוו-קאָלאָניזאַטאָרישע איבערשיכטונג.

דעריבער שטעהען מיר אויפ'ן יסוד פון דעמאָקראַטישען קאָנגרעס, ווי לאַנג די יודען-פראַגע וועט נאָך איהר לעזונג נישט געפונען.

מיר זענען אַ אויסגעשפּראָכענע חלוציאַנישע בעוועגונג. יעדער בוגר מוז דורכמאַכען נאָך 19 יאָר עלטער אַ פאַכמענישע און חלוצישע הכשרה, וואָס דיענט אַלס צוגרייטונג צום צוקונפטיגען פּיאָנערישען לעבען אין א״י. אין דער חלוץ-אידעע זעהען מיר דעם וועזענטליכען אינהאַלטס-טייל פונ'ם

אַקטיווען ציוניזם. די ציוניסטישע בעוועגונג קאָן שאַפען — לויט הערצל׳ס אויסדרוק — די בעדינגונגען צו רעאַליזאַציע, דעם אָביעקטיווען פאָן פאַר׳ן נייעם, געזונטען, קאָנסטרואירטען פאָלקס-אָרגאַניזם. אָבער דאָס יודישע פאָלק מיט זיין היינטיגער עקאָנאָמישער באַזע און סטרוקטור, אָהן איבערשיכטונג און פראָלעטאַריזאַציע קען אינגאַנצען נישט שאַפען קיין נייע עקאָנאָמישע לעבענס-פערהעלטענישען אָדער אין בעסטען פאַל קען זי שאַפען אַ נייעם מאַכטלאָזען גלות-צענטער אין א״י. דער הויפּט־תּנאי צו אַ נאָרמאַל פאָלקס-לעבען איז די עגזיסטענץ פון אַ ערד־אַרבייטער־שיכט, די הצלחה פון דער באָדען-קאָלאָניזאַציע, וועלכע דעצידירט איבער דער צוקונפט פון א״י־ישוב. דער גרעסטער טייל פון דעם יודישען עמיגראַנטען־מאַטעריאַל זוכט לייכטע אַרבייט, גרויסע רוחים און קאַריערע און ער בעגנוגענט זיך נישט מיט זיין יעצטי-גער סיטואַציע, נאָר ער שטרעבט זיך אַלץ מעהר און מעהר צו בעפעסטיגען אין די אונפּראָדוקטיווע צווייגען פון דער א״י־ווירטשאַפט. דעריבער וואָלט אָהן דער איבערגעגעבענער, מוטיגער, ספּעציעל ערצויגענער חלוצישער מחנה דער פּראָצעס פון סטרוקטור־נאָרמאַליזירונג אונמעגליך געווען. און נישט נאָר דאָס. דער א״י־ישוב וואָלט זיך געמוזט בעגרעניצען אין די ראַהמען פון׳ם שמאָלען ערד-פּאַס ביים ברעג פון ים, נישט קענעדיג בעזיד-לען דעם עמק, דעם יו׳דן־טאָהל, שומרון, וואַדי־כאַוואַריט און די אַלע נייע שטחים, וואָס דאַרפען יעצט בעזעצט ווערען — דאָס אַלעס, וואָס עס איז די שטאָלץ פון׳ם ישוב, זיין סטראַטעגישע באַזע, זיין פּאָליטישע קראַפט און עקאָנאָמישער מאַרק-געביעט. נאָך איידער די בעגריעפען פון ערד-קאָלאָניזאַציע האָבען געהייסען אין דער צוהיצטער פאַנטאַזיע פון די עמי-גראַנטען: אָראַנזשען-גאָלד און בעל־הבּתישער רייכטום, ווען גראָסירענדער פיבער און בלאָנזשענדע קוילען פון פאַרווילדעוועטע בעדואינער זענען גע-ווען טאָג-טעגליך ברויט, האָט דער חלוץ בעפרוכפּערט מיט זיין שוויס די פערוויסטע ערד און געבאַהנט וועגען פאַר צוקונפטיגע מאַסען-עליות, פאַר די יעצטיגע קאָניונקטורען. און ווען די דאָזיגע מחנות פון פּרנסה-זוכענדע עלעמענטען צוליעב בעסערע רוחים פוילען אָן די שטעט, סיטואירען זיך אין גינסטיגע, אָבער אונפּראָדוקטיווע לעבענס־בעדינגונגען, דויערט די חלוצישע יוגענד אין אַ געקוועלטען לעבענס-ניוואָ, אין שווערער אַרבייט אויף די פּאָזיציעס פון שומרון, יהודה און כאַוואַריט.

אונזער בעוועגונג ציילט אין א״י 25 קבוצים. פון זיי 23 אנגאַזשירט ביי ערד־אַרבייט. אין פוילען אַליין געפינען זיך אויף הכשרה העכער 1500 שומרים.

מיר זענען אַ עקסקלוזיוו־קבוצישע בעוועגונג. יערער שומר־בוגר, וואָס וויל נישט פערלירען די אָרגאַניזאַציאָנעל־אידעאישע פערבינדונג מיט „השומר־הצעיר״, מוז אָנגעהערען צום קבוץ אין א״י. דער שומרישער קבוץ איז נישט קיין מקום־מקלט פון דער רוישיקער וועלט פאַר פער׳חלומ׳טע נשמה׳לעך — ער איז דער אָרגאַניש־קאָלעקטיווער חלוצים־פעררבאַנד, וועלכער שטאַרקט זייערע קרעפטען, מעכטיקט זייער עראָבערונגס־פערנעהם און אַ

דאַנק דעם אינערליכען לעבענס־שטייגער, וואָס איז געבויט אויף פולסטען שיתוף, איז ער ביכולת צו שטעלן זיך אין די אַלע געפערליכסטע סטראַ־טעגישע פונקטען פונ׳ם לאַנד, וואו מען מוז מיט אייגענעם לעבען און געזונד אויסקעמפען דאָס רעכט פאַר׳ן יודישען כבוד, אַרויסרייסען פער־פעסטעטען און פערוויסטען באָדען פון דער דורות־לאַנגער פערלאָזענקייט, אויסקעמפען רעכט אויף אַרבייט ביי דער אַפּיטרופּסים־מאַכט און ביי די פּעררעטערישע קאַלאָניסטען־עלעמענטען, וואָס יאָגען זיך נאָך אייגענע רוחים און פּראָפיטען.

דעם יודען קומט אָן שווער די לאַנד־אַרבעט, שווער — דער פּראָלעטאַ־רישער לעבענס־שטייגער. דער קבוץ איז דער פיינער הילפס־אינסטרומענט, וועלכער אַ דאַנק זיין חבר־שער אינערליכער השגחה, דורך זיין לעבענס־קולטור און טעכניק, דורך דער דאגה פאַר קראַנקע און שוואַכע מיטגליע־דער שאַפט ער דעם שטאַרקסטען יסוד פאַר׳ן זעלבסט לעבענס־שטייגער, פאַר אַקטיווע אַנטי דעפּראָלעטאַריזאַציע, פאַר דורכדויער און פאַר חלוצישען און סאָציאַליסטישען אַוואַנגאַרדיזם.

פיעל געגנער האָט געהאַט די קבוצישע בעוועגונג און שוימיג איז געוועזן דער ויכוח אַרום איהר. נאָך יאָהרען אָבער פון אונמענשליך שווערע לייסטונגען און הצלחה אויפ׳ן לאַנדווירטשאַפטליכען געביעט, אויפ׳ן געביעט פון פרויען־פּראָדוקטיוויזאַציע, קינדער־ערציהונג, פּאָליטישע זעלבסט־אַקטי־וויזאַציע און קולטור־טעטיגקייט איז קלאָר געוואָרען פאַר אַלעמען די וויכ־טיגקייט פון דער קבוץ־בעוועגונג: סיי פאַר דעם ציוניזם און סיי פאַר דער צוקונפט פון דעם אַרבייטער־קלאַס און זיינע אויפגאַבען אין א״י.

דער „השומר־הצעיר״ שטעהט אין די רייהען פון אַקטיווע קעמפער פאַר אויפלעבען פון דער העברעאישער קולטור, שוהל־וועזען און ערציהונג. מיר ווייסען, אַז די יודען־נויט איז נישט בלויז בעגרעניצט מיט דעם פּאָליטישען, עקאָנאָמישען אָדער זיטען־געביט. עס איז אַ אַלטער שווערער און פינסטע־רער דרוק, וועלכער האט אונז דורך פיעל יאָהרען דעגענערירט פיזיש און מאָראַליש, צושטויבט אונזער גײַסטישע שעפערישע לעבען און אונטערגראָבן די אינסטינקטען פון נאָרמאַלער עגזיסטענץ. די אַקטועלע יודען־נויט פאָדערט געשווינדע פּראָצעסען און רעטונגס־ספּאָנטאַנע אַקציעס, סטיכישע אַקטיוויטעט. אָבער ווי נויטווענדיג און פּאָזיטיוו געלייסטעט זיי זאָלען נישט זיין, לעזען זיי נישט די אַנאָמאַליע ביז׳ן שורש אין אונזער קולטור־קריזיס. נאָך פיעל שווערע יאָהרען פון נסיון און ליידען, פון מאַרטירערישען דערנער־וועג ערוואַרטעט דעם ציוניסטישען קאַמפּס־צוג אין זיין פערווירקליכונגס־מאַר־שרוט, יאָהרען, וועלכע וועלען זיין איבערפולט מיט אינערליכע און אויסערליכע מכשולים און רייבונגען און וועלען ביסלעכווייז קריסטאַליזירען און איבעראַנדערשען דאָס לעבען פונ׳ם יודענטום.

דער א״י ישוב, אַלס אַזעלכער, איז מיט זיין לעבענס שטייגער־פערנעהם שוין ביים היינטיגען טאָג ווייט אַנדערש פון יעדער אַנדערער יודען־קאָנצענטראַציע אויף דער וועלט. יעדע מאַסען עליה, וואָס נעמט אַרום

צעהנדליגער טויזענדטער, איז ווי אַ שטאַרקער אויפטרייסעל אין דער
עגזיסטירענדער און שאַפענדיגער זיך אָרדנונג. נישט איינמאָל, דאַכט זיך,
אַז דער אויפטרייסעל קען זיך פערוואַנדלען אין אַ איבערקעהרעניש. דער גלות
שטראָמט אין מוטנעם שוים, ווי דורך אַ געשפּאָלטענער שיף, און דראָהט
מיט פערשידענאַרטיגע נישט-פּאָזיטיווע טענדענציעס. ווי אַזוי די דאָזיגע
ברכה פון גרויסער עליה פערוואַנדלען אין אַ פּראָצעס פון אָרגאַנישער
צונויפגיסונג מיט'ן ישוב און פערשטאַרקונג פון זיינע פּאָזיציעס, — דאָס
איז די האַרבע פראַגע, וועלכע ווערט פערענטפערט דורכ'ן אַקטיווען קאַמף
פאַר'ן העברעאישען שוהל־וועזען און טיעף־ערציהערישע ברייטע פאָלקס־
טעטיגקייט. דעם צוועק דינט אונזער אינערליכע ערציהערישע אַרבייט און
איהר פיזיש אינטעלעקטועלער סיסטעם, ווי אויך אונזער אַקטיוויטעט אין
„תרבות".

אויף דער לעצטער „תרבות"-קאָנפערענץ איז געוועזען די שומרישע
דעלעגאַטען־פראַקציע אַמשטאַרקסטען פערטרעטען און האָט איבערגענומען
די פעראַנטוואָרטליכע לייטונג פון „תרבות" אויף די לעצטע צוויי יאָהר.

* *
*

אין דער גרויסער פּאָליטישער מחלוקת, וועלכעס שפּאַלט דאָס יודישע
פּאָלק אויף דעמאָקראַטישע צַלטע, פערנונפט- און געפיהלס־ציוניסטען פון איין
זייט, און אין נייעם קאָניונקטור־, אינסטינקטס-רעוויזיאָניזם פון דער צווייטער
זייט — שטעהען מיר אונטער די שטאָלצע פעהנער פון קערענדיגער רעאַל־
אַרבייט, וויל מיר זענען מאַקסימאַל-ציוניסטען און סאָציאַליסטען. דער
דונאַם וועג, דער פּרוטה־וועג האָט אונז געשאַפען אַ ישוב פון 300.000 אין
א"י, הונדערטער לאַנדווירטשאַפטליכע פונקטען, אַ קאָלאָסאַלען פּאָליטישען
רוהם און פּאָלקס-פּאַטאָס; גובר געווען שוין די שווערסטע, אפשר, מכשולים
צו דער פערווירקליכונג מיט זיין מוטיגען, שטאָלצען, זיכערען און רעאַלען
קאַמף. דער ציוניזם אין מיניאַטור איז פערווירקליכט. מען דאַרף איהם
נור פערגרעסערען, פון אינעווייניג פונאַנדערבויען, פערברייטערען. מען מוז קענען
אויפהאַלטען דעם ישוב אין פערמאַנענטער גרייטקייט און שפּאַנונג צו ער־
פילען די חובות פון גרויסער עליה-אויפנעהמונג, פון יודישער אַרבייט, פון
פּאָליטישער קאָנסאָלידאַציע אין אַ דעמאָקראַטישער לייטונג, וועלכע וועט
קעמפען פאַר עליה, פאַר אָרדנונג און בטחון אינ'ם לאַנד, פאַר ערציהונג,
סובסידיעס און שוהל־וועזען-בויאונג, סאָציאַלע פערזיכערונג, דעמאָקראַטי־
זאַציע פון קאָמונאַל-וועזען אין לאַנד רעזשים.

די גאַנצע שווערע אַרבייט, אָהן וועלכער די ווייטערדיגע רעאַליזאַציע
איז אונמעגליך, שטויסט זיך אָהן צעהנדליגער יאָהרען אויף אַ פערביטערטען
געגענשטאַנד מצד די גרויסע — פּרדסנים־שיכט אין א"י.

א"י איז אַ עמיגראַציע־לאַנד, וועלכעס ערמעגליכט תמיד אַ געוויסער
שיכט אויפגעהן, פערבעסערען איהר לעבענס-שטייגער און באַזירען זי. די

דאָזיגע קורצזיכטיגע שיכט האַלט אין איין ציטערן פאַר איהר האָב און גוטס. אין דער עליה זעהט זי אַ סכנה פאַר איהר עגזיסטענץ־בעשטאַנד, אין דעם פּרינציפּ פון עבודה עברית — אַ אומזיסטען געלד־פערלוסט, אין געאייניגטען שוהל־וועזען און סאָציאַלער פערזיכערונג — דעם פאַטאַלען שטן פון שטייער אָבצאָהל. מיט איין וואָרט — אַ מאָזאַיקע פון אונרואיגע עלעמענטען, וועלכע טרייבען זיי צו רייבונגען מיט דער מאַנדאַט מאכט, וואָס טרייבען זיי אין אַ קלעם פון אַ קאָמפּאַקטען גרויסען ישוב, און לויט זייער פּרימיטיווען פערשטאַנד—צו אַנטיסעמיטיזם. ווי בעקאַנט שטערען אין אַ סך עמיגראַציע־לענדער די יחידים־נאָטאַבלים דער ברייטער פאָלקס־עמיגראַציע צוליב די זעלבע צוועקען. און זייער דערווייטערען זיך פון פאָלק און זייער אָבגעריסענקייט פון זיינע ווייטע ציעלען גלויבען זיי נאַאיוו. אַז זייער רייכטום און שטעלונג זענען אידענטיש מיט׳ן בעשטאַנד און כבוד פון יודענטום.

אָבער א״י, דאָס לאַנד, וואָס איז געשאפען געוואָרען מיט העלדען־קראַפט און אָפּפער־מוט פון טויזענדער, קאָנצענטרירט אויף זיך די אויפ־מערקזאַמקייט פון דער ברייטער עפענטליכקייט. דעריבער דעקען די א״י־יאַהודים זייערע ציניִשע ענגע רוחים־אַפּעטיטען מיט׳ן קאָלירטען דעק־מאַנטעל פון אחד־העם׳איזם, גלייך מיט די מאַנדאַטאָרישע ביבל־דזענטעלמענס: א״י—נישט אַ לאַנד פאַר מאַסען, נור פאַר אויסגעוועהלטע, נישט אַלס נאָרמאַל־פּאָליטיש־עקאָנאָמישע מאַסען־באַזע, נאָר אַ קולטור־גייסטיגער צענטר, וואו יודען פערנעמען זיך מיט אייגענער גייסט־קולטור... און רוחים קלויבען, און די אַראַבישע „ידי־עשו״, די עקספּלואַטירטע אַראַבישע מאַסע פערנעמט זיך מיט פּראָדוקטיווער שווערער ערד־אַרבייט ביי די פילאַנטראָפּישע גייסט־צענטריסטען — דאס איז זייער באחרית הימים.

דער אינטערעס פון פאָלק ליגט אָבער אויפ׳ן צווייטען אַקס־עק, אויפ׳ן פּאָלוס פון אָרגאַניזירטער אַרבייט, פון געהעכערטען לעבענס־ניוואָ, פון סאָציאַלער פערזיכערונג, פון פּראָגרעסיווען שטייער־אָבצאָהל, פון דעמאָקראַטישער מוניציפּאַליטעט.

די מערהייט פון פאָלק מוז געהערען צו אַרבייט און אַ קליינע טייל נור קען זיך איבערכאַפּען צום גרויס־בעזיצערטום. טאַטע־מאַמע, וואָס שיקען פאַר די לעצטע אבגעשפּאָרטע גראָשען אַ קינד נאָך א״י, מוזען דאָך אַודאי פיהלען און וויסען, אַז ווען דער שטרייק ווערט גע־בראָכען אָדער ווען אונאָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבייטער פערפיהלען די יודישע קאָלאָניעס און דריקען אַראָב דעם לעבענס־ניוואָ פון זייער זוהן, דאַן לעבט ער אין דחקות, קען נישט אויסבויען זיין פאַמיליען־לעבען, קען נישט ברעגגען זיין טאַטע־מאַמע אין לאַנד און וועט נאָך יאָהרען פון שווערער מאַטערניש צוריק אַוועק פון א״י. דעם בעזיצערישען יחיד אַרט עס נישט; דער אָראַנזש וואַקסט שוין, דער נידריג־בעלוינטער אַראַבער קען איהם אויך שניידען. אלא מה? דער ישוב וועט נישט וואַקסען, אָבער אַ גייסט־צענטר פון ענגליש־אַסימילירטע עקספּלואַטאַטאָרען וועט דאך זיין.

די הסתדרות, וועלכע נעמט אַרום איבער 80 פּראָצענט פון אַלע אַרבייטער אין א״י האט געצוימט דורך איהר אויפקלערונג און געוויכט די דאָזיגע אַנטי־סאָציאַלע און אַנטי־ציוניסטישע אַספּיראַציעס. אָבער מיט׳ן מאָמענט, ווען עס זענען ענטשטאַנען די רעוויזיאָניסטישע אַרבייטס־פּלוגות, וואָס שטעלען זיך אַלס די הייליגע פליכט און וויכטיגסטע מצוה צו שטי־צען די בועזים־שיכט, ברעכען די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, שטערען איהרע שטרייקען, אַריינברענגען פּוריסט־מעטאָדען אין דעם עפענטליכען לעבען און שטעהן ענטשלאָסען געגען דער אַרבייטערשאַפט ביי יעדען פאַל—שטאַרקט זיך אויך דער עלעמענט פון זעלבסט־אינטערעסנטום, וועלכע ווערט אַ פּאָ־ליטישער פאַקטאָר און העלפט אָפּשוואַכען דעם קאַמף פון ישוב מיט דער מאַנדאַטען מאַכט פאַר רעכט אויף אַרבייט און ברייטער עליה.

דער רעוויזיאָניזם טראָגט אַריין כלומרשט ווייטבליקענדע פּאָליטישע פּראַזען צווישען דער יוגענד „דער שונא — טענה׳ען זיי — איז ענגלאַנד, דער שונא — זענען די אַראַבער. געגען זיי איז דאָ איין תרופה: שטאַרקע פּראָטעסט - פּאָדערונגען, מיליטערישע מאַכט. ווער שטערט דעריבער? די פּאַררעטערישע עקזעק־טיווע און די שטיצענדע זי אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, איהר סאָציאַליזם, וואָס איז במילא אַנטי־נאַציאָנאַל״.

מען גלויבט צו בליקען צו הויכע, ווייטע בערג און מען פערקריכט דערווייל אויף אומוועגען. מען קעמפט נישט פאַר קרנות, נישט פאַר יודישער אַרבייט, און דורכדעם אויך נישט פאַר מעגליכקייטען פון יודי־שער עליה, נישט פאַר אַ אַראַבער־פערשטענדניש, מיט וועלכע מען איז צוזאַמענגעבונדען אויף דורות־לאַנג. מען רואינירט די קאָנקרעטע באַזע פון רעאַלען טאָג־קאַמף, מיט וועלכען דער ציוניזם דערגרעהט צו אַ קאָלאָסאַלען יודען־ריכוז אין א״י, מען וויל ברעכען די רעאַלע קראַפט פון ברייטער עליה — די הסתדרות און דעם דעמאָקראַטישען ציוניזם. מען גלויבט אין די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער שטאָלצער נאַציאָנאַלער פּראַזע און מען איז אַ מכשיר אין די הענד פון באַזיצערישע יאַהודים, מען איז איינגעשפּאַנט צו זייער רייטוואָגען פון פאָלקס־פּרעמדקייט און, אָביעקטיוו בעטראַכט, פאָלקס־פיינדליכקייט.

מיר שטעהען ענטשלאָסען אונטער דער פאָהן פון אַרבייטער־קלאַס אין א״י און פּראָגרעסיווען ציוניזם, ווייל מיט איהם איז צונויפגעבונדען דער גורל נישט פון הונדערטער, נאָר פון טויזענדער און פון צעהנדליגער טויזענדער פּויפעריזירטע פאָלקס־מאַסען, און ציוניזם — דאָס איז דאָך פּערבעסערען פון פּאָליטיש־עקאָנאָמישען לעבען פון פאָלק, נישט פון אַ קליין הייפעל גביראָקראַטען.

יעדער יוגענדליכער איז זעהר עמפּינדליך אויף דער געזעלשאַפט־ליכער אומגערעכטיקייט, ווען ער אַבסערווירט זי נור ביי אַנדערע, נישט זייענדיג אַליין דורך איהר בערירט. קיין וואונדער דעריבער, וואָס ראַדיקאַל־סאָציאַלע אונערליכע אַגיטאַטאָרען נוצען תמיד אויס דעם דאָזיגען כאַראַקטער־שטריך פון דער יוגענד און שלעפּען זי אַריין אין אַ אונאויס־

האַלטבאַרען אידעען-קרייז פון נישט דערטראַכטע ביז'ן סוף אנשויאונגען און פּראָגראַמען, וועלכע זענען אָבער שטאַרק ראַדיקאַל. בויענדיג פיעל אויף דער יונגער התלהבות פון זייערע יונגע אַדעפּטען גרייטען צו די דאָזיגע אַגיטאַטאָרען נייע קאַדרעס פון זייער גלייכען, מאַסען-אויסלייזער, וועמענס אקטיווע טעטיגקייט שטעהט אין אַ האַרמאָנישער צונויפלעבונג מיט דער אויסגעצערטעלטער בן-יחיד-עגזיסטענץ ביי טאַטע-מאַמע און פערענדיגט זיך מיט פיליסטערישער קאַריערע-מאַכעריי און פעטע נדבים.

בפרט אין די לעצטע יאָהרען פון מאַסען-פעראָרימונג און אויסזיכטס-לאָזיגקייט, ווען די סאָציאַלע אומרעכט בעריהרט די יוגענד אין לעבעדיגען בלוט און פלייש, קען די יוגענד נישט בלייבען קאַלטבלוטיג צו דעם סאָציאַלען פּראָבלעם און מוז זיך שאַפען אַ וועלט-אַנשויאונג, וואָס ענטהאַלט אַ קלאָרע שטעלונג צו דער דאָזיגער קאָמפּליצירטער פראַגע.

אין קיין שום צייט און אין קיין שום פאַל איז די יוגענד-בעוועגונג נישט מיסיאָנעריש, אויפקלערעריש. אין ציוניסטישען, ווי אויך אין סאָציאַליסטישען זין האָבען מיר נישט געלערענט, ווי אַזוי מען דאַרף ז יי ן, נאָר ראשית-כל אַליין ג ע ו ו ע ן, אַליין קאָנקרעטיזירט. דעריבער, געפיהרט מיט'ן פרימיטיווען אינסטינקט פון דער יוגענד, האָבען מיר אָבגעוואָרפען יעטוועדע ברייטהערציגע שליחות-אַרבייט פ אַ ר מאַסען. ראשית-כל האָבען מיר געפאָדערט פון ז י ך קאָנקרעטע בעהעפטיגונג מיט דער אַרבייטער-מאַסע, די חלוצישע פּראָלעטאַריזאַציע, דאָס אַריינוואַקסען אין די רייהען און אין די לעבענס-פאָרמען פון דער א"י-אַרבייטערשאַפט. און איצט זייענדיג אַזוי ווי זי, צווישען איהר און מיט איהר, אויפווייזען די רעאַל-פּאָליטישע וועגען און ווייט-פערספּעקטיווע ציעלען, וואָס וואַקסען אַרויס פון אייגענאַרטיגע צרכים און ווירקליכקייט.

די אַמאָליגע אינסטינקטיווע, אָבער ענטשלאָסענע שטעלונג פון דער בעוועגונג איז אָבער געווען גאַנץ בערעכטיגט. צוגלייך מיט ענגעלס, זאָגען מיר היינט צו טאָג, אַז פּאָליטיק איז: בעוואוסטזיניגע עקאָנאָמיע, אַ טעטיגער אויסדרוק פון בעקעמפענדיגע זיך קרעפטען. עקאָנאָמיע איז דאָך אָבער אַ רעאַל-געגעבענער בעשטאַנד און נישט אנשויאונג. דאָס זענען קלאַסען פון לעבעדיגע מענשען און זייער קרייצענדע זיך אינטערעסען. סאָציאַליזם — דאָס איז די פּאָליטיק פון דער עקאָנאָמיש-סאָציאַלער לעצטענס-ענטשטאַנענער שיכט — פון אַרבייטער-קלאַס, וועלכע, קעמפענדיג געגען זיין אונטערדריקונג, קעמפט פאַר אַ נייער געזעלשאַפט. דאָס אַנאָרמאַל-קלאַסענ-לאָזע יודישע פאָלק, זיין יוגענד, וועלכע וויל ווערען אַ סאָציאַליסטישע מיטקעמפער'ין אין דעם גראַנגעל פון דער וועלט, מוז זיך פערשאַפען ראשית-כל איהר סטראַטעגישע באַזע, אַלזאָ ווערען אַ יודישער פּאָרמעלער אַרבייטער-קלאַס, און דאַן אַלס קראַפט קעמפען מיט געגען-קרעפטען און זיגען. און זענען דען אָבער דאָ פאַר יודישער יוגענד אויסזיכטען צו אַ מאַסענווייזער פּראָלעטאַריזירונג, אויסער א"י? — ניין. א"י איז אַ רעאַלער פלאַץ פאַר איבערשיכטונג פאַר יודישער אַרבייטער-קלאַס-ענטשטעהונג און

דעריבער מוז א״י ווערען דער אויסגאַנגס-פּונקט פון׳ם אידישען וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. מיר, וועלכע וואַקסען אַריין אין די אַרבייטער-רייהען אַלס חלוצים, קאָנען ווערען נאָרמאַלע קעמפער פאַר דער נייער וועלט-אָרדנונג צוגלייך מיט אַלע — אַלס יודען און סאָציאַליסטען.

דאָס דורכדרינגען פון דער יודישער יוגענד-בעוועגונג מיט קלאָרע סאָציאַליסטישע אנשויאונגען האָט זיך געטראָפען מיט אַ וויסטען געטומעל און פיינדשאַפט סיי פון די כלומרשט ראַדיקאַלע ציוניסטען און סיי פון די פסעודאָ-ראַדיקאַלע סאָציאַליסטען. די ערשטע, ווי די אַנדערע בעקעמפענדע זיך שטרעמונגען מאַכען יד-אחת און לייהען זיך אויס געגענזייטליך ציטאַטען, בכדי אויפצווייזען אונז אונקאָנסעקווענטקייט און פאָדערען פון אונז דאָס לעכערליכע: אָדער ציוניזם אָדער סאָציאַליזם.

קאָמוניסטען סטעמפלען אונז אַלס גלות-דעזערטירען, געפעהרליכע אוטאָפּיסטען, וואָס פערשווענדען דעם יונגען מענשען-מאַטעריאַל אויף אַגיטאַטאָרען פאַר א״י-צוועקען, אָבער אונזער סאָציאַליזם שפּרינגט נישט אַרויס פון זעאוס׳ס קאָפּ, ווי אַטענא און נישט אונזער טעמפעראַמענט דעטערמינירט זיין אינהאַלט. ער איז דאָס בעוואוסטזיניגע אָבשפּיגלונג פון אונזערע עקאָנאָמיש-סאָציאַלע פערהעלטענישען און דיאַלעקטיש-היסטאָרישע פערספּעקטיווען.

עס טיילט אונז אָב פון קאָמוניזם נישט נאָר זיין פּאַטאַלע טאַקטיק אין אייראָפּע און דאָס ליציטירען זיך מיט די ס.ד.-פּאַרטייען און ברעכען די אַרבייטער-איינהייט, נישט נאָר דאָס, וואָס אין די קאָלאָניעס געהען זיי מיט דער פעאָדאַל-בירגערליכער רעאַקציע יד-ביד, נאָר ראשית-כל, ווייל ס׳פעהלט ביי זיי דאָס רעכענען זיך מיט די אייגענאַרטיג-דיאַלעקטישע באַדינגונגען פון יעדען לאַנד, פאָלק און זיין וועג צום סאָציאַליזם. אַ אומרעכנונג, וועלכע האָט אין זייער שטעלונג צו דער יודען-פראַגע דערגרייכט צו אַ ריזיגער גרינגשעצונג, עם-הארצ׳ישקייט און אויספעהלען פון קאָנסעקווענטען לאַנג-דויערענדען פּראָגראַם. מיר געהען קיין א״י נישט אַלס סאָציאַליסטישע דעזערטירען און אוטאָפּיסטען, נאָר אַלס סאָציאַליסטישער אַוואַנגאַרד פון׳ם שאַפענדיגען זיך יודישען אַרבייטער-קלאַס, וועלכער, אַרויסגעשטויסען פון׳ם גלות, פון יעטוועדער עקאָנאָמישער אַחיזה און רעאַלער קאַמפּס-מעגליכקייט, קען אין א״י בויענדיג, זיין נאַציאָנאַלע פאָלקס-עגזיסטענץ פאַר אַ נייעם מאָרגען, פערוואַנדעלט ווערען אין אַ זעלבסטשטענדיגען פאַקטאָר, וואָס אין די ראַהמען פון לאַנד-בעדינגונגען קעמפט גלייכצייטיג פאַר אַ נייער געזעלשאַפט, במקום צו שאַפען די לעכערליכע גלות-אַגיטאַטאָרען, וועלכע זענען אַ אינטעלעקטועלע צוגאַבע צום גרויסען געראַנגעל פון אַרבייטער-קלאַס אין זייערע וואוין-ערטער.

די כלומר׳שט נאַציאָנאַלע, ראַדיקאַלע לייט ווייזען אויף אונזער וועלטליכער אנשויאונג אַלס קינסטליכע מעשה שעטנז. דער מין קריטיקער גלויבט למשל, אַז סאָציאַליזם, זיין מאָראַלישער אינהאַלט איז אַ ווילד-פרעמדע צווייג אין יודענטום-גייסט, אָבער דער פאַשיזם מיט זיין גערמאַניש-באַרבאַרישען טעם איז דער אָרגאַנישסטער טייל פון יודען-גייסט און זיין נביא׳ישער טראַדיציע.

לויט זייער פערנעהם איז דער סאָציאַליזם אונפּראייבבאַר מיט ציוניזם. דער איינציגער אויסלייז-וועג איז אָבער יודישער פאַשיזם. דער פאַשיזם אָבער, אַלס פּאָליטישע וועלט-ערשיינונג, איז אַ פּראָדוקט פון שטאַרק אַ אקאמו-ליזירענדער טרעסטיזירונגס-תקופה, אין וועלכער דער מיטעלשטאַנד פון ביר-גערטום און די קליינע ערד-בעזיצער ווערט אַרויסגעשטויסען פון זיינע פּאָ-זיציעס, אַ פּראָדוקט פון אַ שווערען קריזיס מיט וועלכען ער וויל נישט איינ-שטימען, און גלויבט, אַז דורך דעם בעזייטיגען פון אין קראַפט אויפגייעג-דען אַרבייטער-קלאַס און פערכאַפּען די מאַכט אין דער מדינה וועט ער קע-נען זיינע פּאָזיציעס אויפהאַלטען און זיין לאַגע פערבעסערען. אינ׳ם ציו-ניזם אָבער איז נישט קיין אידעאַל דאָס אָבהיטען די מיטעל-שיכטען אין זייער אביונ׳ישען בעשטאַנד, נאָר דאָס אומשיכטען זיי אין אַ גרויס און פּראָדוקטיוו אַרבייטס-פאָלק אין א״י. צי איז דען דער אידעאַל אַזוי אונ-פּעראיינבאַר מיט׳ן סאָציאַליזם אָדער אפשר איז גאָר דער פאַשיזם אין דער יודישער גאַס אַ בלאָנדזשענדיגע מיספערשטענדניש?

די לייט, וואָס גלויבען צו זיין גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע, זע-נען אָבער אין תוך גענומען גאַנץ קרוב צו זיך מיט זייער טעטיגקייט און אויפקלערונג אויפ׳ן א״י-געביעט. ס י י ד י ק אָ מ ו נ י ס ט ע ן א ו ן ס י י ד י ר ע וו י ז י אָ נ י ס ט ע ן ווייזען אָן אויף די זעלבע גרעסטע פּראָ-בלעמען פון א״י-לעבען, אַלס די אַקטועלסטע נערוו-פּונקטען פון טעטיגקייט — יעדערער צוליעב אַנדערע ציעלען, אָבער מיט גאַנץ נאָהענטע מסוכנ׳דיגע און אונרעאַלע מעטאָדען.ביידע זענען פיינדליך געשטימט געגען ענגלישען אימפּעריאַליזם. די איינע, וויל ער האַלט אויף און שטערט דעם טעמפּאָ פון א״י-אויפבוי, די אַנדערע—וויל ער שטערט נ י ש ט אין אַ גענוגענדער מאָס. די איינע ווילען איהם בעקעמפען מיט די פּאַפּיר-שווערדלעך פון שול-יוגענד און אונעגזיסטירענדער ישוב-קראַפט, די אַנדערע — מיט פערפינסטערטע, רעליגיעז-צוהיצטע, עקספּלואַטירטע דורך איהרע עפענדיס און מופטיס פעלאַ-כען-מאַסע.

אין דער אַראַבער-פראַגע שטעהען ביידע צדדים פון אונזערע קריטי-קער אויפ׳ן יסוד פון אונמעגליכקייט פון צוזאַמענאַרבייט צווישען די יידישע און אַראַבישע פאָלקס-שיכטען אין א״י. די ערשטע העצען די אַראַבער-מאַ-סען געגען דער אידישער איינוואַנדערונג, רופען צו בלוט-פערגיסונג און נאַציאָנאַל-בעפרייאונגס-קאַמף פון עפענדיס און פעלאַכען געגען ישוב. די אַנ-דערע — מיט אויפפלאַקערונג פון נאַציאָנאַלען אַנטאַגאָניזם און פּראָפּאַגאַנדע פון זעלבסט-מיליטער- און געוועהר-אויסווּעג. ביידע צדדים מאַכען גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי צו בעוועגען אַלע מעגליכע קראַפט-ספּרענזשינעס און אויסנוצען זיי פאַר זייערע צוועקען. אָבער נאָך רוישיגע קורץ-דויערענדע אוטא-רעקלאַם-ידיעות אין די צייטונגען קעהרען זיי צוריק צו דער רוּם-לעהרער-לופט פון פּראָזעלאָגיע.

מיר בעטראַכטען אָבער די פראַגע נישט פון נאַציאָנאַל-אַנטאַגאָניסטישען שטאַנדפּונקט. מיר האַלטען, אַז דאָס איז די קאַרדינאַלע און די וויכטיגסטע

פראַגע אונזערע אין א״י. א״י איז נישט קיין געשלאָסען עקאָנאָמיש-פּאָלי־טישע גאַנצקייט. זי איז אַן׳אָרגאַנישער טייל פון איהר אומגעגענד. די יודישע פאָלקס-קאָנצענטראַציע וועט צוברעכען די יורידישע ראַהמען פון די יעצטיגע א״י־גרענצען און וועט פערשפּרייטען די קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט אויף די אַרומיגע לענדער. א״י איז אַ קינסטליך-אונטערגעמינירט אינזעל אין דעם ים פון די אַרומיגע אַראַבישע שבטים, מיט וועלכע דאָס יודישע פאָלק וועט זיין צונויפגעבונדען אויף לאַנגע יאָהרען. דער אַנטאַ־גאָניזם צווישען די אַראַבישע מאַסען און דעם ציוניזם האָט נישט קיין עקאָנאָמישע סבות און איז אָרגאַניזירט און אויפגעצוואונגען. די אַראַבישע מאַסע, דאָס גאַנצע לאַנד נוצט קאָלאָסאַלע און אונמיטעלבאַרע נוצען פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע, קאַפּיטאַלען־אימפּאָרט, לאַנדעס־ענטוויקלונג, מאָדערנע אינדוסטריאַליזירונג שטויסט פאָר־אויס דאָס אַראַבישע פאָלק צו אַ העכערען שטאַפּעל פון ווירטשאַפטס־ענט־וויקלונג. דער ציוניזם דאַרף נישט צו ציטערען פאַר דער מאָדערניזאַציע פון דער אַראַבישער בעפעלקערונג, ווייל די דאָזיגע מאָדערניזאַציע קען נאָר טראָגען אַ אָביעקטיוו-מיטהעלפענדען פּאָזיטיווען כאַראַקטער פאַר אונ־זער טעטיגקייט, שאַפען מאָדערנע מערק פאַר אונזער יונגע אינדוסטריע-פּראָדוקטען, בעפרייען פיעל נייעם באָדען אַ דאַנק דער אַגראַר-רעפאָרם. די אָרגאַניזירונג פון דעם אַראַבישען אַרבייטער און דאָס דערהויבען פון זיין לעבענס-ניוואָ, שוואַכען אָב די קאָנקורענץ צווישען איהם און דעם יודישען אַרבעטער ערמעגליכען אַ זויערנאָך דאָס אינטענסיווע אַריינ־דרינגען פון יודישער אַרבייט אין די קאָלאָניעס און רעגירונגס-אַרבייטען. דער חלום וועגן אַראַבערלאָזען א״י איז אויסזיכטסלאָז און נאַאיוו. דער פרוב פון זיין רעאַליזירוגג וואָלט געשטעלט אַ מויער פון אַ בלוט־דורשטיגע, פערמאַנענטע, קאַטאַסטראָפאַלע סיטואַציע און שפּאַנונג צווישען דעם א״י-ישוב און די שכנות׳דיגע אַראַבישע לענדער און איינוואוינער. דער נאַציאָ־נאַל־אַגרעסיווער ציוניזם מוז גלייך ערוועקען ביי דער אַראַבישער בעפעל־קערונג אַ איהם גלייכע אַגרעסיווע בעוועגונג. וואָס וואָלט געהייסען שטאַרקען די מאַנדאַטען-מאַכט-פּאָזיציעס, מיטהעלפען דער אידעע „Divide et impera", שטערען די רוה אין לאַנד, קוועלען זיין אויפוואוקס, פערוואַנדלען און עס אין אַ קריעגס־פּלאַץ.

די קאָמוניסטישע אַגיטאַציע, וואָס פאָדערט אויף די פעלאַכען־מאַסע צו אַנטי־אימפּעריאַליסטישע אויפשטאַנדען אונטער די פעהנער פון פעאָדאַ־ליזם, איז שעדליך, צוועקלאָז און לעכערליך. די אָביעקטיוו-עקאָנאָמישע פערהעלטנישען אין לאַנד, די פעררעטערישקייט פון דער עפענדי-שיכט, די פּאָליטישע נישטיגקייט פון פעלאַכען-שטאַנד שטרייכען אויס די מעגליכקייט פון אַ פּראָדוקטיווען אויפשטאַנד אין די נאָהענטסטע צייטען. דער צוקונפטי־גער איינהייטס־פראָנט פון יודיש-אַראַבישע אַרבייטס-שיכטען און פויערן, וועלכער וועט קעמפען פאַר זיינע רעאַלע אינטערעסען און ענטוויקלונגס-אינטערעסען אין לאַנד, וועט זיין אַ הילף פאַר׳ן פּאָליטישען ציוניזם, וועט

פּאַציפיצירען די נאַריש אויפגעהעצטע רעליגיעזע שאָוויניזמען און זיין די צוקונפטיגע קראַפט, וואָס וועט בעפרייען דאָס לאַנד פון אומגעוואונשענער אַפּיטראָפּסות און זיין דער אָבשאַפער פון זיינע געגענזאַצען, פון זיינע רעאַקציאָנערע אַנטי-ציוניסטישע עפענדיס און אינדיע — זשאַנגלירונגס-דיפּלאָמאַציע, אויפמאַכען דעם ברייטען וועג פאַר גרעסערער עמיגראַציע, פּראָדוקטיווע מדינה-הלוואות און אינערליכער נישט-געשטיקטע ענטוויקלונג.

אין גלות פערנעהמען מיר זיך נישט מיט קיין פּאָליטיש-סאָציאַליסטישער טעטיגקייט, נישט דערפאַר, ווייל מיר ווילען אַנטלויפען פון איהר ברוטאַליטעט, נאָר צוליב דעם, ווייל מיר ווייסען, אַז פּאָליטיק איז נישט אידענטיש מיט פריי געוועהלטע אָנשויאונגען. עס איז אַ קאַמף פון רעאַלע קרעפטען געגען אַ רעאַלען בעשטאַנד. מיר ווערען אין א״י דיפערענצירט אַלס פאָלק, און אַלס בעוואוסטזיניגע אַרבייטער קעמפען מיר פאַר רעאַלע אינטערעסען און פּראָגראַמען.

אונזער א״י-סאָציאַליזם איז נישט סעפּאַרירט פון ציוניזם, נישט קיין פריי געוועהלטע צוגאַבע צו איהם און אויך נישט פערקעהרט. דאָס זענען פונקציעס פון איין און דעם זעלבען פּראָצעס, געזעהען פון פאַרשיעדענע זייטען — פון דעם פּראָצעס, וואָס איז *סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע בעפרייונג*, אין וועלכער עס איז פעראינטערעסירט די מעהרהייט פון דעם יודישען פאָלק.

20 יאָהר זענען שוין פערביי פון יענעם 1913 יאָהר, ווען עס האָבען זיך געשאַפען די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך פון סקויטיש-טרוימערישען „השומר". 20 יאָהר פון אינטענסיווער אינערליכער אַרבייט, פון אויפגאַנג, ראַנגלעניש און צווייפעל,- שווערע יאָהרען פון זוכעניש, פּרובען, אינערליכע דיסקוסיע, ביז דער „השומר-הצעיר" איז געוואָרען דאָס, וואָס ער איז היינט. פאַר פיעל „פאָרשער און ספּעציאַליסטען" איז די זאַך קריטיקווערט און שפּאָטליך. נאָך היינט צו טאָג פאַקט אַ קלויזנער מיט גרויסער סאַטיספאַקציע אַ ציטאַט פון אַ שומריש בלעטעל פון פאַר 10-15-18 יאָהרען צוריק, כדי אויפצווייזען, אַז דער „השומר-הצעיר" איז דאָס און יענץ, וכל בו רע, אַ ראיה צו זיין פערקריפּעלטען ענטוויקלונגס-וועג. ס׳זענען אויך צווישען דער יוגענד פערהאַן „השומר-הצעיר-פערבעסערערס", וואָס הויבען אונז אָן צו „רעפאָרמירען" אויפ׳ן מוסטער פון אונזערע פריהערדיגע ענטוויקלונגס-יאָהרען. אָבער דער אינערליכער אמת פון אונזער בעוועגונג וואַרפט אָב די קריטיק פון די, פונקט ווי פון יענע. ווייל ער ווייסט פונקט אַזוי, ווי עס איז אמת געווען דער „השומר-הצעיר" צוריק מיט 10 יאָהר, אַזוי איז ער אמת אויך היינט. פונקט ווי עס איז נויטיג געווען דורכצומאַכען די פאַזען, וועלכע עס זענען שוין פאַראיבער, וועלכע האָבען אויסקריסטאַליזירט אונזער אידעאָלאָגיע און לעבענס-פּרינציפּען, אַזוי וועלען זיך נאָך נייערע אויסקריסטאַליזירען אין דער צוקונפט, ווייל ער האָט אַ אינערליך קאָנסעקווענט בערעכטיגטע ענטוויקלונג.

אייזיק רעמבאַ

ברית־תרומפלדור

(בית״ר)

זיי אידעאָלאָגיע פון ברית־תרומפלדור (בית״ר) לאָזט זיך פּרעציזירען אין קורצען און אַ פשוט׳ען זאַץ: די שטרעבונג אויפצובויען אַ יודישע מדינה אין ארץ ישראל פון ביידע זייטען ירדן. בית הלל וואָלט געזאָגט: זוהי תורה כולה, ואידך—זיל גמור. דאָס איז די גאַנצע תורה און די רעשט געה און לערען צו, די זענען שוין אַלץ צוגאַבען צו דער תורה. אַבער די תורה אַליין, די קווינטעסענץ איהרע, איז אַריינגענומען אין דעם אויבען דערמאָנטען זאַץ. אויך די צוגאַבען דאַרף מען נישט זוכען אין לאַבירינטען פון פרעמדע געדאַנקען און דאָקטרינעס, אויך די זענען פשוט צוגענגליך און פערשטענדליך פאַר יעדען איינעם.

אפשר דאָ ליגט דער סוד פון פענאָמענאַלען וואוקס פון ברית־תרומפלדור, וועלכע איז אין משך פון 10 יאָהר אויסגעוואַקסען אַלס די גרעסטע ציוניסטישע יוגענד־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט און נעהמט אַריין 70 טויזענד יוגענדליכע אין 28 לענדער פון דער יודישער צושפּרייטונג.

1

פיעל וועלען פרעגען:

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט נעהמט איהר זיך דעם מאָנאָפּאָל פון קאַמף פאַר אַ יודענשטאַאַט? און אַלע אַנדערע ציוניסטישע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס—צי זענען זיי נישט אַלע, לכל הפחות דער איבערוויגענדער טייל פון זיי, אָנהענגער פון דאָזיגען געדאַנק?

כדי צו ענטפערען אויף דער פראַגע מוז מען אַ ביסעל אויפדעקען דעם פאָרהאַנג פון דער נישט ווייטער פערגאַנגענהייט און זיך איינקוקען, ווי ס׳האָט זיך געשטאַלטעט די ענטוויקלונג פון ציוניזם און די ערציהונג פון אַ יודישען נאַציאָנאַלען דור.

אמת, אַמאָל איז די דאָזיגע אָקצענטירונג, די שטרעבונג צו אַ יודיי־שער מלוכה נישט געווען נויטיג. הערצל האָט עס אויפגעשריבען אויף דער ציוניסטישער פאָהן און דאָס איז געוואָרען, ווי מען רופט אין העברעאיש „נכסי צאן ברזל"—אַנ׳אונבעשטרייטבאַרעס אייגענטום פון גאַנצען יודישען פאָלק. די קליינע גרופּע פריידיגער פון מינימאַלען „קולטור־ציוניזמוס" (מרכז רוחני) האָט געמוזט קאַפּיטולירען, נישט צוליעב דעם, וואָס הערצלס פערזענליכער צויבער אָון זיין רוהם האָט זיי פערדונקעלט, נאָר ווייל דאָס, וואָס הערצל האָט אַרויסגעשטעלט אַלס פּרינציפּ. איז געלעגען פערבאָרגען אין דער נשמה פון יעדען יודען און אפילו פון יעדען פערנינפטיגען קריסט. עס איז געווען אַ קאַמף נישט צווישען הערצליאַניזם און אחד־העמיזם, נאָר צווישען פאָלק־געניוס און דעם אייביג טליענדען פערלאַנג צו בעפריי־אונג פון איין זייט מיט אַ קינסטליכען ווילען צו פערהעמען דעם דאָזיגען דראַנג פון דער צווייטער זייט. דעריבער איז יודענשטאַאַטס־געדאַנק געווען לעבען, און דער מרכז רוחני בלויז ליטעראַטור, טויטע אותיות, העכסטענס אַ טעמע אויף גייסטרייכע ויכוחים צווישען תלמידי חכמים.

אזיך פיעל יאָהרען נאָך הערצלס טויט איז דער יודענשטאַאַטס־רעיון געוועזען אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון גאַנצען ציוניזם. דאָס האָט פערשטאַנען נישט בלויז וויצמאַן, נאָר אפילו לאיד דזשאָרזש, דער דאָ־מאָלסדיגער פּרעמיער פון גרויס־בריטאַניען און פיעל אַנדערע גויים. ציוניזם האָט געהייסען אויפבויען אַ יודישע מלוכה אין ארץ־ישראל. ווער געדענקט עס נישט וויצמאַנס דעפיניציע: אַזוי ווי ענגלאַנד איז ענגליש און פראַנק־רייך איז פראַנצויזיש, אַזוי וועט ארץ־ישראל זיין יודיש.

דעריבער איז דאַן נישט געווען קיין צוברעקלונג אין דער ערציהונג פון יונגען דור. אפילו דער „השומר הצעיר", וועלכער איז אַוועק מייללען־ווייט פון מלוכה׳שען ציוניזם, איז אין אורשפּרונג, ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, געווען אולטראַ־נאַציאָנאַל און דערפאַר האָט ער דאַן גענאָסען פון דער סימפּאַטיע פון אַלע קרייזען אין יודישען צבור.

די פערשטענדליכע שוועריגקייטען פון אתחלתא־דגאולה האָבען אָבער אָנשטאָט צו שטאַרקען די פּיאָנערען און אין זיי אַריינאימפּען די נויטיגע עקשנות, כדי גובר צו זיין די אַלע מכשולים, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ געזונד און שטאָלץ פאָלק, וועלכע וויל צורייסען די קנעכטשאַפט־קייטען, די אבני־נגף אויפ׳ן וועג בעזייטיגען,—האָבען פערקעהרט בעוואויגען די פיהרער פון דער ציוניסטישער שיף זיך צוריקצוציהען פון פּראָגט און טיילווייז קאַפּי־טולירען. פון גרויס־ציוניזם איז געוואָרען קליין־קאָלאָניזאַציע, און כדי צו פערדעקען דעם חלל, דעם פּוסטען רוים, וואָס האָט זיך געשאַפען דורכ׳ן רעדוצירען דעם ציוניסטישען אידעאַל, האָט מען צוגעטשעפּעט פרעמדע, זאָגאַר אַנטי־יודישע אידעען און אַט דער „כורך" האָט אַראָבגעפיהרט דעם נייעם דור אויף פאַלשע שליאַכען. אַזוי אַרום איז פאַר דער פריי־הייטס־בעוועגונג פערלאָרען געגאַנגען אַ גאַנצער דור.

אז די דאָזיגע פערמינערונג פון ציוניסטישען אידעאַל האָט אונז

געבראַכט אין פּאָליטישען קאַמף פּיעל שאָדען – דאַרף מען נישט אונטער־שטרייכען.

צוליעב דעם האָט געמוזט קומען דער רעוויזיאָניזם, וועלכער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויפ׳ן יודענשטאַאט, האָט צוריקגעגעבען דעם ציוניזם זיין תוכן, האָט בעגייסט זיין נשמה און האָט דעם ציוניסטישען אָדלער, וועלכער האָט שוין געפּעלזעט אויף דער ערד מיט אָבגעהאַקטע פליגלען, צוריקגעגעבען די פליגעל און שוואונג.

און כדי צו ראַטעווען די קינפטיגע דורות און זיי צוגרייטען צו דער שווערער אויסלייזונגס־אַרבייט, איז ענטשטאַנען אין יאָהר 1924 די וועלט־אָרגאַניזאַציע ברית־תרומפלדור, וואָס האָט אויפגעשריבען אויף איהר פאָהן: מכין זיין דעם דור בויער פון דער יודענשטאַאט.

2

זעהר וועניג פעלקער זענען פערהאַן היימלאָזע אויף דער וועלט. צו די וועניגע געהערען מיר, אידען, און דערפאַר ליידען מיר אַזוי פיעל. אומעטום ווערען יודען געיאָגט און געפּלאָגט, אַרויסגעשטויסען פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און בערויבט פון זייערע רעכט. היינט, אין אָנבליק פון היטלעריזם און די נישט לאַנג פאָרגעקומענע פּאָגראָמען אין אַלושיר און אין ליטווישען שאוועל, דאַרף מען נישט פערלירען פיעל רייד, כדי צו מאָהלען מיט ספּעציעלע שוואַרצע פאַרבען דעם אידישען מצב. אַז עס איז שלעכט, ממש אונערטרעגליך, זענען אַלע מודה — אַלע אָהן אויסנאַהם. דער אויסוועג איז ארץ ישראל. לענגער האָבען עס אָנערקענט נאָר ציוניסטען. היינט איז דאָס שוין אַן׳אַקסיאָמע פאַר דער גאַנצער און ברייטער וועלט. מען מוז ווי אמשנעלסטען איבערזידלען אין ארץ ישראל מיליאָנען יודען פון פערשידענע גלויות, וועלכע האָבען פערלאָרען דעם באָדען אונטער די פיס און גייען אויס פון הונגער און פיין. ס׳איז פערשטענדליך, אַז וויייל די קאַטאַסטראָפע איז מורא׳דיג און די געפאַר איז גרויס, מוזען מיר אָנווענדען אַלע אונזערע כוחות, כדי נישט צו פערלירען קיין איין איבעריגען מאָמענט, כדי צו שאַפען פאַר די פערפייניגטע יודען אַ מקום מקלט אין ארץ־ישראל. אין אָנבליק פון גרויסען יודישען אומגליק טאָרען מיר נישט פערלירען צייט און ענערגיע אויף אַנדערע, ווען זאָגאַר חשוב׳ע זאַכען. אַלץ, די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דאַרף זיין געריכטעט אויף ארץ־ישראל, אויף בויען דאָס לאַנד און אַויפשטעלען די יודישע מדינה. די בית״רישע וועלט־אַנשויאונג איז דעריבער אויפגעבויט אויפ׳ן יסוד פון מאָניזם. אויף פּראָסט יודיש הייסט עס, אַז מיר דענקען נאָר וועגען איין זאַך און זי הייסט ציוניזם. אַלע אַנדערע אידעען און וועלט־אָנשויאונגען, ווי שיין, נוציג און וויכטיג זיי זאָלען נישט זיין, געהען אונז יעצט נישט אָן, וויייל זיי זענען עלול צו פערקלענערען דעם טעמפּאָ פון דער אויפבוי־אַרבייט אין ארץ־ישראל און פערלאַנגזאַמען דעם בעפרייאונגס־פּראָצעס פון יודישען פאָלק. דאָס וואָלט געשטעלט אין סכנה דעם קיום און עקזיסטענץ

פון צענדליגער טויזענדער יודען, וועלכע שטעהען מיט אויסגעשפּרייטע הענד און לעכצען נאָך פרייהייט.

אמת, מיר האַלטען נישט פערמאַכט אונזערע אויגען פאַר אַלע ערשיינונגען אין דער וועלט, אָבער איבער אַלץ און אַלעמען שטעהט פאַר אונז דאָס וואויל פון פאָלק און לאַנד און דערפאַר בּעקעמפען מיר דעם דואַליזם אין דער ערציהונג פון דער ציוניסטישער יוגענד. די סאָציאַליסטישע אָנשויאונג, מיט וועלכער מיר ווילען כלל נישט פאָלעמיזירען, שטעהט פיעל מאָל אין סתירה צו אונזער ציוניסטישען אידעאַל און זי לאָזט זיך נישט פעראייניגען צו איין אידעע. אַזוי ווי מען קאָן נישט פערבּינדען קיין פייער מיט וואַסער, ווייל זיי זענען צווי אונפעראייניבּאַרע געגענשטאַנדען, אַזוי קאָן מען נישט פערבּינדען ציוניזם מיט׳ן סאָציאַליזם. שעטנז לא יבוא עליך, זאָגט די תורה. אַנטקעגען דעם שעטנז (אַ געמיש פון צווי געגענגעזעצטע שטאָפען) שטעלען מיר אַוועק דעם חד־נס (איין פאָהן).

מען מוז אונטערשטרייכען, אַז פאַר׳ן דאָזיגען געמיש פון ציוניזם מיט׳ן סאָציאַליזם האָבּען מיר שוין טייער בּעצאָהלט. טויזענדער פון אונזערע בּעסטע יוגענד, וועלכע זענען אַמאָל געשטאַנען מיט בּיידע פיס אין ציוניסטישען היכל, זענען בּיסלעכווייז אַוועק פון אונז דאָרט, פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק און זענען אָבּגעשניטען געוואָרען פון יודישען שטאַם. ווייל יענע פרעמדע אידעען, וועלכע זענען פריהער געווען בּלויז אַ צוגאַבּע צום ציוניזם, זענען בּיסלעכווייז געוואָרען אַנ׳עיקר און צום סוף—דאָס איין און איינציגע פון זייער וועלט־אָנשויאונג. וויפיעל קרבּנות האָבּען מיר אַוועקגעגעבּען דעם מולך פון דער רויטער אַסימילאַציע? און בּעדויערענס־ווערט איז בּעזונדערס דער פאַקט, וואָס פיעל פון די דאָזיגע טרייע אָרגאַניזאַטאָרען פון פאָגראָם פון 1929 און פערבּיסענסטע שטערער פון ציוניסטישען אויפבּוי־ווערק זענען געוועזענע אַדעפטען פון „השומר הצעיר״.

אונזער פּרינציפּ איז, אַז כל זמן עס דויערט דער פּראָצעס פון אויפבּויען די יודישע מדינה, האָט דער נאַציאָנאַלער מאָמענט פּרימעריטעט (זכות הבּכורה) איבּער׳ן קלאַסען אָדער פּריוואַטען מאָמענט. מיר רופען זיך אויף׳ן נאָמען פון תל חי־העלד, יוסף תרומפּלדור, ווייל ער האָט געוויזען אַ מוסטער פון דער דאָזיגער ערהאַבּענער תורה און אַליין מיט זיין לעבּען בּעוויזען, אַז די נאַציאָנאַלע זאַך שטעהט העכער פון פּריוואַטע זאָרגען און אפילו פון דאָס שענסטע און הייליגסטע—פון לעבּען אַליין.

אין הסכם מיט׳ן דאָזיגען פּרינציפּ זעהען מיר אין קלאַסען־קאַמף, וואָס די לינקע פּאַרטייען אין ארץ־ישראל פלעגען מיט אַזאַ אייפער, אַ גרויסע סכנה פאַר׳ן ציוניזם. נישט קיין בּורזשויען און נישט קיין פּראָלעטאַריער, נישט קיין עקספּלאָאַטאַטאָרען און נישט קיין עקספּלאָאַטירטע, נאָר חלוצים זענען מיר אַלע: רייך און אָרים, מאַן און פרוי, דער, וואָס

אַרבייט מיט'ן אַקער-אייזען אין האַנד און דער, וואָס שטעלט אויף אַ פאַבריק און שאַפט אַן אינדוסטריע אין ארץ-ישראל, וויל צום אויפבוי פון דער יודישער מדינה איז אַלץ נויטיג: דער פויער און סוחר, האַנדווערקער און אַדוואָקאַט. דאָס אויפבוי פון יודישען לאַנד איז אַ גרויסע מאַשין און יעדער איינער פון אונז—האָט תרומפלדור געזאָגט,—איז אַ שרייפעלע אין דער מאַשין. אַלע שרייפעלעך זענען צוגלייך נויטיג, כדי די מאַשין זאָל קאָנען פונקציאָנירען נאָרמאַל. די קלאַסען-קאַמפען אין ארץ-ישראל— אַן אינטעגראַלער טייל פון דער סאָציאַליסטישער וועלט-אַנשויאונג — טאָרמאָ-זירען דעם אויפבוי פון דער יודישער מדינה, שאַפען קינסטליכע מחיצות צווישען איין יוד און צווייטען און פערשאַרפען אוננויציג דעם אַנטאַגאָ-ניזם צווישען די שותפים פון בנין. טויזענדער מאָל מעהר איז שעדליך און פערברעכעריש דאָס געהן יד אחת מיט די אַראַבישע אַרבייטער, די רוצחים פון לפתא און חברון געגען דעם יודישען קאַפּיטאַליסט, וועלכער העלפט מיט זיין געלד און ענערגיע בויען דאָס יודישע לאַנד.

מיט איין וואָרט: דאָס, וואָס איז גוט פאַר ארץ-ישראל — איז גוט פאַר אונז. דאָס, וואָס קאָן שאַדען ברענגען ארץ-ישראל — דאָס בעקעמפען מיר.

3.

פיעל אמת'ען האָט די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי געפּרעדיגט אין משך פון די יאָהרען. לכתחילה זענען זיי בעקעמפט געוואָרען דורך די פּאָליטי-שע געגנער און טיילווייז אויסגעלאַכט געוואָרען. דאָס לעבען איז אָבער פיעל שטאַרקער פון דאָגמעס און האָט נישט איינמאָל געגעבען אַ פּאַטש אין פנים די ציניקער. וויפיעל פונקטען פון אונזער פּראָגראַם זענען נאָכ-הער אָנגענומען געוואָרען דורך אַלע טיילען פון דער ציוניסטישער בעווע-גונג? מיר האָבען אויפגעשריבען אויף אונזער פאָהן: אַ יודישע מדינה פון ביידע זייטען פון ירדן. אונאויפהערליך האָבען מיר אַריינגעהאַקט אין די יודישע מוחות דעם דאָזיגען אני מאמין. יעדער רעוויזיאָניסט און ביתרי האָט, אויפשטעהענדיג און זיך לייגענדיג, איינגע'חזר'ט זיך דעם דאָ-זיגען פסוק — ביז ער איז געוואָרען אַן אייגענטום פון גאַנצען יודישען פאָלק.

אַזוי איז געשעהען אויך מיט'ן לעגיאָניסטישען געדאַנק. אַמאָל איז דאָס וואָרט—מיליטאַריזם געווען אַ מפלצת, אַ סטראַשידלאָ, מיט וועלכע מ'האָט געשראָקען קליינע קינדער. קיין בעוועגונג איז נישט געווען אַזוי אונפּאָפּולער און איהרע לאָזונגען אַזוי פערהאַסט, ווי בית"ר מיט איהר לעגיאָניזם. מיר האָבען אָבער נישט אויפגעהערט איבערצו'חזר'ן דעם דאָ-זיגען עלעמענטאַרען אמת און היינט פערשטעהען און אנערקענען איהם שוין פיעל. היינט זענען שוין פיעל מודה, אַז די בעציהונג פון די ציוניס-טען צום יודישען לעגיאָן אין 1916 איז געווען אַ פערברעך, וועלכער האָט אונזער זאַך געבראַכט פיעל שאַדען. היינט צו טאָג, נאָך די פיעל

קרבנות, וואָס מיר האָבען געגעבען, נאָך שטאָהל און זוהר—נאָך די ערמאָרדעטע אין יאַדזשור, נאָך כפר חסידים און בלפוריה, נאָך יעקובי און זיין זוהן, און ענדליך נאָך אַרלאָזאָראָוו ווייזען שוין אַלע אָן, אַז ס'איז אונז אונמעגליך צו לעבען אין ארץ ישראל אין שטענדיגען צושטאַנד פון אונזיכערקייט.

היינט שרייען שוין נאָך אַלע אונזער אַלטע פאָדערונג צו דער ענגלישער רעגירונג אונז צו ערלויבען שאַפען אַ מיליטערישע איינהייט אין לאַנד, וואָס זאָל זיין פאַר אונז אַ גאַראַנטיע, אַז אונזער לעבען און פערמעגען איז נישט הפקר. היינט פערשטעהען שוין אפילו געגנער, אַז אויך אין גלות דאַרפען מיר קאָנען די קונסט פון זיך פערטיידיגען געגען כוליגאַנעס און פאָגראָממשטשיקעס (אַלזשיר האָט עס בעוויזען מיט אַ קורצער צייט צוריק און די ביטערע ווירקליכקייט שמייסט אונז אַלע טאָג אין פנים). פיעל, פיעל קרבנות האָבען מיר געמוזט אַוועקגעבען, פיעל טייכען בלוט זענען פערגאָסען געוואָרען, ביז מיר זענען געקומען צום עלעמענטאַרען פערשטאַנד, אַז מיר טאָרען זיך נישט לאָזען אויסשעכטען, ווי די שאָף.

דער ציוניזם האָט די אויפגאַבע נישט נאָר אויפצוריכטען די יודישע מלוכה, נאָר אויך געזונד צו מאַכען דעם יוד. „ציוניזם בעדייט — זאָגט הערצל—דאָס צוריקקעהרען צום יודענטום, פאַר דעם צוריקקעהרען צום יודענלאַנד". און גראַדע דאָס וויכטיגסטע איז פערנאַכלעסיגט געוואָרען. די אויפגאַבע אויסצוואָרצלען דעם עקעלהאַפטען גלות-אָנוואוקס פון פחדנות—איינע פון די טרויעריגסטע ירושות פון גהעטאָ—פון בעהאַלטען זיך אויף בוידימער און אין די קעלערס, ווען מען שעכט און מען שענדעט מוטערס און שוועסטערס, אויף וועלכען דער נאַציאָנאַלער דיכטער האָט געשטורעמט און נעזאָגט, אַז „אייער לעבען האָט קיין טעם נישט, פונקט ווי אייער מיאוס'ער טויט איז אָהן אַ טעם"; די אויפגאַבע געזונד צו מאַכען דעם יוד, אויסגלייכען זיין רוקען און פערוואַנדלען איהם אין אַ שטאָלצען מענשען—איז לאַנג נישט ערפיהלט געוואָרען. דעם חסרון בעסערט אויס ברית תרומפלדור. בית"ר נעהמט אַריין אין איהר פראָגראַם דעם לעגיאָניזם, די מיליטערישע אויסבילדונג פון יונגען דור, דאָס צוגרייטען מחנות צו זעלבסט-שוץ אין ארץ-ישראל און אין גלות, ווי אויך צוגרייטען לעגיאָנערען צום קונפטיגען יודישען לעגיאָן.

דאָס איז אַ גרויסע ציוניסטישע טהאַט, וועלכע בית"ר האָט אַרויפגעלעגט אויף איהרע אַקסלען.

4.

דיסציפּלין איז ביי יודען אַ נייער בעגריף. דאָס, וואָס איז פערשטענדליך ביי אַלע אומות העולם, איז פאַר יודען אַן אַנטפּלעקונג. אויך דאָס איז אַ פּראָדוקט פון גהעטאָ. אין גלות האָט זיך געשאַפען אַ טיפּ פון „איפכא מסתברא'ניקעס", פון מענשען, וועלכע האָבען געבויט זייער גאַנצע לעבענס-אָנשויאונג אויפ'ן זאָגען פונקט דעם היפוך פון זייער חבר. אין

יודישען לעבען האָט זיך איינגעבירגערט אַ פרעמדקייט צו אָרדנונג, אַ פול־שטענדיגע פערנאַכלעסיגונג פון פאָרם, פון אויסערליכער שעהנקייט. יודען האָבען זיך מצמצם געווען אין די ד׳ אמות פון תוכן. מ׳האָט געלעגט נאָר אַכט אויפ׳ן אינהאַלט, כדי איינצוהאַלטען דעם קיום פון פאָלק און איהם נישט לאָזען זיך אַסימילירען — אָבער די צורה, די פאָרם האָט מען אינגאַנצען פערלאָזען. אין תלמוד ווערט געזאָגט: „מיום שנחרב בית המקדש, נסתלק יופי מישראל", און אָט דער מאַנגעל פון פערשטענדניש פאַר יעדען אויסדרוק פון אויסערליכער שעהנקייט האָט צוגעהאָלפען צו דער פערקריפּלונג פון יודישען טיפּ. ברית תרומפלדור האָט אויך פעררינכט דעם לקוי און געשאַפען אַ נייעם טיפּ פון אַ דיסציפּלינירטען מענשען מיט אַ פער־שטענדניש פאַר פאָרם און שעהנקייט.

דער זין פון דיסציפּלין ליגט אין מכניע זיין דעם רצון פון יעדען יחיד פאַר׳ן רצון פון כלל. דאָס איז דער קאַטעגאָרישער אימפעראַטיוו, וואָס בעגלייט אונז אומעטום ווי דער עמוד האש: „בטל רצונך מפני רצון העם". טייל פון אונזערע געגנער טענה׳ען, אַז מיר מאַכען פון מענשען אַ מאַשין און אַ אויטאָמאַט, וואָס ערפיהלט נאָר די בעפעהלען פון פיהרער, און מיר זאָגען: דעם גאַנצען רעספּעקט פאַר׳ן מענשען, שבצלם אלהים נוצר, די פולע שעצונג פון זיינע אינדיווידועלע אייגענשאַפטען — אָבער, ווען דאָס פאָדערט די טובה פון פאָלק, איז נישטאָ קיין פערזענליכער ווי־לען. דאָס איז דאָך דער קלאָרער זין פון טרומפעלדאָרס צוואה. אַ שרייפעל איז יעדער איינער פון אונז, בלויז אַ שרייפעל אין דער מאַשין, וואָס הייסט יודענשטאַאַט.

פיעל וואַרפען אונז פאָר, אַז מיר זענען איבערגעטריבענע אָנהענגער פון פערזאָנען־קולט און זענען בלינדע ווערקצייג אין די הענד פון איין מענשען. מיר האַלטען פאַר אונזער גליקליכען גורל דעם פאַקט, אַז דער גרינדער און שעפער פון אונזער בעוועגונג איז דער גרעסטער יוד פון אונזער דור, זאב זשאַבאָטינסקי, אַ מענש, וואָס זיין גאַנצער לע־בענס־וועג איז איין לאַנגע הערואישע קייט פון אַרבייט און קאַמף פאַר׳ן פאָטערלאַנד. ווי דורך אַ קאַליידאָסקאָפּ גייען פאַר אונז פערביי די מעשים פון זאב זשאַבאָטינסקי פאַר זיין פאָלק. זיין ריעזען טאַלענט, געוואַלדיגער פלייס, אָראַטאָרישע קראַפט, איבערצייגענדע פעדער, די אונגעהויערע ערוּ־דיציע, זיין קריסטאַל־ריינקייט און דעם צויבער פון זיין פערזאָן האָט ער אוועקגעגעבען פאַר דער גרויסער זאַך. אַ מוסטער פאַר דור דורות איז דער שעפער פון יודישען לעגיאָן, וועלכער האָט צוגלייך טיש און בענק געוואַשען אין די לעגיאָן־קאַזאַרמעס, אַ סימבאָל פאַר קינדס־קינדער — דער געפאַנגענער פון עכו, וועלכער האָט אָרגאַניזירט דעם זעלבסטשוץ אין ירושלים און מיט זיין אייגענעם גוף בעשיצט דעם יודישען ישוב, אַ וועג־ווייזער—דער מענש, וועלכער האָט, ווי בר־כוכבא, אויפגעוועקט די יוגענד צום טהאַט און אָנגעצונדען אין איהר האַרץ דעם פלאַם פון קנאות.

און נישט נאָר זיין פערזענליכער צויבער האָט איהם געשטעלט בראש

פון דער אידישער פרייהייטס-בעוועגונג און איהם געקרוינט פאַר'ן פיהרער פון דער נאַציאָנאַלער יוגענד. זיינע טהאַטען האָבען דערצו גורם געווען. מיר געהען נאָך מיט רעספעקט און ליעבע דעם מנהיג, וויל אַלע זיינע פּראָגנאָזען און דיאַגנאָזען, וועלכע ער האָט געשטעלט אין דער ציוניסטי־שער בעוועגונג, האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר ריכטיג. מיט זיין טיעף אויג האָט ער דורכגעדרונגען די טיעפענישען פון דער יודישער נשמה און האָט, ווי נאָך קיינער נישט, אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער בּרייט, פאַר דער וועלט און פאַר אונז דעם פּראָבּלעם פון דער יודישער ערלייזונג.

נעבען דער וואונדערבּאַרער לעגענדע פון טעאָדאָר הערצל וועבט זיך אין אונזער תקופה אַ צווייטע לעגענדע, און מוטערס וועלען דערציי־לען זייערע קינדער, זיידעס — זייערע אייניקלעך און דאָס פאָלק וועט אַמאָל אין ליעדער בּעזינגען די לעבּענס-געשיכטע פון זאב זשאַבּאָטינסקי, דעם ריעז, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבען געשטעלט אין רשות פון פאָלק. אַלע זיינע טעג און נעכט זענען געווען אַ מוסטער פון אָפּפערוויליג־קייט און איבּערגעבּענע מעשים, כּדי צו בּענייען דעם פּראַכט פון מלכות בּית דוד.

5

פון יענעם וואונדערבּאַרען בּעגריעף, וואָס הייסט „חלוץ", וועלכען טרומפעלדאָר האָט געשאַפען, נעהמענדיג פאַר אַ מוסטער די בּילויים, איז היינט נאָר אַ פּוסטער נאָמען געבּליבּען, אַ קלאַנג, וואָס זאָגט גאָרנישט. אַמאָל איז דער פּיאָנערווירקליך געווען דער חלוץ העובר לפני המחנה, וועלכער טרעט־אויס דעם וועג פאַר די בּרייטע מאַסען. צו דעם האָבען זיך געאָפּפערט קרבּנות, גרויסע אָפּפערען פון געזונד און לעבען, און זיי זענען געבּראַכט געוואָרען מיט פריידע. ליעב זענען געווען די יסורים פאַר די ערשטע בּויער. מענשען האָבען פערלאָזען בּעקוועמע היימען מיט אַלע פּערגניגענס, פערוואָרפען שולען און אוניווערזיטעט־בּענק, אַוועקגעוואָרפען אונטער זיך דאָס לוקסוס-לעבען מיט אויסזיכטען אויף גרויסע קאַריערעס און זענען אַוועק אין לאַנד, וואָס איז געווען חרוב און וויסט. בּייטאָג האָט געבּרענט די היץ און בּיינאַכט האָט געפריהרט די קעלט. אין אַ לאַנד פון זומפען און מאַלאַריע האָבען זיי, די פּיאָנערען, פיעל לעבּענס אַוועקגעגעבען פאַר'ן מאַכען פון מדבּר, וואו פוקסען האָבען אַרומגעשפּאַצירט און שאקאַ־לען האָבען געוואויעט, אַ מענשליכען ישוב. די, וועלכע לעזען די ריהרענדע בּלעטער פון איבּערמענשליכען הערואַליזם און בּעקענען זיך מיט דער מאַר־טיראָלאָגיע פון די בּלויים און די עולים פון די ערשטע עליות — פער־שטעהען די טיעפע כּוונה און בּעדייטונג פון „החלוץ".

וואָס איז היינט פון דעם אַלעם געוואָרען? די עליה פון די אַזוי גערופענע „חלוצים" איז אַ עליה פון בּעקוועמליכקייט. אַמאָל איז חלוציות געווען אַ קרבּן און היינט איז עס אַ פּריווילעגיע. די חלוצים געהען אין

די שטעדט, וואו דאָס לעבען איז בעקוועם און מען פערדיענט לייכט געלד, דאַגעגען דאָס דאָרף ווערט פערוואָרלאָזט. דער גאַנצער קאַמף, וואָס פיהרט זיך היינט פאַר יודישע אַרבייט אין די לאַנדווירטשאַפטען, וואָלט דאָך איבעריג געווען, ווען די חלוצים וואָלטען פערשטאַנען זייער ראָל און וואָלטען נישט פערלאָזען זייערע אַרבייטס-פּאָזיציעס אין דאָרף. אמת, דאָס לעבען אין דאָרף איז שווערער, דער פערדיענסט — א מינימאַלער. אָבער צי איז דען דער חלוץ געקומען אין לאַנד, כּדי אויסצובעסערען זיין פּערזענליכען לעבען, אָדער פריי צו מאַכען דעם וועג פאַר די אַנדערע טיילען פון פאָלק? דער חלוץ האָט נאָך פיעל וויכטיגע פונקציעס צו ערפיהלען אין בנין. מ'זעהט איהם אָבער נישט אויף זיין אָרט. דער גליל, וואו יעדער טריט איז אָנגעזאַפּט מיט'ן הייליגען בלוט פון די העלדען פון בית החשמונאים אין פערביטערטען קאַמף געגען די רוימער, איז פערלאָזען געוואָרען פון די חלוצים, ווייל די לעבענס-בעדינגונגען זענען דאָרט שווער.

פונקט ווי עס איז געקומען די נויטווענדיגקייט מחדש צו זיין דעם ציוניזם, איז אויך דרינגענד געוואָרען מחדש צו זיין דעם מושג פון חלוציות. אייגענטליך נישט מחדש זיין, נאָר איהם צוריקצוקעהרען זיין אַמאָליגען אָרעאָל, ווי דער העברעער רופט עס „להחזיר את העטרת ליושנה". אויך דאָס איז געמאַכט געוואָרען דורך ברית תרומפלדור. דער פּרינציפּ פון גיוס (מאָבּיליזאַציע), וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען דורך דער וועלט-קאָנפערענץ פון בית"ר אין דאַנציג 1929, איז אַ נייער אין ציוניסטישען לעקסיקאָן. ער בעדייט, אַז אַ בית"רי, ווען ער קומט אין לאַנד, איז נישט קיין בן-חורין, ער איז נישט פריי פאַר זיך צו טהון וואָס ער וויל. דאָרט ווי דאָ איז ער אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט פון דער בית"רישער אַרמעע און ער שטעהט צו דער דיספּאָזיציע פון די לייטענדע בית"ר-אינסטאַנצען, וועלכע וועלען איהם שיקען אויף דעם פראָנט, וואו ער איז נויטיג. די פּלוגות העבודה פון בית"ר אין א"י זענען אַ העראָאיש שעהן בלאַט אין דער געשיכטע פון די ערָאָבערונגען פון ישוב. דער גליל איז פערלאָזט פון יודישע אַרבייטער — געהען דאָרט בית"רים און גרינדען אין ראש פנה אַ פּלוגת עבודה. שווער זענען זייערע לעבענס-בעדינגונגען, שווער בייצושטעהן דעם נסיון, ווען אין שטאָדט קען מען פיעל פערדיענען און דאָ מוז מען אַ ביסעל צוהונגערען — אָבער מען טאָר דאָך נישט פערלאָזען די ערָאָבערטע פּאָזיציע. און אַזוי שטעהען זיי די פּלוגות העבודה פון בית"ר אין א"י, ווי אַ פעלז אין מיטען ים. אָט אַזוי אַרבייטען די בית"רים אין א"י, ווי אין די צייטען פון בנין בית שני — ביד אַחת האת ובשניה — השלח. (אין איין האַנד דעם רידעל און אין דער צווייטער — די ביקס).

דער שעהנער בעגריף פון „חלוץ" האָט אין ברית תרומפלדור בעקומען זיין תקון.

6

דריי הכשרות מוז יעדער בית"רי דורכמאַכען, ווען ער געפינט זיך אין דער אָרגאַניזאַציע: אַ מיליטערישע, אַ פאַכליכע און אַ

ק ו ל ט ו ר ע ל ע. וועגען דער ערשטער הכשרה, דער מיליטערישער, האָבען מיר גערעדט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען. זי איז קלאָר און יעדער בית״רי פּערשטעהט, אַז כּדי צו מעגען טראָגען דעם נאָמען פון בית״ר מוז ער, נעבען דער קולטורעלער און פּאַכליכער הכשרה, האָבען דורכגעמאַכט די מיליטערישע אויסבילדונג (דערצו דיענען די קורסען פאַר וועהר־ספּאָרט, וועלכע ווערען אָרגאַניזירט דורך די בית״ר־אינסטאַנצען און די פּויליש מלוכה׳שע אָרגאַניזאַציעס פאַר מיליטערישע צוגרייטונג, די אַזוי־גערופענע פּ.וו.־גרופּען).

אויך די פּאַכליכע הכשרה האָט אין בית״ר בעקומען אַנ׳אַנדערע בעדייטונג און אַנדערע פאָרמען. די שעהנע אידעע פון הכשרה, וועלכע האָט בעצוועקט צו מאַכען פון יונגען יוד אַ פּראָדוקטיווען מענש אנשטאט אַ יעגער נאָך ווינד־געשעפטען, איז אין „החלוץ" פּערקריפּעלט געוואָרען. דער געיעג נאָך סערטיפיקאַטען האָט פון דער גאַנצער הכשרה־אַרבייט געמאַכט אַ פיקציע. די הכשרה אין איהר איצטיגען צושטאַנד גיט גאָרנישט דעם יונגענמאַן, זי גרייט איהם נישט צו צום לעבען אין א״י און צו די נויטיגע בעדינגונגען. דאָ קען מען אפשר געפינען אַ תּירוץ אויפ׳ן טרויעריגען פאַקט, וואָס אַלע חלוצים לויפען אין די שטעדט אויף לייכטע פערדיענסטען און די ציוניסטישע עקזעקוטיווע זוכט געגען זיי סאַנקציעס און שטרענגע שטראָפען.

לענגער איז ברית תרומפּלדור געווען געצוואונגען נאָכצומאַכען דעם דאָזיגען שפּיעל מיט דער פערקריפּעלטער הכשרה, וועלכע הייסט פּאַכליכע, אָהן אַ סיבה און אָהן אַ טעם. לעצטענס איז בית״ר צוגעטרעטען צו רעאָרגאַניזירען איהר גאַנצען הכשרה־סיסטעם. אַ פּאַכליכע הכשרה בעדייטעט אויסלערנען דעם יונגענמאַן אַ פ אַ ך, מיט וועלכען ער זאָל זיך קענען בעשעפטיגען, קומענדיג אין לאַנד. די פאָדערונג נאָך קוואַליפיצירטע פאַכמענער אין לאַנד איז גרויס; די פּליכט פון יונגען אַוואַנגאַרד איז צו ליפערן דעם דאָזיגען קאָנסטרוקטיווען מענשען־מאַטעריאַל פאַר דער יונגער אינדוסטריע און לאַנד־ווירטשאַפט. בית״ר וועט צוגרייטען די נויטיגע פאַכמענער.

אַ בעזונדער קאַפּיטעל פאַר זיך איז די קולטורעלע ערציהונג פון בית״ר. דער יסוד־היסודות איז דאָס ה ע ב ר ע א י ז י ר ו נ ג פון דער אָרגאַניזאַציע. אין קן מאַכט דורך דער בית״רי אַ פולען קורס פון נאַציאָנאַלער ערציהונג: העברעאישע שפּראַך, יודישע געשיכטע, ציוניזם, געאָגראַפיע פון א״י א. אַ. אין קן געפינט דער בחור און דאָס מיידעל אַ נאָהענטע נאַציאָנאַלע סביבה, וועלכע ערציהט זיי אין גייסט פון גרויסער ליבע, גרעניצלאָזער איבערגעגעבענהייט און קרבנות־גרייטקייט פאַר׳ן פאָלק און לאַנד. אַזאַ ערציהונג בעקומט דער 12־יעהריגער בית״רי פון דרגא א׳, דער נשר — ביז די בוגרים פון דרגא ג׳. אַזאַ חנוך פורימט אויס די נשמה פון יונגען און געוואוינט איהם שוין אין גלות צום שווערען קאַמף און לעבען אין א״י.

די ערציהונגס־מעטאָדען אין בית״ר זענען נאָך נישט סטאַביליזירט.

די בעוועגונג געפינט זיך אונאויפהערליך אין א ד י נ א מ י ש ע ן צושטאנד, דערפאר איז אויך איהר ערציהונג נ י ש ט ק יי ן ס ט א ט י ש ע. מיר שע־פען ארויס די פערעל פון פערשידענע ערציהונגס־סיסטעמען און פאסען זי צו צום נאציאנאלען כאראקטער פון אונזערע אויפגאבען. אבער שוין היינט האט די בית״ר־בעוועגונג בעוויזען ארויסצוגעבען קאדרען פון אמת׳ע חלוצים, וועלכע ארבייטען מיט׳ן אקער־אייזען און אין ווארשטאט. א טייל פון זיי פיינעגען זיך אין די ארץ־ישראל־געפענגעניסען — ווי די אמאליגע קנאים — קעמפענדיג פאר א יודיש ארץ־ישראל. הינטער זיי שטעהט און ערציהט זיך א ריעזיגער יונגער דור — טויזענדער און צעהנד־ליגער טויזענדער — וועלכע וועלען געהן אין זייערע וועגען.

די ערציהונג פון ברית תרומפלדור נעהמט ארום זעהר ברייטע האָ־ריזאנטען. מיר זענען געקומען שאפען דעם נייעם טיפ פון יודען, דעם בירגער פון דער קינפטיגער יודישער מדינה. מיר ווילען צוריק צובינדען די גאלדענע קייט פון מלכות בית דוד, וועלכע איז איבערגעריסען געווארען אין אונזער פינסטערען גלות. נישט לייכט איז די דאזיגע אויפגאבע. אבער דאס בעוואוסטזיין, אז אין אונזערע אדערען פליעסט דאס בלוט פון חשמונאים און יודישע מלכים, ווייזט אונז די ריכ־טונג און מיר וועלען שאפען דעם יודען, וועלכער וועט זיין א פרינץ אין זיין בענעהמונג, א אריסטאקראט אין זיין בעציהונג צו מענשען, שטאלץ און איידעל, עקשנות׳דיג און פערגינפטיג, אט דעם טיפ פון הדר׳ישען יודען, וועגען וועלכען דער שעפער און טרוימער פון יודענשטאאט, זאב זשאבא־טינסקי האט געדיכטעט:

הדר
עברי גם בעוני הוא שר
אם שוע, אם הלך
נוצרת בן מלך
בכתר דוד נעטר.

באור אף בסתר
זכורו את הכתר
עטרת גאון ותגר.

זרח וואַרהאַפטיג

„תורה-ועבודה"

א. די ענטשטעהונג און די אידעאָלאָגישע יסודות.

דער חדוש, וועלכען דער „מזרחי" האָט אַריינגעבראַכט אין דעם יודישען געדאַנקען-גאַנג, איז בעשטאַנען איבערהויפּט אין דעם ענטפּלעקען די נאַציאָנאַלע ווערטען פון דער יודישער תורה און זייער אונטיילבאַרען צוזאַמענבונד מיט דער יודישער רעליגיעזער אויפפאַסונג. דער „מזרחי" האָט אויפגעלעבט דעם בעגריעף פון „ישראל ואורייתא חד הוא", אַלס אַ צוזאַמענבונד נישט נאָר צווישען דעם ישראל אַלס יחיד און דער יודישער תורה נאָר — צווישען דעם יודישען כלל-פאָלק און דער יודישער תורה.

דער חדוש דאַגעגען, וועלכען די תורה-ועבודה-בעוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אין דער יודישער אויפפאַסונג איז—דאָס ענטפּלעקען די אוצרות פון סאָציאַלען אינהאַלט אין דער יודישער תורה. דער ענגער צוזאַמענבונד צווישען יודישען פאָלק און מענש — „ישראל" אין זיינע אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען — און דער יודישער תורה — דאָס איז דאָס בעשטרעבען פון דער תורה-ועבודה-בעוועגונג.

אַ שווערע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די תורה-ועבודה-בעוועגונג — און שווער נישט נאָר אין איהר פערווירקליכונגס-פּראָצעס אין לעבען, נאָר אויך אין איהר אידעאָלאָגישער ענטוויקלונג און אויסבויאונג. שטאַרקען מוט און גרעניצלאָזען אָפּטימיזם האָט די תורה-ועבודה-בעוועגונג געמוזט האָבען, כדי נישט אַריינצופאַלען אין אַ יאוש-שטימונג צוליעב דער גלייכגילטיגקייט פון רעליגיעזען יודענטום צו דער הייליגער אַרבייט פון אויסבויען אַ יודישע אַרבייטס-בעוועגונג און אויפלעבען די אָריגינעל-יודישע סאָציאַלע בעגריפען, ווי אויך צוליעב די אָפטע בולט'ע סתירות פון לעבענס-אַרט פון גרויסע טיילען פון רעליגיעזען יודענטום מיט די זעהר וויכטיגע פּרינציפּען פון דער יודישער תורה אויפ'ן שטח פון סאָציאַלען לעבען. פון דער צווייטער זייט האָט די תו"ע-בעוועגונג געמוזט

אָנשטרענגען אַלע כּחות, אום נישט אַרונטערצופאַלן אונטער די השפּעה פון פּערטיקע סאָציאַלע טעאָריעס, פרעמד דעם יודישען גייסט.

דורך אַ וועג פון שווערע אידעאָלאָגישע ראַנגלענישען האָט די תּורה־ועבודה־בעוועגונג אויסגעקריסטאַליזירט איהר יודיש־אָריגינעלע אידעאָלאָגיע. „תּורה־ועבודה״ איז דערהויבען געוואָרען צו אַ מדרגה פון אַ וועלט־אַנשויאונג אַ דאַנק איהר שלמות׳דיגקייט.

„תּורה־ועבודה״, אַלס אידעאָלאָגיע, דערלאָזט נישט קיין דו־רשויות. דאָס גאַנצע לעבען פון יודישען יחיד און כּלל דאַרף דורך די געזעצען און גייסט פון דער יודישער תּורה גערעגעלט ווערען. אונזער תּורה איז אַ תּורת־חיים און דעריבער איז עס אונדענקבאַר אַרויסצונעהמען וויכטיגע לעבעבס־פאַקטאָרען פונ׳ם קרייז פון דער תּורה־ווירקונג. דער רעליגיעזער יוד, וועלכער לעבט זיך סאָציאַל נישט אויס אַלס תּורה־יוד, איז טראָץ זיין גאַנצער אינדיווידועלער פרומקייט ווייט נישט קיין תּורה־יוד.

די יודישע תּורה האָט איהר ספּעציפישע השקפה אויף די סאָציאַלע לעבענס־פּערהעלטענישען. די יודישע תּורה שליסט אויס יעדע מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג. די סאָציאַלע גערעכטיגקייט קען, לויט דער תּורה, אין לעבען פערווירקליכט ווערען נאָר אַ דאַנק דער זעלבסט־דערהויבונג פון יחיד און צבור. נישט עקאָנאָמישע איבערבויאונג און געזעצען וועלען צווינגען דעם יחיד און כּלל זיך צו פיהרען לויט די פּרינציפּען פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט, נאָר פערקעהרט — דאָס טיפע אַריינטראַכטען זיך אין די תּורה־פּרינציפּען און דאָס דערהויבען זיך צום בעגריף פון אַ אמת׳ען תּורה־לעבען וועט אויך פעראורזאַכען אַ עקאָנאָמישע איבערבויאונג, ווייל דאָס אמת׳ע תּורה־לעבען קען נאָר אין אַ אַרבייטס־לעבען פערווירקליכט ווערען. נאָר דער, וואָס לעבט פון זיין יגיע־כּפּים, קען דערגרייכען צו דער היוכער מדרגה פון אַ שלמות׳דיגען תּורה־יוד. דער אַרבייטס־בעגריף פליעסט דירעקט אַרויס פון גוט־פערשטאַנענעם תּורה־בעגריף. דער צירוף „תּורה־ועבודה״ איז ווירקליך אַ אומגויטיגער און די צוגאַבע „עבודה״ איז נאָר „כּדי לשבר את האוזן״, געגענאיבער דעם נישט־שלמות׳דיגען תּורה־בעגריף.

די איבערצייגונג, אַז די נויטווענדיגקייט פון אַ אַרבייטס־לעבען פון יודישען פאָלק איז אַ מחויב־המציאות פון דער עכטער תּורה־השקפה, ברענגט די תּורה־ועבודה־בעוועגונג צו דער געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבייט מיט דעם גאַנצען רעליגיעזען יודענטום און ספּעציעל מיט׳ן מזרחי. די תו״ע־בעוועגונג האָט מיט׳ן רעליגיעזען יודענטום און ספּעציעל מיט׳ן מזרחי אַ געמיינזאַמע תּורה־פּלאַטפאָרם, און ווען אַפילו דאָס רעליג. יודענטום האָט נאָך נישט גוט בעגריפען דעם עכטען תּורה־גייסט און אַפילו דער מזרחי האָט זיך בעגנוגענט מיט׳ן טעאָרעטישען פערטיעפען זיך אין די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער יודישער תּורה, נישט אַרויסציהענדיג פון זיי קיינע ווייטגעהענדיגע קאָנסעקווענצען, זענען זיי דאָך בעהנטער דער תו״ע־בעוועגונג, ווי די פרייע אַרבייטער־בעוועגונגען, וועלכע קומען פיליכט אין פיעל ענינים

צו די זעלבע מסקנות, וואָס די תו״ע־בעוועגונג, אָבער וועלכע קוקען אויף אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען נישט פון קיין תורה־פּריזמאַט.

אידעאָלאָגישע בעגריפען, נישט־פערווירקליכטע אין לעבען האָבען אַ קנאַפּע השפעה אויף דער ענטוויקלונג פון לעבענס־וועג פון אַ פאָלק. די תו״ע־בעוועגונג האָט עס גוט פערשטאַנען און דעריבער איז דער פּרינציפּ פון „הגשמת־הרעיון״ — דאָס פערווירקליכען דעם אידעאַל — געוואָרען באַלד אין אָנהויב די לעבענס־בעשטרעבונג פון דער בעוועגונג. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די שטרעבונג צו פערווירקליכען דער תו״ע־רעיון איז געווען אונטרענבאַר מיט׳ן רעיון פון א״י־אויפבוי. פאַר דער תו״ע־בעוועגונג איז עס געווען גאַנץ קלאָר, אַז צוליעב דער בעזונדערער ספּעציפישער לאַגע פון יודישען אַרבייטער אין גלות קען זיך אַ רעליגיעזע יודישע אַרבייטס־בעוועגונג ענטוויקלען נאָר מיט׳ן הינבליק אויף ארץ־ישראל.

די ענטוויקלונג פון דער תורה־ועבודה־אידעאָלאָגיע איז אַזוי אַרום פאָרגעקומען איינצייטיג מיט דער פערווירקליכונג פון די תו״ע־פּרינציפּען אין לעבען. די געגענזייטיגע השפּעה פון טעאָרעטישע דיסקוסיעס און בעגריפען און פּראַקטישער אַרבייט האָבען געבראַכט צו דעם אויסקריסטאַליזירען זיך פון תורה־ועבודה־רעיון.

די תורה־ועבודה־בעוועגונג איז אויסגעוואַקסען אין שויס פון מזרחי. די הערשאַפט פון „מזרחי״, וועלכער איז געשטאַנען אַליין, פון איין זייט, אין קאַמף פאַר׳ן א״י־אויפבוי־רעיון—געגענאיבער גרויסע רעליגיעזע אויטאָריטעטען און גרויסע מאַסען פון רעליגיעזען יודענטום, און פון דער צווייטער זייט—געגען אַלע אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען אין קאַמף פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון אָריגינעלען אַלט־יודישען גייסט אין דער א״י־אויפבוי־אַרבייט — האָט געלאָקט די בעסערע יודישע תורה־יוגענד, זי אַקטיווירט און אויך זי געלערנט צו זוכען זעלבסטשטענדיג דעם ריכטיגען וועג, דעם משטר־התורה איינצופיהרען אין לעבען.

די ערשטע טרעגער פון תורה־ועבודה־רעיון זענען געווען דער „צעירי־מזרחי״ און דער „הפועל־המזרחי״. לאַנגזאַם איז געגאַנגען דער ענטוויקלונגס־וועג פון צעירי־מזרחי.

אין אָנהויב האָט ער נישט פערמאָגט קיין זעלבסטשטענדיגע אידעאָלאָגישע אויפפאַסונג, נאָר ברויזענדער יוגענד־טעמפּעראַמענט האָט איהם געטיילט פון מזרחי. אָבער שוין אין די ערשטע יאָהרען פון זיין ענטוויקלונג האָבען שוין געשוועבט, הגם אין אַ זעהר פערנעפּעלטער פאָרם, די עלעמענטען פון דער תו״ע־אידעאָלאָגיע. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון דעם הגשמה־געדאַנק. פון „צעירי־מזרחי״ האָבען זיך אויסגעטיילט נאָך אין תרע״ח די ערשטע הכשרה־קבוצות, און שוין אין תר״פ הויבען זיך אָן צו אָרגאַניזירען די ערשטע אַרבייטער־גרופּען פון די עולי צעירי־מזרחי — און אין שבט תרפ״א אָרגאַניזירט זיך אין תל־אביב די ערשטע אָרגאַניזאַציע אונטער׳ן נאָמען הפּועל־המזרחי. און פון דאַן געהט די אידעאָלאָגישע ענטוויקלונג פּאַראַלעל אין צעירי־מזרחי און אין הפּועל־המזרחי, ביז עס קומט די צווייטע לאַנדעס־קאָנפערענץ פון צעירי־מזרחי אין פּוילען אין תרפ״ב און לעגט

גרונדלעגענדע יסודות פאַר דער ווייטערדיגער אידעאָלאָגישער ענטוויקלונג פון צעירי־מזרחי און הפועל־המזרחי. נאָך אַ גרינדליכען רעפעראַט פון ש. ה. לאַנדוי ז״ל נעהמט אָן די קאָנפערענץ צווישען אַנדערע פאָלגענדע בע־שלוסען:

א) דער „צעירי־מזרחי״, אנערקענענדיג דעם עטישען און עקאָנאָמישען ווערט פון פראָדוקטיווער אַרבייט בכלל און איבערהויפּט דעם גרויסען ווערט פון פּראָדוקטיווער אַרבייט פאַר דער שאַפונג פון אַ יודישען ישוב אין ארץ־ישראל — ערקלערט דעם „תורה־ועבודה״־פּרינציפּ, אַלס דעם הויפּט־גרונד פון א״י־אויפבוי און בעשליסט צו פערזיכערען דאָס איינוואָרצלען פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ אין לעבען און מכשיר זיין די חברים אין גייסט פון דעם פּרינציפּ, איינאָרדנען חלוצישע גרופּען און ערמעגליכען זייער עליה נאָך ארץ־ישראל.

ב) די קאָנפערענץ פון צעירי־מזרחי אנערקענט די אָרגאַניזאַציע פון הפועל־המזרחי אין ארץ־ישראל אַלס די, וועלכע ערמעגליכט די פערווירק־ליכונג פון תורה־ועבודה־פּרינציפּ און בעשליסט צו פאָדערען פון מרכז־עולמי פון מזרחי צו בעקומען די מיטלען, וועלכע זענען נויטיג פאַר דער ענטוויקלונג און בעפעסטיגונג פון הפועל־המזרחי״.

דער דעקלאַראַטיווער בעשלוס וועגען דער וויכטיגקייט פון פּראָדוקטי־ווער פיזישער אַרבייט פון עטישען און עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט, אָנגע־נומען דאָס ערשטע מאָל אויף אַ קאָנפערענץ פון רעליגיעזער יוגענד, האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגען אינטערעס און בעגייסטערונג צווישען דער רעליגיעזער יוגענד. און פון דאַן ווערט די תורה־ועבודה־בעוועגונג די דאָ־מינירענדע בעוועגונג אינערהאַלב דער רעליגיעזער יודישער יוגענד.

דער הפועל־המזרחי איז טראָגער דער פיינדליכער בעציהונג מצד דער אַלגעמיינער הסתדרות־העובדים אין א״י און טראָגער דער גלייכגילטיגקייט פון רעליגיעזען יודענטום — אויסגעוואַקסען אין אַ שטאַרקע רעליגיעזע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע צעהלט אַנ׳ערך 5000 מיטגליעדער אין א״י.

דער הפועל־המזרחי פיהרט אין א״י אַ שטאַרק־פערצווייגטע קאָלאָני־זאַציע־אַרבייט, אָרגאַניזירט אַרבייטס־פערמיטלונגס־ביוראָס, אַרבייטער־קיכען, קאָאָפּעראַטיווען, דרינגט אַריין אין דער שווערער אינדוסטריע און ווערט אַ וויכטיגער פאַקטאָר אויפ׳ן אַרבייטס־מאַרק. נאָכדעם, ווי די הסתדרות האָט זיך איבערצייגט, אַז זי וועט דעם הפועל־המזרחי נישט ברעכען, שליסט זי מיט׳ן הפועל־המזרחי אַ אָבמאַך וועגען אַרבייטס־ענינים, כּדי אויסצומיידען אונגעוואונשענע סכסוכים צווישען אַרבייטער און פערהיטען פון לוין־אַראָב־דריקונג.

גלייכצייטיג בעטייליגט זיך דער הפועל־המזרחי אין אַלע ספּעציפיש־מזרחיסטישע אַרבייטען און איז דער ערשטער אין קאַמף פאַר דעם רע־ליגיעזען כאַראַקטער פון דעם יודישען עפענטליכען לעבען אין ארץ־ישראל.

אין דער זעלבער צייט ענטוויקעלט זיך אין גלות אין אַ זעהר שנע־לען טעמפּאָ דער צעירי־מזרחי, וועלכער האָט זיינע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס

אין אַלע לענדער, וואו עס פּולסירט אַ ציוניסטישער נערוו. אין פּוילען צעהלט היינט די צעירי־מזרחי ביי 30.000 חברים, אָרגאַניזירט אין 400 סניפים.

ביי דעם צעירי־מזרחי ענטוויקעלט זיך אויך די פרויען־בעוועגונג א. נ. „ברוריה". אַ גאַר שנעלען וואוקס מאַכען דורך דער „החלוץ־המזרחי" און דער „השומר־הדתי".

די אָרגאַניזאַציאָנעלע שוועריגקייטען ביים פעראייניגען די פערשיעדענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גרופּירען זיך אַרום דעם צעירי־מזרחי, ווי אויך די שטרעבונג צו דער אידעאָלאָגישער אויסקריסטאַליזירונג, ברענגען צו דעם בעשלוס אויף דער 6־טער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון צעירי־מזרחי אין פּוילען (אָב תרצ״ב) וועגען דער ענדערונג פון דער נאָמענקלאַטור, און נעמליך די גאַנצע בעוועגונג בעקומט דעם נאָמען „תורה־ועבודה", אין דער שפּיץ פון וועלכער עס שטעהט די הנהלה פון דער תורה־ועבודה־בעוועגונג. אינערהאַלב דער דאָזיגער בעוועגונג ענטוויקלען זיך פּאַראַלעל די אָרגאַניזאַציעס „צעירי־מזרחי", „החלוץ־המזרחי", „ברוריה" און „השומר־הדתי" מיט זייערע בעזונדערע צענטראַלעס. די וועלט־קאָנפערענץ פון די אַלע תורה־ועבודה־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָב תרצ״ג אין קראקא, האָט פעראַלגעמיינערט דעם בעשלוס פון דער פּוילישער לאַנ־דעס־אָרגאַניזאַציע און פון דעמאָלט אָן עקזיסטירט איין תורה־ועבודה־בע־וועגונג אין דער גאַרער וועלט מיט אַ וועלט־לייטונג אין ארץ־ישראל.

די תורה־ועבודה־בעוועגונג, אַלס גאַנצע, בילדעט אַ טייל פון דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע. די תורה־ועבודה־בעוועגונג, האָבענדיג דעם בעוואוסטזיין פון די גרויסע אונטערשידען אין דער השקפה אויף עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, האָט דורכגעפיהרט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון „מזרחי" אין אַנטווערפען דעם בעשלוס, אַז די תורה־ועבודה־בעוועגונג ווערט אַנערקענט אַלס פראַקציע אינערהאַלב דעם „מזרחי" און האָט פרייע הענד אין אַלע עקאָנאָמישע פראַגען. אינערהאַלב דער תורה־ועבודה־בעוועגונג הערען זיך פון צייט צו צייט שטימען וועגען גענצליך זיך אָבטיילען אָרגאַניזאַציאָנעל פון „מזרחי". אָבער דער בעוואוסטזיין פון דער נויטווענדיגקייט פון אַ פעראייניגטען כח פון רעליגיעזען יודענטום בכלל און פון רעליגיעזען ציוניזם בפרט פערהיט די תורה־ועבודה־בעוועגונג פון די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצען. די תורה־ועבודה־בעוועגונג זעהט אין דעם „מזרחי" די ראַהמען־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע רעליגיעז־ציוניסטיש דענקענדע יודען.

ב. החלוץ־המזרחי

שוין באַלד אין די ערשטע צייטען פון דער ענטוויקלונג פון צעירי־מזרחי האָבען זיך געהאַט געבילדעט גרופּעס פון חברים, וועלכע האָבען שוין אין גלות געוואָלט אומענדערען זייער לעבענס־אַרט און אויסלעבען זיך אין הסכם מיט די פּרינציפּען פון תורה־ועבודה־רעיון. די גרופּען זענען אָבער נישט געווען פערבונדען צווישען זיך. ערשט אין תרפ״א ווערט גע־

שאַפֿען די ערשטע אָרגאַניזאַציע א. נ. „החלוץ־המזרחי" — אין ווילנא. פֿון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן די שנעלע ענטוויקלונג פֿון „החלוץ־המזרחי", וועלכער האָט שוין ביים היינטיגען טאָג אָרגאַניזאַציעס אין דאָס רוב לענדער, די אַלע אָרגאַניזאַציעס, איינשליסליך דעם „ברית חלוצים דתיים" אין דייטשלאַנד, זענען אָנגעשלאָסען אין דער הנהלה־הראשית פֿון דער תורה־ועבודה בעוועגונג. די הכשרה־טעטיגקייט פֿון החלוץ־המזרחי איז בעשטאַנען אין די ערשטע יאָהרען איבערהויפּט פֿון לאַנדווירטשאַפֿטליכע און פּאַך־קבוצים און אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך אויך שטאַרק ענטוויקעלט די שטאָדטישע הכשרה. היינט צו טאָג האָט דער החלוץ־המזרחי אין פּוילען אַליין בערך 2000 חברים אויף הכשרה און איבער 100 קבוצים. דער החלוץ־המזרחי פֿערמאָגט אין אייניגע לענדער אייגענע פֿערמעס. בעזונדערס איז בעקאַנט די פֿערמע אין דייטשלאַנד — פֿריהער „רודגס", היינט „גרינגסהויף". פֿיעל אויפֿמערקזאַמקייט ווידמעט דער החלוץ־המזרחי די קבוצים קבועים (קבוצי עליה). לעצטענס זענען פֿאָרגעקומען אייניגע פּגישות וועגען פֿעראייניגען אַלע קבוצים קבועים פֿון פּוילען אין איין גרויסען פּוילישען קבוץ. די קבוצישע עליה פֿון פּוילישען החלוץ המזרחי ווערט היינט אויפֿגענומען אין א"י פֿון קבוץ מאוחד של הפועל־המזרחי אין רחובות. די קבוצישע עליה פֿון דייטשלאַנד געהט אין קבוץ רודגס אין פּתח־תקוה און אין גבעת־חיים. פֿיעל אויפֿמערקזאַמקייט ווידמעט אויך דער החלוץ־המזרחי דער פּאַך־הכשרה. אַ לענגערע צייט האָט עגזיסטירט אין וואַרשא אַ גרויסע שלאָסעריי א. נ. „יצחק נפחא", אין וועלכער עס האָבען בעקומען זייער פּאַך־אויסבילדונג צעהנדליגער חברים. היינט צו טאָג זענען אין פּוילען גוט ענטוויקעלט די פּאַך־קאָאָפּעראַטיוען, ווי סטאָלערייען, שלאָסערייען, פּאַר באַרשט־אויסאַרבייטונגען א. אַז. וו. זעהר שעהן האָבען זיך אויך ענטוויקעלט די ספּעציעלע הכשרה־פּונקטען פֿאַר חלוצות.

אַזוי אַרום זענען ענטשטאַנען אין פּוילען די שניידערינס־קאָאָפּעראַטיוען אין רעמבערטאָוו, פּאַביאַניץ, וואַרשא א. אַ. דער רעמבערטאָווער קבוץ האָט שוין אַ פּלוגה אין תל־אביב, וועלכע האָט ענטוויקעלט אַ זעהר שעהנעם שניידערינס־קאָאָפּעראַטיוו.

אַ בעזונדער אָרט פֿערנעהמט אויך די הכשרה פֿון „השומר הדתי". פֿאַר די חברים פֿון השומר־הדתי זענען אויסגעטיילט געוואָרען ספּעציעל אייניגע קבוצים, וואו עס ווערט זיי געגעבען די מעגליכקייט אַריינצוברענגען אין דער הכשרה־אַרבייט אַ ספּעציפֿישען שומר'ישען כאַראַקטער.

דער החלוץ־המזרחי פֿערנעהמט זיך אויך מיט דער עליה פֿון בחורי־הישיבה און בכלל ווייזט דער החלוץ המזרחי אַרויס אַ לעבהאַפֿטען אינטערעס פֿאַר יעדער אַרט עליה פֿון רעליגיעזע יודען.

לעצטענס איז מיט דער מיטהילף פֿון „החלוץ־המזרחי" און „מזרחי" געשאַפֿען געוואָרען דער רעליגיעזער האַנדווערקער־פֿערבאַנד, וועלכער פֿיהרט שוין אַ נוצליכע הכשרה־אַרבייט צווישען זיינע חברים.

זעהר פֿיעל אויפֿמערקזאַמקייט ווידמעט דער החלוץ־המזרחי דער רעליגיעז־חלוצישער ערציהונג פֿון די חברים אין די קבוצים און סניפֿים, צו

דעם צוועק אַרבייטען אין די החלוץ-המזרחי-אָרגאַניזאַציעס אַ גרעסערע צאָהל שליחים פון ארץ-ישראל.

ג. דער „השומר-הדתי".

דער „השומר-הדתי", איז דער יונגסטער צווייג אינערהאַלב דער אַל-געמיינער תורה-ועבודה-בעוועגונג. דאָך אָבער האָט ער במשך פון דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ (ס"ה 7-6 יאָהר) בעוויזען זיך אויסצוטרעטען אַ זעלבסטשטענדיגען אָרגאַניזאַציאָנעלען און אידעאָלאָגישען וועג אינערהאַלב דער אַלגעמיינער בעוועגונג אין איהר וועלט- און לאַנדעס-מאַסשטאַב.

די אידעאָלאָגישע זעלבסטשטענדיגקייט פונ'ם „השומר-הדתי" באַזירט קודם-כל אויף דער ספּעציפישער און בעזונדערער אויפפאַסונג פון תורה-ועבודה און די וועגען פון איהר פערווירקליכונג. אַלס גרונד-פּרינציפּ פון דער ספּעציפישער אויפפאַסונג גילט

שלילת הגלות:

אַרויסגעהענדיג פונ'ם שטאַנדפּונקט, אַז „ישראל" „ארץ-ישראל" און „תורת-ישראל" זענען נישט נאָר איינע די אַנדערע משלים, נאָר אויך אָבּהענגיג איינע פון די אַנדערע, און אַז זייענדיג אין גלות קען צוליעב אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סבות די תורה נישט זיין קיין תורת-חיים לויט איהר ווערט און בעשטימונג — מוז מען קומען צו דער קאָנסעקווענטער איבערצייגונג, אַז דער יודישער, גייסטיגער און עקאָנאָמישער רענעסאַנס איז מעגליך אויסשליסליך אין ארץ-ישראל. אַלע לעזונגס-פּרובען, וועלכע ווערען געמאַכט אין גלות, זענען נישט קיין שלמות'דיגע און קיין דויערהאַפטע.

די דאָזיגע הנחה ברענגט ווידער צו דער וייטערדיגער קאָנסעקווענטער פעסטשטעלונג פון דעם צווייטען פּרינציפּ און נעמליך —

חלוציות:

אויב אונזער תורה איז אַ תורת-חיים, דאַן איז קלאָר, אַז זי קאָן פערווירקליכט און ענטפּעפעקט ווערען נאָר אינ'ם טאָג-טעגליכען רעאַלען לעבען. עס איז דעריבער פערשטענדליך, אַז אויב מיר שטרעבען אין א"י נישט נאָר צו אַ עקאָנאָמישען, נאָר אויך צו אַ גייסטיגען רענעסאַנס, דאַן מוזען מיר זאָרגען דערפאַר, אַז אויף אַלעם, וואָס ווערט אין ארץ-ישראל געשאַפען און געבויט, זאָל דער רעליגיעזער חותם אַרויפגעלעגט ווערען און עס זאָל זיין דורכגעדרינגען פון אַ רעליגיעזען גייסט.

דעריבער איז קלאָר, אַז דאָס רעליגיעזע ארץ-ישראל פאָדערט נישט נאָר חלוצים סתם און זאָגאַר נישט בלויז רעליגיעזע חלוצים, נאָר קודם-כל חלוצים פאַר תורה און פאַר אַ פּולבלוטיגען יודישען רענעסאַנס, פאַר דעם עקאָנאָמישען און פאַר דעם גייסטיגען גלייכצייטיג.

חנוך:

חלוציות אין איהר ברייטען מאַסשטאַב און אומפאַנג, ווי ס'איז דאָ אָנגעצייכענט, געהערט נישט צו די גאָר גרינגע זאַכען. נעהמענדיג אין בע-

טראַכט דעם מאָמענט, אַז דאָס יודישע פאָלק איז במשך פון לאַנגע יאָהר־הונדערטער געווען דערוויטערט פון אַ אמת'דיג תורה־לעבען און לעבענדיג אין אַ פרעמדער סביבה, איינגעבירגערט אין זיך פרעמדע זיטען, מנהגים שפּראַכען און לעבענס־אַרטען, איז קלאָר, ווי שווער עס איז די ערציהונגס־אַרבייט, וואָס דאַרף געמאַכט ווערען, בכדי צו מאַכען די יוגענד פעהיג גייס־טיג־עקאָנאָמיש און פסיכאָלאָגיש צו חלוצישע גרויסע אויפגאַבען.

די דאָזיגע ערציהונגס־אַרבייט מוז זיין אַ גרינדליכע און דעריבער אויך אַ ס י ס ט ע מ א ט י ש ע, פ ע ר מ א נ ע נ ט ע און אָנהויבען זיך ביי דעם גאַר פריהסטען עלטער פונ'ם יוגענדליכען, ווען ער איז נאָך נישט אָנגעשטעקט דורך די נעגאַטיווע השפעות פונ'ם לעבען און פון דער סביבה.

אין צענטר פון דער דאָזיגער ערציהונג דאַרף אַוועקגעשטעלט ווע־רען דער מאָמענט פון

ה ג ש מ ה א ש י ת

ד. ה. פון דער פערזענליכער רעאַליזירונג פון די אידעאָלאָגישע בע־שטרעבונגען דורך יעדען איינציגען שומר אין ארץ־ישראל.

פערשיעדענע און פיעלע זענען די ערציהונגס־מיטלען מיט וועלכע דער „השומר־הדתי" בענוצט זיך אין זיין אַרבייט. אויפ'ן ערשטען אָרט דאַרף דערמאָהנט ווערען

ד ע ר ס ק ו י ט י נ ג.

איבערפלעכליך אַ שיטה, וועלכע איז פרעמד דעם יודישען גייסט, אָבער אין עצם אַ אויסגעפּרובטער מיטעל פאַר ערציהונג פון יוגענד און ווען די שטה ווערט אויף אַ ספּעציעלען אופן אויפגעפּאַסט און צוגעפּאַסט, קען זי אויך פיעל בייליסטען ביי דער ערציהונג צו חלוציות.

אויסמיידענדיג אַלע אַנדערע אידעאָלאָגישע מאָמענטען, וועלכע זענען נור פרטים, ווי צ. ב. די קבוצישע ערציהונג, מעטאָדע פון רעליגיעזער ערציהונג, קומט נאָך אויס צו רעדען וועגען

אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ נ ע ל ע ן ג ע ב ו י פ ו ן ד ע ר ב ע וו ע ג ו נ ג.

דער „השומר הדתי" איז אַנערקענט אַלס אַ טייל פון דער וועלט און לאַנדעס־בעוועגונג פון תורה ועבודה, ביי דער לייטונג פון דער וועלט־בעוועגונג עקזיסטירט אַ הנהגה עליונה, וועלכע לייטעט מיט דער בעוועגונג אין ארץ־ישראל, וועלכע הייסט „בני עקיבא" און פון חוץ לארץ (אין פוילען — „השומר הדתי" — אין דייטשלאַנד. — „ברית הנוער" אין טשעכיען רומעניען „בני עקיבא".—בעמערקונג: בקרוב וועט דער נאָמען פעראיינהייטליכט ווערען).

און איהר לאַנדעס מאַסשטאַב לייטעט מיט דער כנסת „השומר הדתי" אַ הנהגה ראשית, געוועהלט פון אַ אייגענע קאָנפערענץ.

יונה גאָלדבערג

„גאָרדוניה"

מיט ניין, צעהן יאָהר צוריק איז ערשיענען „גאָרדוניה" אויף דער ציוניסטישער יוגענד-גאַס, אין אָנהויב פון דעם צוזאַמענבראָך פון דער פערטער עליה. פּאַניק און דעפּרעסיע-שטימונגען, אידעאָלאָגישע ערשיטערונג און אָרגאַניזאַציאָנעלע ירידה האָבען צושטערט דעם ציוניזם פון אינעווייניג. די גרויסע פּאָלגען פון דער בהלה'דיגער עליה האָבען נישט אויסגעמיטען די רייהען פון דער ציוניסטישער יוגענד, וואָס איז צופּרעסען געוואָרען דורך יאוש-שטימונגען, אידעאישען פּעררעט און קאָמוניסטישער, אַנטי-ציוניסטישער אַגיטאַציע.

דעמאָלס איז ערשיענען צום ערשטען מאָל „גאָרדוניה" אויף דער ציוניסטישער יוגענד-אַרענע מיט איהרע פּשוט'ע, נישט-קלינגענדע אמת'ען און לאָזונגען, וואָס האָבען געדאַרפט בילדען אַ זאַמעל-רוף פאַר דער אויסזיכטסלאָזער און עקזיסטענצלאָזער יודישער יוגענד, וועלכע ווערט געשליידערט אין כף-הקלע פון פרעמדע נוסחאות און פאָרמולעס, בעגריפען און לאָזונגען, וואָס שטעהען אין אַ סתירה צו די געבאָטען פון דער יודישער גלות-ווירקליכקייט און צו די געבאָטען פון דעם זיך-פערווירקליכענדען ציוניזם.

דער אויסגאַנגס-פונקט פון „גאָרדוניה" איז איהר יודישער אייגענאַרטיגער, מקורות'דיגער צוגאַנג און אַנאַליז פון דער ווירקליכקייט פון יודישען פאָלק און זיינע היסטאָרישע אויפגאַבען אינ'ם אויפבוי פון לאַנד.

די אידעאישע מקורות פון „גאָרדוניה" זענען פאָלגענדע:

1) די פערזענליך-עטישע יסודות.
2) די ציוניסטישע אויפפאַסונג.
3) די סאָציאַליסטישע בענעהמונג.

פון הפועל-הצעיר, דער יונג-ציוניסטישע בעוועגונג, וואָס איז ענטשטאַנען און אויפגעוואַקסען אין לאַנד מיט'ן אָנהויב פון דער צווייטער עליה,

אַלס די רעוואָלוציאָנערע טרייב־קראַפט פון דעם אַוואַנגאַרדישען פּיאָנערישען ציוניזם, האָט „גורדוניה" געלערענט די יסודות פונ'ם מאָדערנעם אַרבייטס־ציוניזם:

א. חלוציזם, אַלס דער עיקר'דיגער אויפבוי־געבאָט פונ'ם לאַנד אין דער נאָהענטסטער היסטאָרישער תקופה;

ב. דער אויפבוי פון דאָרף און דאָס שאַפען פונ'ם יודי־שען לאַנדווירטשאַפטליכען קלאַס, אַלס הויפּט־יסוד פון דער בענייאונג פון פאָלק און לאַנד;

ג) רעאַליזם אין דער אויפפאַסונג פון אַלע פראַגען פון אויפ־בוי־פּראָצעס, וואָס וואַרפט אָב אַלע דאָקטרינעס און פאָרמולעס, וועלכע שטעהען אין אַ סתירה צו דער זיך שאַפענדער א"י־ווירקליכקייט.

די דאָזיגע „הפועל־הצעיר"־ווערטען און פּרינציפּען זענען איבערגע־נומען געוואָרען דורך „גורדוניה", בילדענדיג די הויפּט־עלעמענטען פון איהר ציוניסטישער און חלוצישער אויפפאַסונג.

א. ד. גאָרדאָן, דער גייסטיגער לערער פון דער א"י־אַרבייטער־שאַפט, דער אָריגינעלער דענקער און איינפאַכער אַרבייטער, וואָס האָט גע־דיענט אַלס פּערזענליכער בייישפּיעל פאַר'ן אַרבייטענדען צבור אין לאַנד אין משך פון צוויי צעהנדליג יאָהרען, בילדעט דעם יסוד פון דער וועלט־אנשויאונג פון „גורדוניה".

זיין מאָניסטישע וועלט־אויפפאַסונג, וועלכע שטעהט אין געגענזאַץ צו דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־בענעהמונג, באַזירט זיך אויפ'ן פּרינציפּ: אין צענטער פון זיין שטעהט דער פענאָמען פון לעבען, אין וועלכען ס'ווירקען גלייכצייטיג און איינהייטליך די מאַטעריעלע און גייס־טיגע מאָמענטען. די דאָזיגע אָרגאַנישע וועלט־בענעהמונג האָט די „גורדוניה"־בעוועגונג אויסקריסטאַליזירט אין געגענזאַץ צו דער הערשענדער מאַרקסיס־טישער אנשויאונג, צו דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק, וואָס פערקנעכטעט גרויסע טיילען פון דער יודישער און ציוניסטישער יוגענד.

גאָרדאָנ'ס נאַציאָנאַלען און סאָציאַליסטישען ענדציעל — עם־עובד איז געבליבען די „גורדוניה" טריי און ער איז דער ריכטענדער אידעאַל פון איהר געדאַנקליכער איינשטעלונג.

אָבער אין צענטער פון גאָרדאָנ'ס לעהרע שטעהט דער געבאָט פון פערזענליכער פערווירקליכונג — הגשמה עצמית, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הויפּט־לאָזונג פון „גורדוניה"־בעוועגונג, און זי בעשטימט איהר חלוצישען און דערציערישען אינהאַלט.

די גורדוניסטישע אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער ווירק־ליכקייט אין גלות באַזירט זיך אויף צוויי שטאַנדפּונקטען:

א. פאָלקס־ציוניזם, אַלס אַנ'אַלגעמיינע פאָלקס־בעוועגונג, וואָס זעהט אין אַלע אַרבייטענדע און עגזיסטענצלאָזע שיכטען פון פאָלק טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער בענייאונג.

ב. דער ציוניסטישער און יודישער פּרי־

מ אָ ט, ד. ה. דער אויפבוי פון ארץ־ישראל און דער קיום פון יודישען פאָלק שטעהען העכער פאַר וועלכער ס'איז אַנדערער אויפגאַבע.

„גורדוניה" אידענטיפיצירט זיך נישט מיט קיין שום אָנגענומענער סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג און האָט זיך ענטגעגענגעשטעלט בפרט דעם מאַרקסיסטיש־דאָגמאַטישען סאָציאַליזם. לגבי דער יודישער ווירקליכקייט האָט „גורדוניה" אויסגעאַרבייט איינ יגע אויסגאַנגס־פונקטען:

א. ד ע ר י ו ד י ש ע ר ס אָ צ י אַ ל י ז ם ה אָ ט נ י ש ט ק י י ן פ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע ב אַ ז ע, ווייל דער יודישער פּראָלעטאַריאַט בילדעט נאָר אַ נישטיגען טייל אין עקאָנאָמישען, געזעלשאַפטליכען און נאַציאָנאַלען לעבען פון פאָלק.

ב. די היסטאָרישע ענטשיידונג אינ'ם לעבען פון די יודישע מאַסען וועט אַרויספליסען פון די מיטעל־שיכטען און יוגענד, וועלכע בילדען דעם רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק, און ווייל די סאָציאַליסטישע צוקונפט וועט געשאַפען ווערען נאָר אין ארץ־ישראל.

און צוליעב דעם בעקעמפט די „גורדוניה" אין ישוב און אין ציוניזם יעדע ק ל אַ ס ע ן ־ א ו י פ פ אַ ס ו נ ג.

אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פראַגע פערטרעט „גורדוניה" דעם שטאַנדפונקט, אַז די פערווירקליכונג פון סאָציאַליזם איז א ו י ך אַ פּראָדוקט פון ווילען, דערציאונג, פערזענליכער סאָציאַליסטישער פערווירקליכונג. זי פערריכט דעם גרונד־פעהלער פון מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג, וואָס האָט גרינגגעשעצט די בעוואוסטזיניגע גורמים פונ'ם סאָציאַליסטישען קאַמף.

אויך אין דער פראַגע פון די טרעגער פון סאָציאַליזם שטעהט „גורדוניה" אויפ'ן פאָלקס־סאָציאַליסטישען שטאַנדפונקט, וואָס האַלט, אַז דער קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם דאַרף פערוואַנדעלט ווערען אין אַ קאַמף פון אַלע אַרבעטענדע שיכטען פון פאָלק פאַר דער סאָציאַליסטישער מענשען־בעפרייאונג.

„גורדוניה" שעפּט די אידעען־וועלט פון אַ אורשפּרינגליכען מקור, וואָס ווערט בעשטימט דורך דער נאַציאָנאַלער אייגענאַרטיגקייט פון די יודישע פאָלקס־מאַסען און טראָגט אַ קלאָרען ר ע אַ ל י ס ט י ש ע ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר: „א ו נ ז ע ר ב ע ו ו ע ג ו נ ג ב אַ ז י ר ט ז י ך נ אָ ר א ו י ף א י ד ע ע ן, וו אָ ס ל אָ ז ע ן ז י ך פ ע ר וו י ר ק ל י כ ע ן. זי וואַרפט אָב די שעהנע אידעען, אויב זיי לאָזען זיך נישט דיענען, אַלס באַזיס פאַר אַ ממשות'דיגער, קאָנסטרוקטיווער געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

חלוציזם, פערזענליכע פערווירקליכונג, ציוניסטישער פּרימאַט, פרייהייטליכער סאָציאַליזם שעפּען אָבער נישט אויס די יסודות פון „גורדוניה".

די שאַפונג פון ערציערישע, גייסטיגע, אידעאָלאָגישע ווערטען אינערהאַלב דער בעוועגונג דורך דער פערזענליכער און קאָלעקטיווער, בעוואוסטזיניגער אַרבייט און אָנשטרענגונג, געמיינשאַפטליכע קולטור־שאַפונג— דאָס איז דער מהות פון „גורדוניה" אַלס יוגענד־בעוועגונג, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט אידעאישער בעוואוסטזיין און זעלבסטקריטיק, מיט געזעלשאַפטליכער אַקטיוויטעט און פערזענליכער פערווירקליכונג.

„גורדוניה״ איז אַ געזעלשאַפטליכע יוגענד-בעוועגונג און אַלס אַזעלכע דערפיעלט זי אַן אָביעקטיווע פונקציע אין לעבען פון יודישען פאָלק און נאָר אין אָנבליק פון דער דאָזיגער אַלגעמיינער פונקציע קען בעטראַכט ווערען דער ווערט פון דער יוגענד-בעוועגונג. וואָס איז די דאָזיגע אַלגעמיינע אויפגאַבע?

די איינציגע היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער יודישער יוגענד-בעוועגונג איז די פולע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע בעניייאונג פון יודישען פאָלק אין ארץ-ישראל. די אויפלעבונג פון יודישען פאָלק קאָן אָבער נישט זיין קיין פּראָדוקט פון „אָביעקטיווע ענטוויקלונגס-טענדענצען״, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ ווילענס-שטרעבונג פון יודישען פאָלק און זיין יוגענד בפרט.

„גורדוניה״ איז אַ דערציערישע יוגענד-בעוועגונג. אין צענטער פון איהר מיה און ארבייט שטעהט די דערציאונג פונ׳ם יחיד, פון מענש. מען קאָן בשום-אופן נישט צווישען דער דערציאונג פון מענש און דער פערווירקליכונג פון ציוניזם. דער נייער מענש, דער יוד און ארבייטער בילדעט דעם דערציערישען אידעאַל פון „גורדוניה״. דער סוביעקט און אָביעקט פון דעם פערווירקליכען מוזען פעראייניגט ווערען, ווייל זיי פערבינדען די בעוועגונג מיט איהר אידעאַל.

די קרוינונג פון גאָרדאָניסטישען דערציאונגס-פּראָצעס איז די קבוצה.

די אָרגאַנישע קבוצה איז קודם-כל די חלוצישע לעבענס-פאָרם, וואָס דערפיעלט אין אויפבוי-פּראָצעס פון לאַנד אַ פּיאָנערישע ציוניסטישע מיסיע דורך קאַמף פאַר יודישער אַרבייט, דורך שאַפען דעם לאַנד-ווירטשאַפטליכען יסוד פון דער נייער עקאָנאָמיק א. אַ. וו..

די קבוצה דערפיעלט נישט בלויז אַן אָביעקטיווע פונקציע אין פערווירקליכונגס-פּראָצעס פונ׳ם ציוניזם, נאָר זי איז אויך אַ וועג צום סאָציאַליזם. זי שאַפט שוין היינט די געזונדסטע יסודות פאַר דער בענייטער מענשען-געזעלשאַפט, וואָס וועט פערטרעטען די געזעלשאַפט פון מלחמה, עקספּלואַטאַציע און הונגער.

דער צעהן-יעהריגער יובל פון „גורדוניה״ — תרפ״ד-תרצ״ד ווערט בעצייכענט מיט דעם גוואַלדיגען וואוקס און אויפשטייג פון דער „גורדוניה״. פון 600 חברים אין יאָהר תרפ״ד ביז 35.000 חברים אין יאָהר תרצ״ד אין צוועלף לענדער: פוילען, גאַליציע, רומעניע, ליטע, לאַטוויע, בעלגיע, עסטרייך, פעראייניגטע שטאַטען, קאַנאַדע, ארץ-ישראל, אַרגענטינע. דאָס הכשרה-ווערק נעהמט אַרום 150 הכשרה-פונקטען און 3000 חברים אין דער הכשרה.

די דערגרייכונגען פון דער „גורדוניה״ אין ארץ-ישראל שטעלען מיט זיך פאָר אַנ׳אימפּאָזאַנט בילד פון חלוציש-דעראָבערישע דערגרייכונגען.

די אָרגאַניזירטע גורדוניה־קבוצות אין לאַנד געפינען זיך אין דער ראַהם פון א ג ו ד ־ ג ו ר ד ו נ י ה. אגוד־גורדוניה קאָנצענטרירט היינט צו טאָג 900 חברים אין: חולדה, רחובות, כפר־החורש, נס־ציונה, הרצליה, רמת־שרון, חדרה, פרדס־חנה, עיינות, שחריה, מנחמיה.

אין לעצטען יאָהר איז פאָרגעקומען די פולשטענדיגע דערנעהנטערונג פון „גורדוניה" און ח ב ר ־ ה ק ב ו צ ו ת (די קבוצה־בעוועגונג). די ערשטע קבוצות פון „גורדוניה" טרעטען אריין אין קבוצות פון דער צווייטער עליה, שאַפענדיג די קאָנצענטראַציע פון צוויי דורות קבוצה־בעוועגונג.

אין צעהנטען יאָהר פון איהר עקזיסטענץ טרעט אריין „גורדוניה" אויפ'ן ברייטען שליאַך פון ציוניסטישער און חלוצישער פערווירקליכונג, וואָס בילדעט אַ זאַמעל־פונקט פאַר צענדליגער טויזענדער יוגענד און איז אַ וועג־וויזער פאַר'ן פיאָנערישען, אויפשטייגענדען דור.

משה זינגער

„עקיבא"

די ענטשטעהונג.

דער פערבאַנר פון דער יידישער יוגענד „עקיבא" איז די ערשטע אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד-בעוועגונג. זי איז ענטשטאַנען אין 1924, אין דער קריזיס-תקופה נאָך דער פערטער עליה. די ציוניסטישע וועלט איז דאַן ערשבערט געוואָרען דורך די פאַרטייען און אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אונבעגרעניצט געהערשט די קלאַסען-אַנשויאונג פון ציוניזם. אַלע זענען געווען איבערצייגט אין דער נויטווענדיגקייט פון דער פאַרטייאישער דיפערענציאַציע, וואָס האָט געזאָלט זיין דער אויסדרוק פון די געזעלשאַפטליכע און קלאַסען-אינטערשיידען אין יודישען צבור. אפילו די שיטערע דאַן אַלגעמיין-ציוניסטישער מחנה, וואָס האָט אין יענער תקופה פערלוירען איהר גאַנצע יוגענד לטובת די דעראָבערונגס-פאַרטייען, האָט געזעהען אין דעם דיפערענציאַציע-פּראָצעס און ציוניזם אַ נויטווענדיגקייט, און די אויפגאַבען פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם האָבען זיך, לויט זייער מיינונג, בעגרעניצט בלויז אַלס צענטר-פאַרטיי, וואָס זאָל זיין אַ פערמיטלער צווישען די צדדים, וועלכע האָבען געגענזעצליכע אינטערעסען. די דאָזיגע קאָנצעפּציע איז געווען אַ נאָכאַהמונג פון די הערשענדע בעציהונגען ביי אַנדערע פעלקער, זי איז אָבער נישט אַרויסגעפלאָסען פון רעאַלען באָדען פון דער יודישער ווירקליכקייט. דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט אין יענע טעג נישט געגלויבט אין די מעגליכקייט פון ערשאָבערען די יוגענד דורך די צענטר-פאַרטיי, זי האָט נישט געגלויבט אין די צוציהונגס-קראַפט פון דער שלום-„פערשפרייטעריי".

די גאַנצע יוגענד האָט זיך געפונען אין די רייהען פון „השומר הצעיר", וועלכע האָט אַריינגעהאַמערט ביי אַלע די איבערצייגונג וועגען דער נויטווענדינקייט פון דעם דיפערענצירונגס-פּראָצעס און ציוניזם און האָט צונעצויגען די יוגענד מיט די לאָזונגען פון קלאַסען-קאַמף און פון דעם נייען וועלט-אויפבוי. נאָר דורך דער צונויפפאָרונג פון ציוניזם מיט'ן סאָציאַליזם האָבען זיי געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון שטאַרקען די יוגענד, נאָר דער סאָציאַליזם, וואָס בעגלייט דעם ציוניזם, וועט קענען בילדען די צוציהונגס-קראַפט פון ציוניזם.

דער „השה״צ״ האָט, חוץ דער דאָזיגער קלאַסען-תורה, ערױבערט זיך אויך דעם מאָנאָפּאָל אויף יעדען פּראַקטישען אידעאַליזם. יעדער אַרט פון חלוציות איז דאַן געוויזען אַ סינאָנים פון סאָציאַליזם, און עס איז נישט געווען קיין אַנדערע פּאַרטיי אָדער אידעאָלאָגיע, וועלכע זאָל זיך געגענשטעלען געגען דעם דאָזיגען שטראָם.

דאַן האָט זיך אָרגאַניזירט די בעוועגונג פון דער יודישער יוגענד „עקיבא״, וועלכע האָט בעוויזען, אַז אין דעם ציוניזם גופא, אַלס בעפריי־אונגס-בעוועגונג פון יודישען פאָלק, ליגט בעהאַלטען אַ גענוג גרויסער כח אויף צוציהען די הערצער פון דער יודישער יוגענד. זי האָט בעפרייט דעם חלוציות־בעגריף פון דעם סאָציאַליסטישען שלייער, אין וועלכען זי איז ביז איצט געווען איינגעהילט און האָט איהם צוריקגעגעבען דעם ציוניזם. דער פאַקט, וואָס עס איז ענטשטאַנען אַ אַלגעמיין־ציוניסטישען יוגענד-מחנה, האָט געראַטעוועט דעם גלויבען אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, האָט גע־האָלפען בעזייטיגען דעם שקר פון דער טעאָריע פון קלאַסען־דיפערענ־ציאַציע און האָט דערהויבען דעם כבוד פון ציוניזם. ער האָט צוריק־געגעבען דעם ציוניזם די אמונה אין זיינע כחות, דעם בעוואוסטזיין אין די ערהאַבענע מיסיע און די שיינהייט און קראַפט, וואָס איז אין איהם פער־באָרגען. דער אַלגעמיין־ציוניסטישער רעיון האָט אויסגעלייזט דעם ציוניזם פון אַ פרעמדען אידעאַל, ביי וועמען ער איז געווען געפאַנגען און וועלכער וואָלט אין איהם בטל געוואָרען, ווי עס בעווייזט אמבעסטענס די ענטוויקלונג פון „השה״צ״.

צאָרן און שפּאָט, בטול און גלייכגילטיגקייט האָבען בעגלייט די ערשטע טריט פון אונזער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגענד-בעוועגונג. זי האָט בעשאַפען די ערשטע קבוצים, וועלכע האָבען אויפגעהויבען דעם פאָהן פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין גלות און אין א״י. אין 1930 האָט עולה געווען דער ערשטער קבוץ מיט ד״ר יהודה אָרנשטיין אין פתח־תקוה. די דאָזיגע קבוצים האָבען בעוויזען, אַז חלוציות איז נישט דוקא קיין סינאָנים פון סאָ־ציאַליזם און אַז די ציוניסטישע אידעע זעלבסט בעזיצט אין זיך די קראַפט צו ברענגען אין בעוועגונג אַלע גייסטיגע כחות פון דער יוגענד, צו זעלבסטאָפּפערונג און צו חלוציות.

דער קיום פון אַ אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגענד־בעוועגונג און איהר זעלבסט־פערווירקליכונגס-קראַפט האָבען אָבגעשוואַכט דעם בלינדען בטחון פון דער קלאַסען-אויפפאַסונג, געגען וועלכער, ווי עס האָט זיך אויסגע־דאַכטען, קיינער וועט זיך נישט קענען אַנטקעגענשטעלען. זי האָט אויך גע־שטאַרקט די אַלע עלעמענטען אין די לינקע רייהען, וועלכע זענען גע־ווען בעזאָרגט איבער דער ירידה פון ציוניזם אין זיין פּרעסטיזש.

די ציוניסטישע יוגענד־בעוועגונג „עקיבה״ האָט פון דער ערשטער רגע פון איהר עגזיסטענץ געשטרעבט זיך צו בעהעפטען מיט׳ן גאַנצען פאָלק, מיט דעם צבור פון די דערוואַקסענע, זי האָט געוואָלט זיין די

חלוצישע אַרמעע, וועלכע געהט פאַר דער מחנה. „עקיבא" האָט זיך כסדר געהאַלטען אין די דאָזיגע דרכים טראָץ די פערשידענע מכשולים, וועלכע עס האָבען איהר אָפט געלעגט אויפ'ן וועג די לאַנדעס-אָרגאַניזאַציעס. גאַנץ אָפט האָט זי געפיהלט איהר איינזאַמקייט אין געזעהען זיך געצווינגען אַליין אויסצוטרעטען איהר אידעאָלאָגישען וועג, שטעהענדיג אויף דער וואַך פון דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד-בעוועגונג. כמעט אָן הילף און אינטערשטיצונג איז זי געגאַנגען אין אויפשטייג, ענטוויקלענדיג זיך צו אַ וועלט-בעוועגונג מיט אַ אויסגעשפּראָכענעם אין קלאָרען אידעאישען פּרצוף.

אונזערע אידעאלאגישע יסודות.

ווי פּאַסען מיר אויף דעם אַלגעמיינעם ציוניזם?

דער אַלגעמיינער ציוניזם שטעלט פעסט זיין שטעלונג צו אַלע געזעלשאַפטליכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען אויסשליסליך פון שטאַנדפּונקט פון דער יודישער ווירקליכקייט און פון די אינטערעסען פון יודישען פאָלק, אָן שום צומישונג פון די דאָגמאַטישע יסודות און אידעאָלאָגישע לעהרעס פון אַנדערע פעלקער.

דער אַלגעמיינער ציוניזם שטעלט פעסט אַלס פאַקט, געשטיצט אויף דער טויזענדיעהריגער היסטאָרישער ערפאַהרונג, אַז די יודען-פראַגע און איהר לעזונג איז נישט אָבהענגיג פון די אַלגעמיין-מענשליכע אידעאַלען. דער זיג פון הומאַניזם, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, די זעלבסטבעשטימונג פון די פעלקער און אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע ערראָבערונגען — זעגען נישט אימשטאַנד געוועזען צו בעזייטיגען פון דער וועלט די יודען-פּראַגע.

דער **אַלגעמיינער ציוניזם** זעהט די איינציגע לעזונג פון דער יודען-פראַגע אין דעם אויפשטעלען פון אַ יודישער מדינה אין ארץ-ישראל. אַנאַליזירענדיג די יודישע ווירקליכקייט אין גלות און אין ארץ-ישראל, מוז מען קומען צום אויספיהר פון דער אינטערעסען-איינהייט פון גאַנצען יודישען פאָלק, פון דעם מאַנגעל פון אַ פונדאַמענטאַלער קלאַסען-דיפערענציאַציע, פון אַ איינהייטליכער געזעלשאַפטליכער און סאָציאַלער סטרוקטור פון אַלע שיכטען פון יודישען פאָלק. די אונטערשידען אין דעם לעבענס-ניוואָ צווישען די פערשידענע שיכטען פון יודישען פאָלק זענען נישט גרעסער פון די אונטערשידען צווישען די קוואַליפיצירטע און נישט קוואַליפיצירטע אַרבייטער און אַרבייטסלאָזע. עס איז יעצט נישט פאַראַן קיין סטרוקטורעלער און אָביעקטיווער יסוד פאַר אויפשטעלען קלאַסען-פּאַרטייען.

דער **אַלגעמיינער ציוניזם** איז די בעוועגונג, וועלכע בעטראַכט יעצט די יודישע ווירקליכקייט אין איהר אמת'ר געשטאַלט. זי שטרעבט אָבצושאַפען די קינסטליכע אונטערשידען פון די פערשידענע פּאַרטייען און צו פעראייניגען דאָט גאַנצע יודישע פאָלק אין אַ אָרגאַנישע

אייגהייט אַרום דעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ אין די אַלע גלות־לענדער און צום אויפשטעלן אַ מדינה אין ארץ־ישראל.

אונזער בעציהונג צו דער מסורה און צום דת.

אַגעזונד און אינהאַלטספול נאַציאָנאַל לעבען קען מען נאָר באַזירען אויף דער אָרגאַנישער ענטוויקלונג פון די אַלע קולטור־אוצרות, וועלכע עס האָבען אונז איבערגעלאָזט די פריהערדיגע דורות.

דער אַלגעמיינער ציוניזם דאַרף שטעהען אויף דער וואַך, אַז אונזער נאַציאָנאַל לעבען אין ארץ־ישראל זאָל זיך שטיצען אויף דעם גייסט פון דער יודישער קולטור און דער יודישער מסורה, און אַז אונזערע מוסדות זאָלען זיך נישט באַזירען אויף יסודות, וואָס שטעהען אין סתירה צו די הייליגקייטען און צו די געפיהלען פון דער יודישער אומה.

דאָס איבעררייסען די פעדעם מיט די נאַציאָנאַלע הייליגקייטען מוז ברענגען צום אויסלעדיגען דעם ציוניזם פון זיין אינהאַלט, מוז אוועקרויבען פון דעם יונגען דור דעם שטאַרקסטען כח, וואָס פערבינדט איהם מיט שטאַרקע ליבע־פעדעם צו זיין פאָלק און צו זיין לאַנד.

דער אַלגעמיינער ציוניזם דאַרף זאָרגען צו ערציהען דעם יונגען דור אין שויס פון דער אַלטער יוד. קולטור, פון דער ליטעראַטור פון אַלע דורות און איבעהויפט פון תנך. די אוצרות פון דער פערגאַנגענהייט זענען דער זיכערער קוואַל, פון וועלכען דאָס פאָלק קען שעפען כח, כדי נעגענצושטעלען זיך געגען די אַלע פורעניות, וואָס שטעהען איהם אין זיין שווערען לעבענס־קאַמף.

די ציוניסטישע פאָליטיק.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַלס א מלוכה אונטערוועגס, דאַרף זיך בעשעפטיגען מיט אַלע פראָבלעמען פון יודישען פאָלק, אָנפיהרען זיין עקזיסטענץ־קאַמף אין די גלות־לענדער, ווי אויך מיט זיין שטרעבונג אויפצושטעלען אַ יודישע מדינה אין ארץ־ישראל.

דאָס יודישע פאָלק קען געפונען זיין ענטגילטיגע לעזונג נאָר דורך אויפשטעלען אַ יודיש לאַנד אין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז ערווערבען זיך די סימפאַטיעס פון אַלע פעלקער און די הילף פון ענגלאַנד פאַר דעם נאַציאָנאַלען גורל פון יודישען פאָלק און זיינע פריי־הייטס־בעשטרעבונגען.

די ווירקליכקייט האָט בעוויזען, אַז דער פאָליטישער קאַמף קען זיך נישט בלויז שטיצען אויף דעם יסוד פון עקאָנאָמישע פאַקטען, אַלס דער אייגציגער וועג צו ערווערבען פאָליטישע רעכט און צו דערגרייכען די מעגליכקייטען פון אויפשטעלען אַ יודישע מדינה. דער עקאָנאָמישער אויפבליה אין ארץ־ישראל פון איין זייט און די פאָליטישע מכשולים פון דער ציו־

ניסטישער בעוועגונג אויפ׳ן געביט פון עליה, אַגראַר-פּאָליטיק, רעגירונגס-בודזשעט, יודישער אַרבייט פון דער אַנדערער זייט – ווייזען אין אַ גענוגענדער מאָס אויף די פעלערהאַפטיגקייט פון דאָזיגען פּאָליטישען וועג. כדי צו ערווערבען דאָס פערשטענדניש און די סימפּאַטיע פאַר׳ן ציוניסטישען אויפבוי-ווערק, מוז מען אויפסניי פאַנאַנדערוויקלען די יודען-פראַגע אין איהר גאַנצען אומפאַנג און שאַרפקייט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף נישט פערהוילען פאַר קיינעם די האָפּגונג פון יודישען פאָלק אויף ארץ-ישראל. פערקעהרט, זי דאַרף זיך בענוצען מיט אַלע מיטלען אויפצוּוועקען די געזעלשאַפטליכע וועלט-מיינונג און אַוועקצושטעלען די פראַגע פון דער יודישער מדינה, אַלס דער איינציגער אויסוועג פאַר די יודישע מאַסען.

יודישע אַרבייט.

אַ פאָלק ערווערבט זיך נאַציאָנאַלען בעזיץ נאָר דורך די אַרבייט פון זיינע זיהן אין אַלע ווירטשאַפטליכע צווייגען. די ערד, וועלכע איז דאָס פונדאַמענטאַלע פערמעגען פון יעדער אומה, קען נאָר דאַן בלייבען אַ נאַציאָנאַלער קנין, אויב זי ווערט נישט בעאַרבייט דורך פרעמדע הענד.

די יודישע אַרבייט אין דער יודישער, ווי אין דער רעגירונגס-ווירטשאַפט איז אויך דער יסוד פאַר אַ מאַסען עליה. זי איז אויך דער איינציגער וועג אויף צו שאַפען אַ יודישער מעהרהייט אין ארץ-ישראל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז זיך שטעלען אין דער שפּיץ פון קאַמף פאַר יודישער אַרבייט, פאַר רעגולירען די אַרבייטס-בעציהונגען, פאַר פערזיכערען די גרויס פון אַרבייטס-לוין, וואָס זאָל מעגליך מאַכען די עקזיסטענץ פון יודישען אַרבייטער אין הסכם מיט די ווירטשאַפטס-מעגליכקייטען, ווי אויך זאָרגען פאַר די אינטענסיוויטעט פון דער פּראָדוקציע.

די לאַנג יעהריגע ערפאַהרונג האָט בעוויזען, אַז נאָר דורך נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, דורך די פערטיפונג פון די ברידערליכע און שלום-געפיהלען, ווי אויך פון דעם בעוואוסטזיין צו דעם בשותּפות׳דיגען גורל צווישען אַלע שיכטען פון ישוב און דעם אָרגאַניזירטען יודישען אַרבייטער קען מען מצליח זיין אין דאָזיגען קאַמף.

דאס יודישע דאָרף.

די יודישע מדינה קען נאָר דאַן ענטשטעהען, ווען דער גרעסטער טייל באָדען וועט איבערגעהען אין בעזיץ פון יודישען פאָלק און ווען עס וועט בעשאַפען ווערען אַ שטאַרקער פויערען-שטאַנד און אַ ברייטער שיכט פון יודישע אַרבייטער אין די קאָלאָניעס. איינס פון די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דער יוגענד-בעוועגונג איז צו ערציהען איהרע חברים צום פויערען-לעבען אין יודישען דאָרף אין ארץ-ישראל. מיט׳ן פראָנט צום דאָרף – דאַרף זיין די אַקטועלע לאָזונג פון דער גאַנצער חלוצישער בעוועגונג.

די בעציהונג צו די פאַרטייען.

מ פ א ״ י. מען מוז פעסטשטעלען, אַז מפא״י, פרעדיגענדיג די סאָצ. לעהרע, דערווייטערט די יוגענד פון דעם נאַציאָנאַלען אינטערעסען־קרייז און פטר׳ט זיינע כּוחות אויף אַ פרעמד אַרבייטס־פעלד. מיט דעם צויבער פון סאָציאַליסטישען טרוים איז פערבונדען נישט נאָר אַ פיינדשאַפט, וואָס פערבלענדעט די אויגען פון די דאָזיגע קרייזען און ערלויבט זיי נישט צו זעהען די אמת׳ע ווירקליכקייט, נאָר עס איז אויך פאַראַן אַ סכּנה, אַז געהענדיג מיט דעם דאָזיגען וועג, וועלען זיי זיך אסימילירען מיט דעם קאָמוניזם און וועלען פערלאָזען די ציוניסטישע מחנות. די דאָזיגע טענדענצען זענען עלול אין קריזיס־צייטען צו ענטפלעקען זיך אין אַזעלכע מעשים און אַקציעס, ווי מיר האָבען שוין דאָס געזעהן. די סאָציאַליסטישע ערציהונג לעדיגט אויס דעם ציוניזם פון זיין נאַציאָנאַלען אינהאַלט. די דאָזיגע געפאַהרען זענען היינט גענוג בולט.

ד ע ר ר ע וו י ז י אָ נ י ז ם. אויך מצד די רעוויזיאָניסטישע רייהען, וועלכע זענען לויט זייער גרונד־אויפפאַסונג אַלגעמיינע ציוניסטען, דראָהען אויך נישט קיין קליינע געפאַהרען. די רעוויזיאָניסטישע מחנה האָט אַריינגענומען אין איהר ערציהונגס־סיסטעם פרעמדע יסודות, וועלכע זענען געפעהרליך פאַר דעם ציוניסטישען גייסט. דער רעוויזיאָניזם האָט אַריינגעטראָגען אין אונזער לעבען דעם סיסטעם „כּל דאלים גבר״. ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבען צו לעזען די פערשיעדענע פראַגען מיט פויסט־מעטאָדען און האָט פיל גורם געווען צו דער ברוטאַלע ברידער־מלחמה, וועלכע האָט זיך איינגעבירגערט אין אונזער לעבען. דער קולט פון פיזישען כּח, דאָס אָנצינדען די יוגענד מיט ברידער־האַס זענען עלול נישט ווייניגער, ווי דער סאָציאַליזם, אַריינצוברענגען פערוויסטונגען אין אונזער מחנה.

דער וועג צו שלום.

דער אַלגעמיינער ציוניזם קומט נישט מיט קיין פלענער חרוב צו מאַכען און צו ברעכען די פאַרטייען; דער אַלגעמיינער ציוניזם וויל אויך נישט בלויז פרעדיגען שלום־לאָזונגען, צו וועלכע קיינער הערט זיך נישט צו. זיין אויפגאַבע בעשטעהט צו פערשפרייטען זיינע געדאַנקען. און אויפצושטעלען אַ שטאַרקע בעוועגונג, וועלכע זאָל געהען מיט איהר זעלבסטשטענדיגען וועג. וואָס שטאַרקער עס ווערט זיין דער כּח פון אַלגעמיינעם ציוניזם, אַלץ קלענער וועט ווערען דער כּח פון די ציוניסטישע פליגלען. די ברידער־מלחמה וועט דאַן אויפהערען, און אַלע וועלען זיך פעראייניגען אַרום דער גרויסער פאָלקס־זאַך.

אונזער שטעלונג צו דער הסתדרות־העובדים־הכּללית און צום „החלוץ״.

דער אַלגעמיינער ציוניזם מוז שטעהען אויף דער וואַך פון דער איינהייט פון די אַלגעמיינע מוסדות אין ציוניזם (הסתדרות העובדים, החלוץ),

אין וועלכע עס זאָלען אַריין די אַלע פערשיעדענע ציוניסטישע ריכטונגען, וואָס וועט במילא ברענגען צו אַ געגענזייטיגער לאָיאַלער בעציהונג. די הסתדרות העובדים דאַרף אָנפיהרען איהר אַרבייט, צוגעפּאַסט צו די בעדערפעניסען פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י.

די הסתדרות-העובדים דאַרף זיין אַ אָבטיילונג פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. היינט ערפילט די דאָזיגע אויפגאַבע די הסתדרות העובדים הכללית. אמת, אַז די הסתדרות איז נישט פריי פון אַ געוויסען פּאַרטייאישען סטעמפּעל, וועלכען עס לעגט אויף איהר אַרויף די פּאַרטיי פון דער מעהרהייט „מפא"י", דאָך אָנערקענט אונזער בעוועגונג די ויטוועגדיגקייט אָבצוהיטען די איינהייט פון דער הסתדרות.

די אַלגעמיין-ציוניסטישע אַרבייטער דאַרפען זיין אָרגאַניזירט אַלס בעזונדערער גוש, איינגעשלאָסען אין די הסתדרות העובדים. די אויפגאַבע פון גוש דאַרף זיין: שטעהען אויף דער וואַך פון דעם נאַציאָנאַלען פּרצוף פון דער הסתדרות, ווי אויך משפיע זיין אויף דעם גאַנג פון זיין אַרבייט אין אַלגעמיין-ציוניסטישען גייסט.

די „החלוץ"-בעוועגונג דאַרף זיין אַ פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שליסט אויס פון זיין טעטיגקייט ערציהערישע אויפגאַבען, וואָס געהען אַריין אין די קאָמפּעטענץ פון די יוגענד-אָרגאַניזאַציעס און די פּאַרטייען.

דער „החלוץ" דאַרף אַרומנעהמען אַלע יוגענד-ריכטונגען צוליב דער געמיינזאַמער רעגולירונג פון די הכשרה און די עליה-ענינים.

די פערשיעדענע יוגענד-בעוועגונגען און זייערע אָרגאַנען דאַרפען זיך געפונען אין „החלוץ" אויף פולשטענדיגע אויטאָנאָמע יסודות אויף דעם געביעט פון אידעאָלאָגיע, אָרגאַניזאַציע, הכשרה און עליה.

אונזער בעוועגונג פאָדערט די רעאָרגאַניזאַציע פון דער וועלט-אָרגאַניזאַציע „החלוץ" אין גייסט פון די אויבענדערמאָנטע פּאָסטולאַטען.

אונזערע ערציהערישע אויפגאַבען.

מיר ווילען נישט בלויז פערשפּרייטען אונזערע געדאַנקען, נאָר מיר ווילען בעיקר ערציהען די יוגענד אין גייסט פון אַ פולער הגשמה.

מיר שטרעבען צו ערציהען אַ טיפּ פון מענש-ציוניסט, וועמענס ציוניזם זאָל זיין טיעף פערוואָרצעלט אין באָדען פון יודענטום און וועלכער זאָל זיין דורכגעדרינגען מיט דעם שטאַרקען ווילען אויפצוהאַלטען דעם קיום פון יוד. פאָלק, אַ ציוניסט, וועלכער זעהט דעם וועג פון יודישער גאולה אין דער ערגאַבערונג פון אַלע נאַציאָנאַלע כחות אַרום דער אויפשטעלונג פון אַ יודישער מדינה, וועלכער איז גרייט צו נעהמען אויף זיך דעם עול פון אַלע דאגות פון יודישען צבור. דעם דאָזיגען צוועק שטרעבט די בעוועגונג צו ערגרייכען דורך די נאַציאָנאַל-יודישע, געזעלשאַפטליכע און פּראָפעסיאָנעלע ערציהונג.

אַלגעמיינער איבערבליק איבער אונזער בעוועגונג.

אין פּוילען האַלט זיך אונזער בעוועגונג אין איין פערשטאַרקען. ביים היינטיגען טאָג זענען אָרגאַניזירט אין פּוילען דורך „עקיבא" 250 קנים מיט 25,000 טויזענד חברים. אונזער בעוועגונג צעהלט אין פּוילען מעהר ווי 3 טויזענד חלוצים, פון וועלכע 700 געפינען זיך אין 22 הכשרה-פּונקטען.

די בעוועגונג אונזערע פערשפּרייט זיך אויך אין אַנדערע לענדער (יוגאָסלאַוויען, גריכענלאַנד, בולגאַריע, עסטרייך, טשעכען, פראַנקרייך). נישט קוקענדיג אויף געוויסע שוועריגקייטען וואָרצעלט זיך איין אונזער בעוועגונג אַלץ מעהר אין א"י. אין אַ גרויסע טייל ערטער פון ישוב זענען געגרינדעט געוואָרען קנים פון „עקיבא", די ווערבירונגס- און אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבייט האַלט אָבער וואָס ווייטער אין איין וואַקסען, אַריינציהענדיג אין דער אָרגאַ-ניזאַציע וואָס אַ גרעסערע צאָהל יוגענד.

צום סוף דאַרף מען אויך צוגעבען, אַז אונזער בעוועגונג גיט אַרויס אין פּוילען אַ שטענדיגען וועכענטליכען אָרגאַן אין פּויליש „דברי עקיבא". אין דער נאָהענטסטער צייט וועט אויך ערשיינען אַ שטענדיגער העברעאי-שער אָרגאַן פון אונזער וועלט-בעוועגונג.

חיים זאַלעשינסקי

„פרייהייט“

יעדעס פראָבלעם, וואָס עקזיסטירט פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט בכלל, מוז אויך לאָזען זיינע שפּורען אויפ׳ן יונגען דור. יעדע פערבעסערונג, וועלכע טרעט אַריין אין לעבען פון מענשען, מוז זיך ממילא אויך אָפּרופען אויפ׳ן לעבען פון דער יוגענד. פונקט דאָס זעלבע איז מיט יעדער אונגאָרמאַלקייט און היגטערשטעליגקייט אינ׳ם מענשליכען לעבען. אויך די יוגענד ליידט פון איהר, צייטענווייז אין אַ נאָך גרעסערער און שאַרפערער מאָס. יוגענד איז אַן איבערגאַנגס-תקופה אין לעבען פון מענש, אַ תקופה, וועלכע דאַרף בעזונדערס אויסגענוצט ווערען אויף אויסבילדען און צוגרייטען דעם מענש צו דערקענען זיין לאַגע, צו פערשטעהן איהרע סבות, צו דערזעהען די וועגען, וואָס פיהרען צו זיין בעפרייאונג און אויסלייזונג. יוגענד איז די תקופה, אין וועלכער דער מענש דאַרף צוגעגרייט ווערען צו דערפיעלען זיינע פליכטען אַלס מענש און בירגער.

די דאָזיגע אַלזייטיגע אויסבילדונג און צוגרייטונג בעקומט די יודישע יוגענד אין „פרייהייט“-פערבאַנד.

דאָס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט שטעהט אונטער׳ן צייכען פון סאָציאַלען גערוימגעל. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, וואָס האָט ערמעגליכט אַזאַ געוואַלדיגע ענטוויקלונג פון דער טעכניק און וואָס האָט אַזוי פיעלפאַך פערגרעסערט און פערבעסערט די פּראָדוקציע, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פאַר אונפעהיג צו בעהערשען די דאָזיגע ענטוויקלונג און צו פערוואַנדלען זי אין אַ ברכה פאַר דער גאַנצער מענשליכער געזעלשאַפט. די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע, וועלכע האָט דאָך בעדאַרפט פון איין זייט פערקלענערען די אַרבייטס-צייט פונ׳ם מענש און פון דער צווייטער זייט געבען איהם מעגליכקייטען פאַר אַ שענער, בעקוועמער און רייכער לעבען, איז אין די בעדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קללה פאַר׳ן גרויסען רוב פון דער מענשהייט. זי האָט

געברענגט ווירטשאַפטליכע קריזיסען, אַרבייטסלאָזיגקייט, הונגער און קול·טורעלע פערוויסטונג. נאָר אַ קליין הייפעל קאַפּיטאַליסטען געניסט פון די אוצרות פון דער נאַטור. די ברייטע מאַסען אַרבייטער און קליינבירגער זע·נען דערפון בערויבט און זיי ווערען מורא'דיג עקספּלאָאַטירט.

דער דאָזיגער סאָציאַלער אומרעכט וועט אַזוי לאַנג עקזיסטירען, ווי לאַנג עס וועט עקזיסטירען די אָרדנונג, וואָס איז געבויט אויף ריוח און עקספּלאָאַטאַציע. נאָר דאָס איבערבויען די מענשליכע ווירטשאַפט אויף יסודות פון כלל·אייגענטום און פּלאַנמעסיגקייט; נאָר דאָס פערטוישען די פּראָדוקציע פון סחורות פאַר'ן מאַרק אויף אַ פּראָדוקציע פון לעבענס־מיט·לען פאַר'ן מענשליכען געברויך; נאָר דאָס פערגעזעלשאַפטליכען אַלע פּראָ·דוקציע·מיטלען און מאַכען אַלע מענשען פאַר גלייכע שותפים צו די אוצרות און ברכות פון דער נאַטור, פאַר שותפים, מיט גלייכע רעכט און גלייכע פליכטען; קאָנקרעט — נאָר דאָס איינפיהרען דעם ס אָ צ י אַ ל י ז ם קאָן אַ סוף מאַכען צו דעם אומרעכט און צו דער שאַנד פון הונגער, קאָן בע·פרייען די מענשהייט פון איהרע צרות און אומגליקען, קאָן בענייען דעם מענש, געזונד מאַכען זיין גייסט און הויבען זיין ניוואָ.

די סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט פון זיך זעלבסט נישט קומען. זי מוז אויסגעקעמפט ווערען. דער טרעגער פון'ם דאָזיגען קאַמף איז דער אַרבייטער־קלאַס, וועלכער ליידט אַממייסטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער רויב־ווירטשאַפט און וועלכער קאָן פון זיינע ליידען בעפרייט ווערען נאָר דורך אויפבויען דעם סאָציאַליזם. די לעבענס־ווירקליכקייט צווינגט די אַר־בייטער זיך צו אָרגאַניזירען אַלס זעלבסטשטענדיגער קלאַס, זי ענטוויקעלט זייער קלאַסען·בעוואוסטזיין, צווינגט זיי צום פּאָליטישען דענקען און שטויסט זיי צום סאָציאַליזם.

אויך די ברייטע יודישע פאָלקס·מאַסע, וועלכע בעשטעהט אין איהר רוב פון אַרבייטער און בעלי·מלאכות, איז אויסגעשטעלט אויף די אַלע ליי־דען, וואָס קומען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. איהר לאַגע איז אַ נאָך ערגערע צוליעב דעם, וואָס זי איז אומעטום אַ נאַציאָנאַלע מינדער־הייט, אַנ'ארויסגעשטויסענע פון אַלע עיקר'דיגע פּראָדוקציע·צווייגען. אַ בע·רויבטע פון יעדער הילף און זאָרג. מוז דעריבער אויך דער יודישער אַר־בייטער און בעל·מלאכה צושטעהן צום אַלגעמיינעם אַרבייטער·קאַמף פאַר בעפרייאונג און סאָציאַליזם.

און דער גורל פון'ם יוגענטליכען אַרבייטער איז דער זעלבער, וואָס דער גורל פון זיין עלטערען אַרבייטער־ברודער. און דעריבער איז אויך דער קאַמף פון דעם לעצטען, זיין קאַמף; דער אידעאַל פון דעם לעצטען — זיין אידעאַל.

„פרייהייט" האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די ליידענדע און בערויבטע. „פרייהייט" איז ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש.

די מענשליכע געזעלשאַפט בעשטעהט פון פערשיעדענע קלאַסען, זי

בעשטעהט אָבער אויך פון פערשיעדענע פעלקער. און פונקט, ווי די אונ־טערדריקטע קלאַסען דאַרפען בעפרייט ווערען פון זייער אונטערדריקונג, אַזוי דאַרפען אויך אונטערדריקטע און פון פרייהייט בערויבטע פעלקער צוריק בעקומען זייער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט. יעדע נאַציע האָט אַ רעכט פריי זיך אויסצולעבען לויט איהרע פאָרמען און טראַדיציעס, און נאָר דאָס פאָלק, וואָס איז נאַציאָנאַל בעפרייט און געזונד, קאָן אויך זיין סאָציאַל לעבען אָוועקשטעלען אויף יסודות פון גערעכטיגקייט און גלייכהייט.

דאָס יודישע פאָלק איז בערויבט פון זיין זעלבסטשטענדיגקייט, פון יעדער מעגליכקייט אויסצולעבען זיך פריי לויט זיינע נאַציאָנאַלע נייגונגען און וואונשען. זיין שפּראַך איז נישט גלייכבערעכטיגט, זיין קולטור ווערט אונטערדריקט, זיין ענטוויקלונג און שטייגונג ווערט געהאַמעוועט. און נאָר די נאַציאָנאַלע בעפרייאונג, נאָר אַ זעלבסטשטענדיג יודיש פאָלק אין זיין אייגען לאַנד וועט אַ סוף מאַכען צו זיין אומנאָרמאַלער לאַגע און ערמעג־ליכען די פרייע ענטוויקלונג און וואוקס פון זיין קולטור, שפּראַך און איי־גענאַרטיגקייטען. דער וועג דערצו איז דער צ י ו נ י ז ם.

דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין יודישען לעבען איז אָבער נישט נאָר אַ פּראָבלעם פון שפּראַך און קולטור. עס איז אין זיין תוך אַ ס אָ צ י אַ ל פּראָבלעם. אויב ביי אַנדערע פעלקער איז די מעהרהייט פון דער בעפעל־קערונג סאָציאַל א ו נ ט ע ר ד ר י ק ט, איז דאָס יודישע לעבען סאָציאַל א ו נ נ אָ ר מ אַ ל. די יודישע מאַסען זענען דערווייטערט פון דער נאַטור, פון ערד און אַרבייט. זיי האָבען נישט קיין צוטריט צו די עיקר'דיגע צווייגען פון דער ווירטשאַפט, זיי בעשטעהען מייסטענס פון שטאָדטישע איינוואוי־נער, זיי לעבען מייסטענס פון שטאָדטישע פּרנסות, זייערע אַרבייטער זענען איבערהויפּט בעשעפטיגט אין די לעצטע און אונבעדייטענדיגסטע פּראָדוקציע־סטאַדיען. אַ מאַנגעל אין אַן אייגענעם פויערים־קלאַס, אַ מאַנגעל אין אַן אייגענעם קוילענגרעבער, אייזענבאַנער, מאַשינען־פּראָדוצירער — די דאָזיגע דערשיינונג איז אַ „נאַציאָנאַל אייגענטום" פון די יודישע פאָלקס־מאַסען. און עס קאָן נישט זיין קיין געזונדט און נאָרמאַל, נאַציאָנאַל לעבען אָהן דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די יודישע מאַסען, אָהן דער שאַפונג פון אַ דאָרפישער בעפעלקערונג, אָהן דער ענטשטעהונג פון אַ שווער־אינדוסטריע־לען פּראָלעטאַריאַט, אָהן דער איבערפיהרונג פון די לופט־מענשען צו אַ לעבען פון אַרבייט, נאַטירליך, פון בעפרייטער אַרבייט. נאַציאָנאַלער רענע־סאַנס וועט נאָר דאַן זיין, ווען ער וועט בעגלייט ווערען מיט אַ גלייכצייי־טיגען סאָציאַלען רענעסאַנס. דער וועג דערצו איז דער ציוניזם, דער ציו־ניזם, וואָס איז — לויט הערצל'ס אַ וואָרט — די גרויסע אַרבייטס־געלע־גענהייט פון יודישען פאָלק.

„פרייהייט" האָט זיך געשטעלט צו דיענסט דער אויפגאַבע פון בע־פרייען און געזונד מאַכען דאָס יודישע לעבען. „פרייהייט" איז צ י ו־נ י ס ט י ש.

ציוניזם און סאָציאַליזם זעגען נישט קיין צוויי אָבגעטיילטע זאַכען. זיי ערגענצען זיך געגענזייטיג. יעדער ציוניסטישער אויפטהו איז אַ שריט ווייטער צום יודישען סאָציאַליזם. און אַזוי פערקעהרט. די רעאַליזירונג פון איינעם איז אומדענקבאַר אָהן דעם צווייטען. סאָציאַליזם מיינט בעפרייטע אַרבייט, מיינט פערוואַנדלען די אַרבייט אין אַ ברכה. ציוניזם אָהן יודישער אַרבייט איז אַן׳אוטאָפּיע. אויפ׳ן יסוד פון דער היינטיגער פערקנעכטונג און אויסנוצונג וועט זיך די יודישע אַרבייט נישט אויסבויען. דער קאַמף פאַר דער אָרגאַניזירטקייט פון דער אַרבייט אין א״י, פאַר דער פערבעסערונג פון איהרע בעדינגונגען, פאַר דער קירצונג פון איהר צייט, פאַר דער העכערונג פון איהר לוין — דער דאָזיגער סאָציאַליסטישער קאַמף איז אין זיין תוך אַ נאַציאָנאַלער קאַמף, אַ קאַמף פאַר׳ן ציוניזם, פאַר אַ יודיש א״י. אָהן סאָציאַליזם וועט נישט זיין קיין נאָרמאַל לעבען, אָהן ציוניזם וועט נישט זיין קיין יודיש לעבען. סאָציאַליזם אין יודישען לעבען מיינט אין זיינע ערשטע טריט ציוניזם; ציוניזם איז אין זיין תוך סאָציאַליזם. זייער האַרמאָנישער סינטעז הייסט: ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש א ר ץ - י ש ר א ל.

אין דער אַרבייט פון „פרייהייט" איז פערוואָרצעלט דער סינטעז. „פרייהייט" איז צ י ו נ י ס ט י ש - ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש.

און דאָס זעלבע מיט׳ן בעריהמטען פּראָבלעם פון „דאָ און דאָרט", פון גלות און א״י.

מיר בעקומען נישט אין מתנה קיין פערטיג א״י. א״י ווערט געבויט מיט׳ן בלוט און שוויס פון די יודישע מאַסען דאָרט, וואו זיי זענען, דאָרט וואו זיי וועלען נאָך לאַנג, לאַנג זיין. א״י וועט נישט אויפשטעהן אויף די חורבות פון גלות. חורבות בויען נישט. די אַרבייט פאַר׳ן א״י-אויפבוי מוז בעגלייט זיין פון אַ קאַמף פאַר דער פערבעסערונג פון דער לאַגע פון די יודישע מאַסען אין די גלות-לענדער. און דאָס מיינט: קאַמף געגען דעם אור-מקור פון יעדען עלענד, געגען קאַפּיטאַליזם; דאָס מיינט: קאַמף פאַר פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע דערגרייכונגען, קאַמף פאַר גלייכבערעכטיגונג און אויטאָנאָמיע אין אַלע לעבענס-געביעטען, קאַמף, האַנד ביי האַנד, מיט׳ן אַרבייטער-קלאַס פון לאַנד, האַנד ביי האַנד מיט דער אַרבייטער-בעוועגונג אין דער וועלט.

„פרייהייט" אנערקענט נישט די ציוניסטישע עקסקלוסיוויטעט. „פרייהייט" איז „ד אָ א ו ן ד אָ ר ט".

די פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם, במילא פון סאָציאַליזם אין יודישען לעבען, איז אַ שווערער געזעלשאַפטליכער פּראָצעס. נישט מיט פּראַזען, נישט מיט פּאָליטישע קנאַל-עפעקטען, נישט מיט שאָוויניסטישער דעמאַגאָגיע, אוודאי נישט מיט מיליטאַריסטישע בלאַזנערייען וועט ער דורכגעפיהרט ווערען. די פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם, וואָס מיינט די סאָ-

פונג פון אַ פּיעל־מיליאָניגען יודישען ישוב אין ארץ־ישראל, פאָדערט חלוציזם און פּערזענליכע פערווירקליכונג פון יעדען יחיד. פערזענליכע פערווירקליכונג מיינט קודם־כל ע ל י ה, אָבער נישט נאָר עליה, בעטרעטענ־דיג די ארץ־ישראל׳דיגע ערד ווערט מען נאָך נישט בעפרייט פון פליכטען; פערקערט, די פּליכטען ווערען ערשט דאָרט צאָהלרייכער און וויטאַלער. עס וועט נישט זיין קיין ציוניזם, אויב עס וועט נישט זיין אין א״י קיין יודי־שע אַרבייט. און יודישע אַרבייט נישט נאָר אין שטאָדט, ביים בויען היי־זער, נאָר אויך אין דאָרף, אין פּרדס, אין פעלד, אין באַהן־דיענסט, אין פּאָרט.

מוז דעריבער די עליה זיין אָנ׳אָרגאַניזירטע. די מענשען מוזען צו־געגרייט ווערען, דורכגענומען מיט׳ן גייסט פון פערזענליכער הגשמה.

„פרייהייט״ דערציהט איהרע עולים צו חלוציזם. „פרייהייט״ איז ח ל ו צ י ש.

דער סאָציאַליסטישער פערבאַנד פון דער יודישער אַרבייטער־יוגענד „פרייהייט״ אין פּוילען איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1925 אַלס יו־גענד־אָרגאַניזאַציע פון דער פּועלי־ציון (צ. ס.) פּאַרטיי און זי איז דאָס ביז׳ן היינטיגען טאָג פערבליבען. די חברים פון „פרייהייט״ נעהמען אַנ־אַקטיווען אנטייל אין אַלע פּאָליטישע און פּראָפּעסיאָנעלע אַקציעס פון דער פּאַרטיי און נאָכ׳ן ענדיגען 21 יאָהר געהען זיי אין איהר אַריבער. „פריי־הייט״ אַרבייט אויך אַקטיוו פאַר׳ן קרן־קימת, אין דער ליגע, פאַר׳ן קפּא״י א. א. וו.. די לעצטע יאָהרען איז שטאַרק געשטיגען די עליה פון „פריי־הייט״־חברים קיין א״י. אַלע חברים, וואָס גרייטען זיך עולה צו זיין, טרע־טען אַריין אין „החלוץ״, געהען אויף הכשרה און אין א״י שליסען זיי זיך אָן אָן דער אָרגאַניזירטער אַרבייטערשאַפט.

אַ חוץ אין פּוילען, זענען אויך פערהאַן ענליכע יוגענד־פערבאַנדען אין אַנדערע לענדער, ווי אין רומעניען, טשעכיען, ליטע, לעטלאַנד (לעצטענס אומלעגאַל), א״י („בחרות סוציאַליסטית״), אַמעריקא (פּוע״צ־יוגענד) א. א. וו.. די אַלע לאַנד־פערבאַנדען זענען פעראייניגט אין איין יוגענד־וועלט־פערבאַנד „דרור״, וועלכער איז פון זיין זייט אָנגעשלאָסען אינ׳ם וועלט־פערבאַנד „פּועלי־ציון־התאחדות״ און אינ׳ם סאָציאַליסטישען יוגענד־אינטערנאַציאָנאַל.

משה געלבלום

„ברית־הקנאים"

[בר"ק]

די, וועלכע האָבען זיך ענטטוישט אין די רעאַליזירונגס־פעהיגקייטען פון רעוויזיאָניזם אַלס רעוואָלוציאָנערען, אָבער קאָנסטרוקטיווען כח אין דער ציוניסטישער בעוועגונג — האָבען זיך אויך ענטטוישט אין זיין גרעסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער שאַפונג — אין בית"ר.

דער בית"ר האָט געזאָלט ווערען אַ קוזשניע פון נאַציאָנאַלער, רעוואָלוציאָנערער יוגענד, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקען געפיהל פאַר פאָלקס־דיסציפלין. דער בית"ר האָט געזאָלט זיין דער בעקעמפער פון קלאַסען־קאַמף און פון קאָמוניזירען דעם ישוב אין ארץ־ישראל; ער האָט עס געזאָלט שאַפען דעם אידעאַלען טיפ פון שטאַרקען, שטאָלצען און „הדר"־דיגען" יוד און אויסוואָרצלען פון יודישען לעבען און פון דער ערציהונג פון אונזער יוגענד דעם שעדליכען „השומר־הצעיר"דיגען, ארגון־משותפ'דיגען גייסט.

דער בית"ר איז אָבער אַראָב פון פאָראויסגעזעהענעם וועג צוזאַמען מיט דעם ברית־הצה"ר און איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בלינדע מאַסע, וואָס דיענט נאָר דעם פערזאָנען־קולט און בעזיצט נישט קיין ברעקעל זעלבסט־קריטיק און פערשטענדניש פאַר דעמאָקראַטיע, וואָס איז דאָך פיעל נעהנטער דער יודישער פסיכיק און מענטאַליטעט, ווי די אַלע פון פרעמד איבערגעכאַפטע פאַשיזמען מכל המינים.

דער קאַטאָוויצער פוטש איז מעגליך געוואָרען נאָר אַ דאַנק דער בלינד־געהאָרכזאַמער מאַסע, וועלכע איז אויפ'ן פערלאַנג פון איהר „מנהיג" בעגאַנגען אַ אידעאישען זעלבסטמאָרד. די, וועלכע האָבען נישט געוואָלט ווייטער טאָלערירען די יחיד־הערשאַפט אין דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג, וועלכער איז אַ דאַנק דעם ווייט אַוועק פון איהר אורשפּרינגליכען, בויענדען פּראָגראַם, —— די מיושבדיגע עלעמענטען אין דער רצוו. בעוועגונג האָבען לאַנג שוין פאַר'ן פוטש אבסערווירט און אויפמערקזאָם געמאַכט אויף

דער בפירושער אבנייגונג פון בית״ר פון זיין גרונד־פראָגראַם און אויפגאַבען.

נישט קענענדיג בעזייטיגען די פעהלערען אין בית״ר צוליב דער יחיד־הערשאַפט און נישט געפינענדיג אין די איבריגע ציוניסטישע יוגענד־בעוועגונג קיין ענטשפּרעכענדען פּראָגראַם און גאַראַנטיע, אַז פון זייערע רייהען וועלען אויסוואַקסען די אויפריכטיגע יודענשטאַטלער, דער יוגענד־אוואַנגאַרד פאַר׳ן זיך בויענדען יודענשטאַאַט — איז ענטשטאַנען די נויט־ווענדיגקייט און אייזערנע קאָנסעקווענץ צו געבען דעם ציוניזם אַזא יוגענד־בעוועגונג, וואָס זאָל דיענען נאָר זיין רעאַליזירונג, נאָר דעם פאָלק און לאַנד.

דאָס איז די גענעזע פון דער ענטשטעהונג פון ברית הקנאים.

מיט וואָס אונטערשיידעט זיך אייגענטליך דער ברית־הקנאים פון אַלע איבריגע ציוניסטישע יוגענד־בעוועגונגען?

וואָס איז די סבה פון דעם מאַסענהאַפטען וואוקס פון בר״ק און פון דער סימפּאַטיע, מיט וועלכער דער ברקאי טרעפט זיך מצד דעם נישט ספּע־ציעל פערטהיענעם אין פאַרטיי־קאַמף ציוניסט?

יעדע פאָליטישע בעוועגונג, וואָס איז פערבונדען מיט אַ קאָנסטרוק־טיווען רעאַליזירונגס־פּראָצעס, מוז האָבען צו איהר דיספּאָזיציע אַ אָרגאַני־זאַציאָנעל־ און פּאָליטיש־אויסגעשולטע דיסציפּלינירטע יוגענד, וועלכע זאָל גרייט זיין צו נעהמען אויף זיך די שווערע פּיאָנערען־פליכט.

אויך דער ציוניזם מוז געפינען זיינע רעאַליזאַטאָרען אין אַ געזונד־טער, גייסטיג און פיזיש, יוגענד, וואָס זאָל גרייט זיין אויף אַ פערבויגונג פון עגאָאיסטישען ווילען און אייגען־ציעל לטובת דעם שטאַאַטס־אינטערעס, לטובת דער פאָלקס־צוקונפט און די קינפטיגע יודישע דורות. דאָס איז קלאָר פאַר אַלע פּאָליטישע ריכטונגען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, און דער מאָטיוו טרייבט זיי צו שענקען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער יוגענד, אויף וועלכער עס ווערט אין דער פּאַרטייאישער יוגענד־אָרגאַניזאַציע אויס־געאיבט אַ איינזייטיגער פּאַרטייאישער דרוק, וואָס גיט די גאַראַנטיע, אַז דער ציוניסטישער פּרצוף פון די אָרגאַניזאַציעס־אַבסאָלוענטען וועט זיין אַ ריין... פּאַרטייאישער.

דאָס סיסטעמאַטישע אַריינהאַקען אין די מוחות פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער יוגענד די „איינציגע” פּאַרטייאישע אמת׳ען האָט סוף־כל־סוף געטראָפען צו די הערצער פון דער יוגענד און האָט זי פערוואַנדעלט אין אַ פערמאַנענט־אונטערגעהעצטער מאַסע, וואָס איז שטאַרקער פעראינטערעסירט אין פערניכטען דעם שונא, ווי אַליין צו וואַקסען.

די געגענזייטיגע שנאה ביי די בעזונדערע גרופּירונגען האָט אָנגע־נומען אַזעלכע געפעהרליכע פאָרמען, אַז אין מלחמה־געוויש האָט מען פערגעסען אין דעם אויסערליכען שונא, וואָס לויערט אויף אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען צוזאַמען — אין דער אַסימילאַציע און אין קאָמוניזם. יעדער ציוניסטישער לאַגער האָט אָנגעהויבען בעטראַכטען דעם צווייטען נישט

אַלס געגנער, נאָר אַלס שונא און דאָס האָט אָנגעהויבען בעדראָהען די גאַנצקייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

מיט דעם געבורט פון יודענשטאַאטלעכישען ציוניזם און פון דער מאָדערנער קנאות פאַר׳ן פאָלק און לאַנד ווערט ענדליך אָבגעשטעלט די גע-פאַהר פון דער צעפאַלונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

דער דעמאָקראַטישער יסוד פון ציוניזם איז דער חוט השדרה פון דער אידעאָלאָגיע פון ברית הקנאים.

די סקויטישע-ברקאישע דיסציפלין, וואָס אונטערשיידעט זיך מיט איהר נאַציאָנאַלער זעלבסטפערשטענדלעכקייט פון דער אָנגעוואָרפענער פון אויבען, גיט אַ פולע גאַראַנטיע, אַז דער קינפטיקער בויער און בירגער פון יודענשטאַאט וועט זיין אַ פעסטער און פרייער יוד און מענש.

דאָס איז דער מהות פון ברית הקנאים.

בראש פון „בר״ק״ האָט זיך געשטעלט דער דיכטער ד״ר יעקב כהן, וועלכער איז ביז היינט דער אב „בר״ק״.

אין זיין ערשטען כרוז רופט דער אב „בר״ק״ די ברקאים צו נאַצי-יאָנאַלער דיסציפלין און בעגייסטערטע מעשים, צו חלוציזם און הגנה, צו אַ געלייטערט העברעערטום, וואָס שעפט פון זיינע אייגענע קוואַלען און צו אַ קנאישען קאַמף פאַר די ווערטען פון נאַציאָנאַלען רענעסאַנס און פאַר אונזערע גרויסע נאַציאָנאַלע אידעאַלען.

„דער עלעמענט פון קנאי איז פייער, הייליג פייער. אין יעדען יוד שלומערען פונקען פונ׳ם פייער-פלאַם פון סיני, פון דער שרפה פון בית-המקדש, פון די שייטער-הויפענס פון די יודישע קדושים אין גלות, און ס׳קאָן נישט זיין קיין ברקאי, וועלכער איז נישט קיין פולווערטיגער יוד, און עס וועט אייך זיין לייכט, אייך—די יונגע און מוטיגע אויפצוועקען די דאָזיגע פונקען און זיי לאָזען אויפפלאַקערען צו אַ מעכטיגען פלאַם.

„זאָל דשע דער דאָזיגער פלאַם ווערען דער סימבאָל פון אייער לעבען, זאָל ער זיך ענטפלעקען, פון זיך לאָזען זעהן אין אייער טאָג-טעגליכער אַרבייט, אין אייער געזאַנג און אייער טאַנץ, אין אייער ליבע צו אונזער פאָלק און אין אייער קאַמף מיט דעם שונא, וועלכער וויל אונז פערניכטען.

„און טראָגען זאָלט איהר אייער פייער צו יעדען אָרט, וואוהין איהר וועט קומען און אָנצינדען מיט איהם די העצער פון אייערע ברידער, די שוואַכע און די פערצווייפעלטע פון שווערער לאַסט און אונגעדולד. נישט פעראַכטונג, נאָר ליבע און באַרעמהערציגקייט זאָלט איהר זיי ברענגען, דען זיי זענען דאָך מיינע ברודער, וואָס שטרעבען צו אויסלייזונג, אַזוי ווי איהר.

„איבער אַלץ זאָלט איהר אבער ברענגען צו יענע, וועלכע געפינען זיך אין ציונס מחנה, אַ ווארים האַרץ פון שלום און פרייגיביגקייט, צו די אַלע, וועלכע זענען מקריב זייער כח און לעבען פאַר דעם אויפבוי פון אונזער לאַנד און דער אויפלעבונג פון אונזער פאָלק, אפילו דאַן, ווען זייער וועג איז אַנדערש, ווי אייער וועג — אַ מלחמת דעות זאָלט איהר מיט זיי פיהרען,

אַ קאַמף אין שלום און אין יושר, און מיט דעם כח פון אייער אמת, מיט דעם ברען פון אייער קנאות און הויפטזעכלעך דורך אייער גוטען ביישפיעל זאָלט איהר אויף זיי ווירקען. נאָר נישט קיין ברודער-שנאה, נישט מזלזל זיין דעם אַנדערנ׳ס הייליגטימער און נישט האַלטען אַלס פעררעטער יעדען אַנדערש דענקענדען.

„נאָר די אמתע בוגדים, וועלכע לייקענען אין זייער פאָלק און גראָבען אונטער די האָפנונגען פון זייער פאָלק, פון זיין קיום און זיין פרייהייט — זיי זאָלט איהר נישט שאָנעווען, נאָר סטעמפּלען פאַר די אויגען פון דער גאַנצע וועלט. אונזערע דם-שונאים זענען זיי, און עס איז נישטאָ קיין שלום מיט די מרשיעי ברית.

„... פייער, געלייטערט פייער, זאָל זיין אייער נשמה, יודיש פייער, געהייליגט דורך די ליידען פון פאָלק און ברען און פרישע ליכטיגקייט, פון דער זון פון בענייטען ציון!

„מיט דעם כח וועט איהר געהן פאָרווערטס — דעם נצחון אַנטקעגען!"

דער גרונד-לעגער פון ברית-הקנאים, מאיר גראָסמאַן, מאָלט דעם קינפטיגען ברקאי, דעם יונגען יוד פון זיינע חלומות:

„זויבער, רוהיג, העפליך; אַ גראַדער רוקען; אַ קאָפּ, וואָס האַלט זיך נאַטירליך און פריי אויף די פּלייצעס; קלאָרע אויגען, וואָס שפּיגלען אָב די יודישע טיעפקייט; אַ פערשטענדניש פאַר כללים פון דיסציפּלין, ד. ה. פאַר צוזאַמענגעהן און פאָלגען, אָבער אָן דער אונגויטיגער טעמפּער גע-האָרכזאַמקייט — אַ דיסציפּלין, וואָס זאָל נישט איינשלעפערן און נישט טויטען דעם געדאַנק; אַ פיינער דרך-ארץ פאַר דעם עלטערן און אָנפיה-רענדען, נאָר אָן הכנעה, ווייל זי איז דאָך נאָר די אַנדערע זייט פון דער מטבע, וואָס הייסט העזה; אַ התלהבות און התפעלות פאַר דעם אייגענעם אידעאַל, אָבער אָן ווילדע אויסברוכען פון האַס און שאַנד צום אַנדערש-דענקענדען; אַ געלאַסענקייט, וואָס קומט פון אינערליכער זיכערקייט און טיעפען גלויבען; אַ אויסבילדונג, וועלכע מאַכט מעגליך איינצוזוימען דעם לייכט-ברענענדען יודישען טעמפּעראַמענט; אַ פיזישע הכשרה פאַר הגנה, וואָס גרייט צו אַ קינפטיגען מיטגליעד פאַר דער יודישער פאָלקס-מיליץ; קיין שום מורא פאַר געוועהר, אָבער אַ אָבשיי פאַר מענשליך בלוט; אַ טיעפע אָפּפערווילליגקייט, אָן שום בייגעשמאַק פון זעלבסטצופרידענקייט; אַ פיאָנערן-גייסט נישט בלויז אין נאַציאָנאַלע ענינים, נאָר אויך אין פערזענליכע.

... נאַציאָנאַל, חלוציש, קנאיש דאַרף ערצויגען ווערען דער מיטגליעד פון „בר"ק". פאָלק, לאַנד און שפּראַך פערפלאָכטען אין איין גלויבען.

... זיין נאַציאָנאַל — הייסט נישט בלויז צו בעטראַכטען זיך אַלס מיטגליעד פון אַ פאָלק און טרעגער פון זיינע אידעאַלען, נאָר דער עיקר — אַנערקענען די בכורה פונ׳ם נאַציאָנאַלען ווילען; זיין נאַציאָנאַל — הייסט דערהויבען זיך צו דער מדרגה, ביי וועלכער אַ מענש איז בכח צו אונטערדריקען זיינע פערזענליכע אָדער פאַרטייאישע אינטערעסען; זיין

נאַציאָנאַל בעדייט אָנצונעמען די פקודה פון פאָלק, פון פאָלקס־דיסציפּלין, האַלטען דעם נאַציאָנאַלען פראָנט און אָנערקענען אין דער פּאָליטישער פּראַקטיק די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט און סובערניטעט. אַלץ, וואָס ברעכט די גאַנצקייט און איינהייט — סיי דער קלאַסען־קאַמף, סיי דער פּאַרטיי־אישער סעפּעראַטיזם, — איז געגען די נאַציאָנאַלע אינטערעסען.

... חלוציש איז די ברקאיסטישע בעוועגונג. זי נרייט צו דעם יונגען יוד פאַר זיין נייער אויפגאַבע אין ארץ־ישראל, עס האַנדעלט זיך נישט וועגען שאַפען אויסגעוועהלטע און פּריוויליגירטע, נאָר דערהויבען יעדען איינציגען צו דער מדרגה פון אַ פּיאָנער.

צו זיין חלוציש — בעדייט קודם כל פּערסאָניפיצירען דעם ציוניזם, מאַכען איהם פאַר אַ פּערזענליך פּראָבלעם, ציוניזם פאַר זיך, אַלס וועג פאַר דער אייגענער צוקונפט. זיין חלוציש — הייסט נישט דווקא פלאַנצען און שניידען אַראַנזשען אָדער בעאַרבייטען באָדען אין ארץ־ישראל. אַ חלוצישע פליכט קאָן יעדערער ערפילען. צו דינען אין דער פּאַלעסטינער פּאָליציי אָדער צו שאַפען אַ קליינע פאַבריק אָדער צו פּער־קויפען תוצרת הארץ איז פּונקט אַזוי וויכטיג, ווי לעבען אין אַ קבוצה. דער וואָס איז אַקטיוו. איז אַ חלוץ. חלוציזם איז אַקטיוויזם.

דער ברית הקנאים איז לעגיאָניסטיש, ד. ה. די הכשרה, וואָס ער גיט זיינע מיטגלידער, בעשרענקט זיך נישט אויף גייסטיגער און פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג. ... הגנה איז דער עקשטיין פון יודישען בנין אין לאַנד, דאָרט, וואו עס פעלט די זיכערקייט, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קאָלאָניזאַציע. לעגיאָניזם בעדייט נישט קיין אָנגריף; ער האָט קודם כל אין זינען שוץ אין אַלע זיינע פאָרמען. ער בעצוועקט שלום, אנשטאט מלחמה.

... דער ברקאי איז נישט קיין האַמער... „מקדש שני... מפני מה חרב? שהיתה בו שנאת חנם". אויך מיר בויען אַ נייעם בית־המקדש, בויען, ווי אַמאָל, מיט אַ האַמער אין איין האַנד און אַ ביקס אין דער צווייטער. דאָס הארץ טאָר נישט דאַן זיין פּערביטערט מיט שנאה־קנאה אָדער האַס.

... דער ברקאי לייקענט נישט די עקזיסטענץ פון עקאָנאָמישע און פון קלאַסען־געגענזאַצען, אָבער אין דעם בעשטייט דער קנאישער פּרינציפּ פון „נאַציאָנאַלער בכורה", וואָס ער וויל נישט פּערשאַרפען די נאַטירליכע קאָנפליקטען און עקאָנאָמישע סתירות. געגרעכטיגקייט פאַר דעם, וואָס אַרבייט און פאַר דעם וואָס גיט אַרבייט. ער אָנערקענט פאַר יעדען יוד, וואָס קומט קיין ארץ־ישראל שאַפען און בויען, די פּריווילעגיע פון אַ „חלוץ".

דער ברית הקנאים איז אַ דעמאָקראַטישע יוגענד־בעוועגונג. טראָץ דער פּערפליכטענדער אינערליכער דיסציפּלין אונטערליגט ער נישט דער פקודה פון אַ יחיד. די געהאָרכזאַמקייט איז אַ רעזולטאַט פון דער ערציהונג. זי ווערט נישט אָנגעוואָרפען מיט קוויטש און שטראָפען. די ברקאישע דיסציפּלין איז אַ אויסדרוק פון קאָנדענסירטען ווילען, זיכערען טהאַט און

שנעלערן רעצידירונגס-פעהיגקייט — אַ צייכען פון גרייטקייט אויף פער-זענליכע קרבנות.

„בר״ק" אַנערקענט פאָלגענדע זיבען הויפּט-פּרינציפּען, אַלס פאַראויס-זעצונגען פאַר׳ן אויפבוי פון לאַנד און איבערבוי פון פאָלק.

א. פּראָדוקטיוויזאַציע.
ב. נאַציאָנאַלע דיסציפּלין.
ג. זעלבסטשוץ און שמירה.
ד. העבּרעאיזאַציע.
ה. סאָציאַלע גערעכטיגקייט.
ו. סאָלידאַריטעט פון אַלע בויענדע כוחות.
ז. ענגע פערבינדונג מיט דער מסורה פון עבר.

„בר״ק" ערציהט צו פרייער דיסציפּלין, צום ווירדיגען רעאַגירען, צו עטיש-געזונדע געזעלשאַפטס-פאָרמען.

„בר״ק" לערנט זיינע מיטגלידער קערפּער-קולטור, ספּאָרט און זעלבסט-פערטיידיגונג, וואָס זענען יסודות פון אַ פיזישען רענעסאַנס פון אַ פאָלק, הכשרה פאַר הגנה אין ארץ-ישראל און אין גלות.

יעדער ברקאי מוז דורכמאַכען אַ הכשרה, כדי צו בעוועגען און ברענגען צום אויסדרוק די קאָנסעקווענטע קנאית. הכשרה תרבותית, מקצועות חלוצית און הגנתית.

נאַציאָנאַלע קנאית איז נישט בלויז אַ וועלטאַנשויאונג, נאָר אויך אַ לעבענס-שטייגער פון׳ם יוד. יעדער ברקאי איז מחויב צו פיהרען זיך אין זיין טאָג-טעגליכען לעבען לויט די כללים און פּרינציפּען פון׳ם ברית-אומעטום און צו יעדער צייט.

„בר״ק" לערנט זיינע חברים אחריות, פליכט-ערפילונג און פּינקט-ליכקייט. אַ ברקאי, וואָס ברעכט זיין וואָרט, פערלירט זיינע זכיות אין ברית.

דער „בר״ק" לערנט צו לעבען לויט די בעגריפען פון יודישע געזעצען און מאָראַל (ואהבת לרעך, טהרת המשפחה, אשר חברתי בנין הארץ. אהבת-הארץ, כבוד-הורים, הדור זקנים וחברים).

„בר״ק" וועקט און ענטוויקעלט דעם זין פאַר עסטעטיק, קונסט, מוזיק און ליעבע צו נאַטור.

די גרונדליגענדע ערציהונגס-שיטה אין „בר״ק" איז די סקויטישע.

די סקויטישע שיטה בעשטעהט אין דער ערציהונג פון כאַראַקטער, פון זעלבסטשטענדיגקייטס-געפיהל און דיסציפּלין; זי ענטוויקעלט דעם אָריענטאַציע-חוש, די מאָראַלישע חושים און די האַרמאָניע ביי מענשען. גלייכצייטיג לערנט זי גלויבען אין די פיינערע און העכערע טריבען ביי מענשען, און פריינדשאַפט און געגענזייטיגער הילף.

די ברקאים ווערען אָרגאַניזאַציאָנעל געטיילט (אויס פּעדאַגאָגיש-ערציהערישע סבות) אויף דריי דרגות;

דרגה א. — פון 9 ביז 12 יאהר.
„ ב. — „ 12 „ 17 „

דרגה ג. — „ 17 „ 20 „

די צוגעהעריגקייט צו אַ דרגה און דאָס אַריבערגעהן אין אַ העכערער איז אָבהענגיג אַ חוץ פון דער עלטער אויך פון אַ ספּעציעלען עקזאַמען.

די ערשטע דרגה הייסט „זאבים". דאָס ערציהונגס־סיסטעם איז ריין־סקויטיש, דער למוד קומט פאַר דורך פעראַנשוילעכונג, אויספלוגען, קאָלעקציאָנירונג (געוויקסען, צייטונגס־אויסשניטען, מאַרקען א. ז. וו.), סקויטישער הסתכלות און האנדארבייט.

דער ציעל: דערוועקען אין קינד פאָלקס־ליעבע. ארץ־ישראל־בענקשאַפט, וויסענדורשט, כבוד־ און פליכט־געפיהל, געשיקליכקייט, זין פאַר קערפּער־קולטור און דיסציפּלין.

די צווייטע דרגה הייסט „צופים"; ערציהונגס־סיסטעם—סקויטיש־הנניסטיש. מעטאָדע פון למוד—לויט'ן מוסטער פון דער אַרבייטס־שולע—ערציהען צו זעלבסטשטענדיגקייט, פיזישער אַרבייט און פיזישען פערטיידיגונגס־ספּאָרט.

דער ציעל: אויסבילדונג פון כאַראַקטער, אַרבייט (אין ספּעציעלע וואַרשטאַטען), פעראַנטוואָרטליכקייטס־געפיהל און פּאָרבערייטונג צו דער עליה.

אַ דריטע דרגה הייסט „חלוצים". ערציהונגס־סיסטעם—חלוציש־קנאיש. אַלץ ווערט פערבונדען מיט דעם פאַך, וועלכען דער אח אָדער די אחות האָט זיך געוועהלט. דער הכשרה הגנית ווערט געווידמעט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט. די השתלמות קריגט דער אח אין דער קבוצה, וועלכע פיהרט זיך זעלבסטשטענדיג.

ציעל... לעבען און דרך־ארץ פאַר ארבייט, געזעלשאַפטס־זין, קנאישער העראיזם, ציעל־בעוואוסטער נאַציאָנאַליזם. הכשרה און עליה.

דער „בר"ק" עגזיסטירט פון ל"ג־בעומר תרצ"ג. דורך דער צייט האָט זיך דער „בר"ק" קאָלאָסאַל ענטוויקעלט, צעהלענדיג שוין יעצט בלויז אין פוילען איבער 200 קנים מיט קדוב 9 טויזענד אחים און אחיות. ער האָט שוין זיינע אָרגאַניזאַציעס אין א"י, ענגלאַנד, טשעכיען, עסטרייך, רומעניען, דייטשלאַנד, ליטא, לעטלאַנד, אַמעריקא, קאַנאדא און אַפריקא.

די הכשרה חלוצית מאַכען די ברקאים אדורך שוין אין די ספּעציעלע ברקאישע הכשרה גדודים. וואו עס געפונען זיך ביים יעצטיגען טאָג איבער 300 ברקאית.

אין ערשטען יאָהר פון דער עגזיסטענץ פון „בר"ק" זענען שוין עולה געווען קיין ארץ־ישראל אַ גרעסערע צאָהל ברקאים—ות, וועלכע האָבען אין א"י אונטער דער אויפזיכט פון דער אָרטיגער לאַנדעס־הפקדה איינגעאָרדענט זיך אין פלוגות עמודה.

געלייטעט ווערט דער ברק דורך:

1) מפקדה עליונה אין ארץ־ישראל.
2) מפקדה ראשית אין יעדען בעזונדערען לאַנד.
3) מפקדה גלילית.
4) מפקדה מקומית.

די נעזעצגעבענדע לאַנדעס־אינסטאַנצען זענען:

א) די ועידה המחוקקת, וואָס קומט פאָר איינמאָל אין 3 יאָהר.

ב) די ועידת המנהלים, וואָס קומט פאָר איינמאָל אין יאָהר.

דער „בר״ק״ שטעהט אונטער דער אויבערשטער גייסטיגער פיהרונג פון דעם אב „בר״ק״, וועלכער ווערט געוועהלט דורך דער וועלט־קאָנפערענץ פון דער יודענשטאַאַטס־פּאַרטיי לויט׳ן פאָרשלאַג פון כנוס עולמי פון „בר״ק״.

די גרונד־אויפגאַבע פון „בר״ק״ צו ערציהען אַ נאַציאָנאַלען יוגענדליכען אין גייסט פון סקויטיזם, חלוציזם און לעגיאָניזם געפינט איהר אויסדרוק אין די אויסערליכע סימבּאָלען פון דער ברקאישער בעוועגונג.

די מונדירונג פון די ברקאים איז: אַ בלוזע פון גראַנאַט־קאָליר מיט אַ ענטשפּרעכענדער עניבה. אַ טרומפּעלדאָר־היטעל פון דערזעלבער פאַרב, סקויטישער פּאַסעק.

די אָבצייכנונג פון בר״ק שטעלט מיט זיך פאָר אַ סטיליזירטע סקויטישע ליליע מיט אַ מנורה און אויפשריפט: בר״ק.

די בעגריסונג פון ברקאי איז: „חזק!״ — „חזק ואמץ!״

די פייערליכע פאָרמולע איז: „שמע!״ און די תשובה: „אחד!״ און ווערט בענוצט נאָר בעת כנוסים.

דעם ערשטען ל״ג־בעומר נאָכ׳ן אַריינטרעטען און אַקטיוו זיין אין בר״ק בעלעגט דער אח אַ הבטחה:

„הנני מבטיח הבטחה שלמה להיות נאמן לקנאי ציון, לבר״ק. אמן״.

יעדער ברקאי מוז אָבגעבען אַ טרייהייטס־שבועה, וואָס געשעהט נאָכ׳ן בעלעגען דעם ברקאי׳שען עגזאַמען אויף צו ווערען אַ בעל־מדרגה. מדרגות זענען פערהאַן דריי: מגין, לוחם און קנאי.

דער טעקסט פון דער שבועה איז: „הנני נשבע להיות נאמן לעמי ולארצי, להלחם ולהגן עליהם בגופי, נפשי וכבודי, אמן״.

אויך בעלעגען די ברקאים פאַך־עגזאַמענס און טראָגען ספּעציעלע אָבצייכענס, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר אַ טימבאָל פון אויסגעלערנטען פאַך.

די אויבענדערמאָנטע תקנות זענען צייטווייליגע און דאַרפען אָנגענומען ווערען דורך דער ועידה עולמית פון בר״ק, וואָס וועט פאָרקומען אין יאָהר 1935.

יוסף לעווי

„ויתקיניה״

די התאַחדות׳ישע יוגענד־אָרגאַניזאַציע אויפ׳ן נאָמען פון יוסף ויתקין (הסתדרות הנוער ההתאַחדותי ע״ש יוסף ויתקין), אָדער ווי זי רופט זיך קורץ — „ויתקיניה״, פערקערפּערט אין זיך דעם אידעאָלאָגישען ווערטען־אוצר פון דעם יונג־ציוניזם, וועלכער האָט בשעתו אונטער דער אָנפיהרונג פון די ערשטע חלוצישע בויער און פיהרער א. ה. גאָרדאָן, יוסף ויתקין און יוסף בוסעל געלעגט די יסודות פון דעם אַרבייטענדען ארץ־ישראל.

„ויתקיניה״ שעפּט איהר יניקה פון דעם געדאַנקליכען רעזערוואואַר פון דעם ארץ־ישראל׳דיגען ה פ ו ע ל ־ ה צ ע י ר, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציעל אויפצושטעלען דאָס יודישע אַרבייטס־פאָלק, וועלכעס זאָל אויפהערען צו זיין אַ ווירטשאַפטליכער און גייסטיגער פּאַראַזיט, נאָר וואָס זאָל ווערען אַ זעלבסטשטענדיג און פריי שעפּפעריש אָרגאַניזם, אַזוי ווי דאָס האָט פאָרמולירט דער גייסטיגער פיהרער פון דעם הפועל־הצעיר און פון דער התאַחדות־בעוועגונג, א. ד. גאָרדאָן, אויף דעם ערשטען וועלט־צוזאַמענפאָהר פון התאַחדות אין פראָג (1920):

„...אַ פאָלק פון מעקלערס, סוחרים און הענדלערס ווילען מיר פערוואַנדלען אין אַ לעבעדיג, אַרבייטענדיג און שעפּפעריש פאָלק. מיר קומען קיין ארץ־ישראל, בכדי אויפצולעבען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד, אָבער קודם־כל בכדי אויפצולעבען דאָס פאָלק. מיר בויען אויסשליסליך אויפ׳ן פאָלק. מיר וועלען נישט אויסגעלייזט ווערען נישט דורך אויסערליכער הילף, אָדער דורכ׳ן חסד פון פעלקער. אַליין מוזען מיר זיך בעפרייען. מיר זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, איידער עס האָט אונז עמיצער בכלל געהאָלפען, ווען מיר האָבען נאָך נישט געטרוימט אַפילו וועגען דעקלאַראַציעס; געקומען זענען מיר קיין ארץ־ישראל אין דעם גלויבען אין אייגענע כחות, אין פאָלקס־כחות. אויך היינט איז די הויפּט־זאַך דער גלויבען אין אייגענע כחות. ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד פון פאָלק און דאָס פאָלק

דאַרף דאָס לאַנד אויפלעבען און בענייען זיין רעכט צום דאָזיגען לאַנד דורך אַרבייט, שאַפונג און לעבען".

„ויתקיניה" ערציהט איהרע חבריב טענדענציעז. די דאָזיגע טענדענציעזע ערציהונג איז צוגעפּאַסט איגגאַנצען צו די געבאָטען פון דער ציוניסטישער אויפלעבונג, אַזוי ווי זי ווערט אויפגעפּאַסט דורך דעם גאָרדאָניסטישען אַרבייטס-ציוניזם. „ויתקיניה" שטעלט פאַר איהר יוגענד נישט נאָר דעם ציוניסטישען ציעל, נאָר זי פערפליכטעט אויך צו ציהען פון איהם די געהעריגע קאָנסעקווענצען. זי וויל אַראָבברענגען די יוגענד פון די הויכע הימלען פון וועלט-ערלייזונג אויפ'ן רעאַלען באָדען פון דער יודישער ווירקליכקייט, וואָס נויטיגט זיך אין איבעראַנדערשונג, אין בענייאונג. „ויתקיניה" פּראָדוצירט נישט קיין נייע אידעאַלען, ווייל די אידעאַלען פון א. ד. גאָרדאָן און הפּועל-הצעיר בילדען נאָך אַ געבוגענדען קוואַל פאַר דעם הגשמה-פּראָצעס פון דער יודישער יוגענד. „ויתקיניה" ערציהט איהר יוגענד צו הגשמה עצמית. אָבער מגשים זיין אַ אידעע קאָן מען דעמאָלס, ווען מען פערשטעהט זי. „ויתקיניה" זאָגט זיך דערייבער אָב פון אַ ערציהונג צו אַ אַבסטראַקטען דענקען, אין רעזולטאַט פון וועלכער עס בעקומט זיך אַ טיפּ פון אַ מוח-גריבלער, דאָקטרינער און פּלפּול-מענש. מיר האָבען גענוג יונגע „פילאָזאָפען", וואָס ווילען בעגליקען די וועלט. „ויתקיניה"-יוגענד שטעהט מיט ביידע פיס אויפ'ן באָדען פון יודישען פאָלקסטום. דאָס יודישע לעבען ענדערען, בענייען, דערהויבען צו דער הויך פון דער גאָרדאָניסטישער אַרבייטס-ציוניסטישער אויפפאַסונג! — אָט דאָס איז דער צוועק פון „ויתקיניה". דער וועג — זעלבסטבייספּיעל, זעלבסטערציהונג, בונטאַרישקייט, עקשנות, קאָמפּראָמיסלאָזיגקייט.

אין צענטער פון פעראינטערעסירונג געפינט זיך אין „ויתקיניה", אין הסכּם מיט די געבאָטען פון גאָרדאָניזם, דער יחיד, דער געזעלשאַפטליך-נוצליכער יחיד. אַ יחיד, וואָס איז געהעריג צוגעגרייט צו זיין רעאַליזאַציע-פּראָצעס, אַ יחיד, וואָס זאָל אויף אונזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק קוקען דורכ'ן פּריזמאַט פון אידעאַליזם, וואָס זאָל זיין אויף אַ סינטעטישען אופן גייסטיג און פיזיש ענטוויקעלט און וועלכער זאָל זיין דערביי געזעלשאַפטליך אַקטיוו. אָט דעם דאָזיגען יחיד ערציהען צום גרויס-ציוניזם, וואָס וויל אויסלייזען נישט נאָר דעם קלאַס, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק, וועלכעס דאַרף בעפרייט ווערען דורך דער שעפּפערישער טהאַט פון חלוץ, פון דעם חלוץ, וועלכער דאַרף זיין, לויט א. ד. גאָרדאָנ'ען, „החלוץ העובר לפני כל העם", וועמענס פיזישע גרייטקייט איז פעראייניגט מיט קולטורעלער ערציהונג, באַזירט אויף אַ ענטשפּרעכענדען וויסען און קודם-כל אויפ'ן יודישען וויסען, געשטיצט אויף די מקורות פון יודענטום.

פאַר „ויתקיניה" איז די פערענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַ לעבענס-אויפגאַבע פון דעם יחיד. דורכ'ן פּרט צום כלל! אין

הסכם מיט דער שטרעבונג צום גייסטיגען אַריסטאָקראַטיזם אינערהאַלב דער אַרבייטס-בעוועגונג, צו מקורות׳דיגער יודישער מאָראַל, צום אמת׳דיגען גאָרדאָניזם, ערציהט „ויתקיניה״ איהרע חברים צו אהבת ישראל. נישט סתם צו אַ פשרות׳דיגען שלום-בית, נאָר טאַקע צו אַ ערליכען מיינונגס-קאַמף, אין וועלכען עס זאָל אָבער תמיד אָבגעהיט ווערען די געגענזייטיגע אַכטונג און לאָיאַליטעט און וואָס זיינע גרעניצען זאָל בילדען דער געזונדטער פאָלקס אינטערעס און פאָלקס-ליעבע. מיר זעגען איין פאָלק און מיר האָבען נאָר איין שונא — דעם פאַראַזיטיזם. „ויתקיניה״ שטרעבט נישט צו פאַציפיקאַציע אין ציוניזם נאָר צוליעב אַקטועלער קאָניונקטוראַלער נויטווענדיגקייט, נאָר קודם-כל אַלס געבאָט פון יודישער געשיכטע, צו וועלכער דער ציוניזם דאַרף מוסיף זיין דעם נויטווענדיגען קאָרעקטיוו: פערשטענדיגונגס-פּרינציפּ און נאַציאָנאַלע דיסציפּלין.

„ויתקיניה״ ערציהט ציוניסטישע ענטוזיאַסטען. נישט פריהצייטיג פערוועלקטע שטערענס מיט׳ן יודעשליכען קנייטש, נישט פערחושכ׳טע יוגענדליכע, וואָס שמערצען כסדר דעם אונענדליכען וועלט-שמערץ, נאָר מענשען, דורכגעדרונגענע מיט׳ן גלויבען אין דעם אייגענעם „איך״, מענשען, וואָס שעפען פון דעם אייגענעם ציעל-בעוואוסטזיין לעבענס-לוסט און גליק.

„ויתקיניה״ ערציהט אַ מאָראַליש-געזונדטען יוגענדליכען. איהרע פערפליכטענדע 10 מידות, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנסטיטואירענדער מועצה פון „ויתקיניה״ אין סולעיוב (יולי 1933) זענען פאָלגענדע: אַ חבר פון „ויתקיניה״ איז: 1) ערליך, אויפריכטיג, העפליך און דיסציפּלינירט; 2) דיענט זיין פאָלק דורך חלוצישער הגשמה עצמית און ציוניסטישער פעראַנטוואָרטליכקייט; 3) פליכט-בעוואוסטזיניג און געזעלשאַפטליך-נוצליך; 4) לעבט זיך אויס אין דער קבוצה, אַלס דער איינציגער קאָלעקטיוויסטישער לעבענס-פאָרם; 5) אַ פריינד פון יעדען מענש, סאָלידאַריזירט זיך מיט ליידענדע און אונטערדריקטע, קעמפט פאַר גלייכהייט און סאָציאַלער גערעכטיגקייט; 6) קאָמפּראָמיסלאָזער פערווירקליכער פון אַרבייטס-ציוניזם אין דער אויפפאַסונג פון א. ד. גאָרדאָן און יוסף ויתקין; 7) אַ העברעאיסט אין אייגענעם טאָג-טעגליכען לעבען און אַ העבּרעאיזאַטאָר פון דער אומגעבונג; 8) לעבט זיך איין און פערבינדעט זיך מיט דער נאַטור; 9) פרייליך און רירעוודיג, מאָראַליש און פיזיש געזונדט; 10) איז אַ געטרייער און אָפּפערוויליגער חבר פון דער ציוניסטישער אַרבייטס-פאַרטיי „התאחדות״.

שטעלענדיג זיך אַלס ציעל קאָמפּראָמיסלאָז פאַרטצוועצען די ליניע פון קולטורעלער, פּאָליטישער און סאָציאַל-ווירטשאַפטליכער אַרבייט, אַזוי ווי די דאָזיגע ליניע איז אָנגעצייכענט געוואָרען דורך דעם שעפער פון דער חלוצבעוועגונג יוסף ויתקין און דורך דעם גרויסען חלוצישען מגשים א. ד. גאָרדאָן, בעטראַכט „ויתקיניה״ די חלוציש-גאָרדאָניסטישע לעבענס-אויפפאַסונג נישט אַלס ראַהם, אין וועלכער עס קאָן אַריינגעפּאַסט ווערען אַ פערשידנאַרטיגער — פון קאָמענטאַרען און דערגענצונגען בעשטעהענדער —

תוכן, נאָר זי בעטראַכט די גאָרדאָניסטישע לעהרע אַלס אַ אָרגאַנישע לעבענס־אַקטועלע גאַנצקייט, וואָס איז אינגאַנצען צוגעפּאַסט צו דער איצטיגער ווירקליכקייט.

„ויתקיניה" שטרעבט צום אָבהיטען פון דער חלוצישער בעוועגונג פון אַ אידעאישער ירידה, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער גייסטיגער פערפלאַכונג, קלאַסען־סאָציאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע און קאָניונקטור־איינשטעלונג. „ויתקיניה" ערציהט איהרע חברים אין גייסט פון דער קבוצה און פאָלקס־סאָציאַליזם. בעקעמפענדיג דעם רעוויזיאָניזם שטרעבט „ויתקיניה" גלייכצייטיג צו אַ פולבלוטיגען חלוציש־פערווירקליכטען גרויס־ציוניזם, וואָס דאַרף לעזען די יודען־פראַגע.

נעגירענדיג יעדע מין קלאַסען־טענדענצען סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס, אנערקענט „ויתקיניה" אַלס דעם איינציגען וועגווייזער דעם זעלבען וועגווייזער, וועלכער האָט בעגלייט די צעירי־ציון־בעוועגונג אין משך פון איהר דרייסיג־יעהריגער אידעאָלאָגישער עקזיסטענץ: נישט דעם טעאָרעטישען פלפול און מכלומרשטען סאָציאַליזם־ראַדיקאַליזם, נאָר די ממשות'דיגע *שאַפענדע מעשים* און אויפריכטיגע און גערעכטע אָבשאַצונג פון געשעהענישען און טהאַטען. דער דאָזיגער וועג־ווייזער פיהרט טאַקי אויך די „ויתקיניה"־יוגענד אויפ'ן אַלטען אויסגעטראָטענעם וועג פון דער התאַחדות־פּאַרטיי: דעם וועג פון ערציהערישער און העברעאישער אַרבייט אין פאָלק, דעם וועג פון אַ אינטעגראַלען ציוניזם, חלוצישער טהאַט און פערזענליכער פערווירקליכונג.

און שרייטענדיג אויף דעם דאָזיגען גראָדליניגען וועג איז די התאַחדות'ישע „ויתקיניה"־יוגענד פערקוקט אויף איהר בלוי־ווייסער פאָהן, אויף וועלכער עס זענען אויסגעקריצט די זעלבע ווערטער, מיט וועלכע יוסף ויתקין האָט מיט 30 יאָהר צוריק גערופען די יודישע יוגענד צו עליה און אַרבייט:

„שטעהט אויף, וואַכט אויף, איהר יונגע יודען, קומט העלפען דאָס פאָלק! אָרגאַניזירט אייך, נעהמט אויף אַנ'אייזערנע דיסציפּלין: אַ דיסציפּלין פון לעבען און פון טויט און קומט צו הילף דאָס פאָלק! בעוואָפענט אייך מיט אַ אונבעגרעניצטער ליעבע צום לאַנד און צום פאָלק, מיט דער פרייהייטס־ און אַרבייטס־ליעבע, מיט אַ אויסדויער אָהן אַ סוף און קומט!"

מרדכי בויער

„בוסליה"

„בוסליה", די יוגענד-אָרגאַניזאַציע פון דער פעראייניגטער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פאַרטיי „התאַחדות-פועלי-ציון" אין מזרח-גאַליציען, פון צ. ס. „התאַחדות" אין מערב-גאַליציען און קאָנגרעס-פוילען און פון צעירי-ציון אין רומעניען איז ענטשטאַנען און האָט זיך ענטוויקעלט פון דער אַמאָליגער „התאַחדות" אין מזרח-גאַליציען. אויסגעבילדעט פון די חלוצישע טענדענצען און פונ'ם שטאַרקען אַקטיוויזאַציע-דראַנג האָט „בוסליה" דורכגעמאַכט די אינערליכע אידעאישע עוואָלוציע צו דער פעראייניגטער צ.ס.-פאַרטיי. היינט צו טאָג בילדעט זי איהר אָרגאַניזירטען הויפט-כוח. זייט אַ געוויסער צייט מאַכט „בוסליה" דורך איהר אייגענע ענטוויקלונג; זי ענטוויקעלט זיך צו אַ אויסגעשפּראָכענער יוגענד-אָרגאַניזאַציע, פעריוגענדליכט זיך אין יעדען זין; מאַכט דורך אַ פּראָצעס פון קריסטאַליזאַציע הן אויף אָרגאַניזאַטאָרישען און הן אויפ'ן ערציערישען געביעט. דער געוואַלדיגער וואוקס אין די לעצטע יאָהרען, (אין מזרח-גאַליציען אַליין צעהלט זי איבער דריי טויזענד חברים אין אַ הונדערט פופציג סניפים), האָט געבראַכט צו אַ פערשנעלערונג פון דעם דאָזיגען פּראָצעס.

אויסגעוואַקסען אין דער פאַרטיי איז „בוסליה", אַלס יוגענד-אָרגאַניזאַציע, נישט קיין סתם רעזערוואואַר פאַר איהר, נישט קיין אָפּעראַציע-באַזע. דער ציעל פון דער פאַרטיי איז דער ציעל פון „בוסליה". זי איז זיין מיטבאַשטימערין און מיטטרעגערין. אידעאיש, פּראָגראַמאַטיש און אָרגאַניזאַטאָריש בילדעט זי מיט דער פעראייניגטער צ.ס.-פאַרטיי אַ אונטיילבאַרע איינהייט. אַקטיווער ציוניזם און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם זענען איהרע הויפט-פּאָסטולאַטען. דערציערישע גענויסט זי פון פולער אויטאָנאָמיע, וועלכע די פאַרטיי, זאָרגענדיג פאַר אַ יונגען דור פון מוטיגע קעמפער און בויער העלפט אויסצובויען. דער גייסט, אין וועלכען „בוסליה" דערציהט, דער וועג, וועלכען זי ווייזט איז דער וועג פון טהאַט, פון חלוציות אין ארץ-ישראל און אין גלות. ער ווערט בעשטימט אויס דער דאַגה פאַר דעם יוגענדליכען, אויס זאָרג פאַר דער צוקונפט פונ'ם יודישען פאָלק.

זעהר שווער ליידט פון היינטיגען קריזיס די יוד. יוגענד. דער קריזיס ווערט פערשארפט דורך דער אלגעמיינער אונזיכערקייט פונ'ם יוד. לעבען, דורך נאציאנאלער אונטערדריקונג. ביי א גלייכצייטיגער אבגעריסענקייט, ווארצלאזיגקייט איז אויך די געפאהר פון דעגענעראציע אדער פאסיוויזאציע, פונ'ם פערלוירען-גיין פון דער יוגענד, אלס בויענדען און צוקונפט-שאפענדען פאקטאר, פיעל גרעסער.

דער איינציגער אויסוועג איז דער וועג פון טהאט, דער וועג פון שעפערישען קאמף פאר'ן סאציאליזם, און אין יודישען לעבען פאר ציוניסטיש-סאציאליסטישער פערווירקליכונג. חלוציות גיט דעם יוגענדליכען צוריק זיין פערלוירענע גלייכגעוויכט, גיט זיין לעבען א ציעל, ווייזט איהם א פעלד פון ארבייט און שאפען. חלוציות, אלס דעם היסטארישען וועג פון דער יודישער יוגענד, האבען שוין פון לאנג ערקענט גרויסע טיילען זיינע. „בוסליה" שטרייכט איהם נאך בעזונדערס אונטער, אלס דעם וועג פון אונזער דור. דעריבער אויך, שטרעבענדיג צו חלוציות, האט זי אין דער ערשטער רייהע אין זינען די קבוצה.

די קבוצה, און דוקא די קבוצה, היט אב די אינדיווידועלע ווערטען פונ'ם יחיד, לערנט אכטען און אבשאצען דעם ווערט פונ'ם צווייטען מענשען, לערנט איהם בשותפות מיט אנדערע ארבייטען און שאפען, איבערצייגט איהם איבער זיין אייגענעם ווערט און זיין אייגענער בעדייטונג. די קבוצה שטעלט צוריק זיין פערלוירענעם גלייכגעוויכט-געפיהל, דערפיהרט צו א הארמאניע זיין געלטונגס- און געמיינשאפטס-שטרעבען, ענטוויקעלט אין איהם אויף אזא אופן נייע שאפונגס-כוחות און פערשאפט איהם נייען לעבענס-פרייד. זי בילדעט אויס געזונדטע מענשען און זייער ציוניסטיש-סאציאליסטישער אויפפאסונג און אין זייער טהאט.

„בוסליה" שטרעבט צו מאכען די קבוצה פאר דעם וועג פון דער יודישער יוגענד און אויך פאר דער, וואס האט נישט דורכגעמאכט די דערציאונג פון די פריהסטע יאהרען אין א יוגענד-ארגאניזאציע. „בוסליה" וויל זי מאכען פאר א אייגענטום אויך פון דער שוין דערוואקסענער יוגענד, וועלכע שטעהט אין מיטען פונ'ם לעבענס-קאמף, וואס ליידט אונטער דעם שווערען קריזיס. זי שטרעבט אויסצובויען פאר דער קבוצה א מאסען-רעזערוואר, בכדי זי זאל איהר אויפגאבע, אלס אוואנגארד-בעוועגונג פון נאציאנאלער און סאציאלער בעפרייאונג פון יחיד און פאלק, דערפיעלען.

צוזאמען מיט „גורדוניה", ארגאניזירט אין די ראהמען פון „אחוד-הקבוצות" — דער פערלענגערטער פראנט פון חבר הקבוצות אין ארץ-ישראל — פיהרט „בוסליה" די דאזיגע חלוציש-דערציערישע ארבייט, ארייננ-ברענגענדיג נייע ווערטען אין דעם אלגעמיינעם אוצר פון דער חלוצישער בעוועגונג.

אינאיינעם אבער מיט אונזער ציוניסטיש-סאציאליסטיש אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל טאר מען זיך נישט דערווייטערען פון דער גלות-פראבלע-

מאַטיק און פון איהר זיך ענטפּרעמדען. מ׳טאָר נישט אַריינפאַלען אין גלות־נעגאַציע. די יוגענד קאָן זיך נישט זאָגען: דאָ ערציהען מיר זיך — און דאָרט פערווירקליכען („פּה מתחנכים ושם מגשימים״). ארץ־ישראל און גלות זענען אייניג פערבונדען און קאָנען נישט פונאַנדערגעטיילט ווערען. אויך דאָ האָט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער קאַמף אַ זין, אויך דאָ איז ער אַ נויטווענדיגער. יודען לעבען אין גלות, גרויסע טיילען וועלען אויך להבא ווייטער לעבען. אַלע עראָבערונגען אין גלות זענען, אמת, פּאַליאַטיווען לגבי דער ארץ־ישראל׳דיגער הויפּט־לעזונג, זיי זענען אָבער נויטיגע פּאַליאַטיווען. ארץ־ישראל שעפּט כּחות פון גלות. אויב מ׳וויל דאָס פאָלק געוואונען פאַר׳ן ציונ. סאָצ. אויפבוי־ווערק מוז מען מיט איהם לעבען און אנטיילנעהמען אין זיין טאָג־טעגליכער ראַנגלעניש. אַנדערש וועט דאָס פאָלק גיין קיין א״י נאָר אין צייטען פון הויכקאָניונקטור דאָרט, און דעפּרעסיע דאָ אין גלות. אָבער אָהן דעם פאָלק וועלען מיר ארץ־ישראל נישט אויפבויען.

דער ציוניסטישער סאָציאַליזם אין גלות איז נישט קיין פראַגע פון בלויזער אידעאישער דעקלאַראַציע. דאָס וואָלט געווען אין אַ סתירה מיט איהר גאַנצער אויפפאַסונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען און טהאַט. זי זעהט איהר טעטיגקייט אין דער אַרבייט פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדען, אין די פלוגות־הכשרה, אינ׳ם פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, אין קאַמף פאַר בעסערע אַרבייטס־בעדינגונגען און העכערען לוין, אין פּאָליטישען קאַמף פאַר מעהר פרייהייט, פאַר עקזיסטענץ־מעגליכקייטען פאַר׳ן יודישען פאָלק. מיט דער פּאַרטיי פיהרט זי אָן אין ממשות׳דיגע אויפטריטען, פערלירט דערביי נישט די ברייטע פּערספּעקטיוו און די קליינליכקייטען פון טאָג־טעגליכען מאַטער־ניש, זי דערציהט צום הערָאָיזם פון אַ טאָג־טעגליכער אַרבייט.

די טאָטאַליטעט אינ׳ם אויפפאַסען פון דער יודען־פראַגע — גלות און ארץ־ישראל, — פון חלוציות, אַלס פערזענליכע לעבענס־לעהרע און ציוניס־טישען פּראָגראַם — איז דער יסוד, אויף וועלכען ס׳שטיצט זיך די דערצי־אונג פון „בוסליה״; חלוציות, אַלס פערזענליכע לעבענס־וועג פון אַקטיוויטעט און איבערגעבענקייט דער געמיינשאַפט, אַלס פּלאַן־פולער קאַמפּס־וועג פאַר עקזיסטענץ און פרייע ענטוויקלונג, פאַר צ.ס.־פערווירקליכונג אין ארץ־ישראל און גלות.

דער בעזונדערער וועג פון „בוסליה״ איז נישט קיין רעזולטאַט פון ריין־טעאָרעטישע בעטראַכטונגען און פונאַנדערזעצונגען מיט אַנדערע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס. ער איז בעשטימט געוואָרען דורך דער לאַגע פון דער היינ־טיגער יוגענד בכלל און דער יודישער בפרט, וועלכע האָט געשאַפען דעם אידעאָלאָגיש־פּראָגראַמאַטישען און דעם ערציהערישען וועג פון „בוסליה״.

ז. ריינאוויטש

„בני-הנביאים"

עס איז אַ איבעראַל פערשטענדליכע זאַך, אַז וועלענדיג בעוועגען אַ דערוואַקסענעם יחיד פאַר אַ וועלט מאַסשטאַבליכע אידעע, דאַרף מען פריהער צושטערען זיינע אַלט איינגעבירגערטע דענקונגס-נאָרמען, אויף וועלכע ס'איז אויסגעבויט זיין ביז יעצטיקער וועלט-קוק, אַריינדרינגען ממש אין די אונטערערדישע קעלערען פון זיין ספעציפישקייט און פסיכיק און פון דאָרט ערשט אַרויסרופען די געוואונשענע רעאַקציע.

ביי דער יוגענד דאַגעגען קען מען דאָס זעלבע דערגרייכען אויף אַ פיל לייכטערען און סיסטעמאַטישערן אופן — אויפ'ן וועג פון ערציהונג.

פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגעהענדיג האָט זיך יעדע פאַרטיי אויף דער ציוניסטישער גאַס, ווי ווייט מעגליך, אויסגעבויט אַ יוגענד-אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף מיט זיך פאָרשטעלען די יונגע קאַדרען פון דער פאַרטיי-צוקונפט.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די רעליגיעז-סאָציאַליסטישע בעוועגונג, וועמענס גאַנצער אידעאָלאָגיש-פראָגראַמאַטישער בעוואוסטזיין איז באַזירט אויפ'ן פינטעלע עטיק, וואָס וואוינט בחדרי-חדרים פון מענשענס האַרץ און וועלכע שטרעבט צו עררייכען דעם מענשהייטס ווידערגעבורט דורכ'ן איבערבוי פון דער מענשליכער פסיכיק, האָט נישט געקענט און געטאָרט זיין קיין אויסנאַהם אויף דעם געביט, און געמוזט אין פולער אחריות-בעוואוסטזיין פאַר דער עטיש-סאָציאַלער צוקונפט שאַפען אַ יוגענד-אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל דורך ערציהערישע מעטאָדען אויפמערקזאַם מאַכען דעם יוגענדליכען אויף די וועגען און אומוועגען פון לעבען, איהם אויסלערנען ניכטער צו אַנאַליזירען דעם ווילדען לויף פון די אַרומיגע אומשטענדען — און דאָס עיקר'סטע-גלייך נישט דערלאָזען אָנוואַקסען אויף דער יוגענדליכער פסיכיק דעם זשאַווער פון געלד- און מאַכט-גייציגקייט.

„בני הנביאים" איז נישט בלויז אַ „דת ועבודה" אין מיניאַטור, נאָר אויך אַ ערגענצונגס-שולע, וואו עס ווערט געפלעגט און איינגעאיבט אין

דער יוגענדלעכער פיהלבאַרקייט דער רעליגיעזער און עטישער מאָמענט פון לעבען. אינערהאַלב דער רעליגיעזער ערציהונג לעגען מיר אַ שטאַרקען טראָפּ אויף דער עטישער זייט, וועלכע איז אַזוי נאַטירלעך מחייב צו די העכסטע הומאַניטאַרע אידעאַלען.

מיר קענען נישט מסכּים זיין מיט דער „פרומער" ערציהונג פון אַלע אַנדערע רעליגיעזע פּאַרטייען אויף דער יוד. גאַס, ווייל זי איז דעוואָציאָ-נעל, איינזייטיגער, אויך עטישע נאַטירליכקייט און איגנאָרירט גענצליך דעם לעבעדיגען מיין פון דער נביאים-עטיק. מיר בעקעמפען איהר דעריבער מיט'ן זעלבען אייפער, וואָס מיר בעקעמפען אַלע אַטעאיסטישע ערציהונגען, ווייל ס'איז נישט קיין אונ-טערשיעד, צו איינער פערשפעטיגט זיך צו דער באַן מיט אַ שעה צו איינער מיט אַ מינוט;ביידע פאַהרען שוין נישט...

אדרבא, — דאָס, וואָס די ערציהונגען פון אַנדערע רעליגיעזע אָרגאַ-ניזאַציעס זענען צו אונז מיט אַ שטאַפּעל נעהנטער און פערשפּעטיגען זיך, איז אונז נאָך מחייב צו אַ גרעסערער וואַכזאַמקייט און צו גרעסערע בע-וואָרעניש ען לגבי זיי, ווי געגען די פרייזיניגע ערציהונגס-אָרגאַניזאַציעס, ווייל די ערשטע זענען גיכער עלול צו פערדעקען און פערריקען אין אַ זייט אונזער אמת, ווי די לעצטע.

דאָס עיקר'סטע שטרעבען פון „בני הנביאים" איז איבערצואַנדערשען אויפ'ן וועג פון ערציהונג די פיזיאָנאָמיע פון עפענטליכען לעבען, צו פער-פאַסען איהם אין אַנדערע געזעלשאַפטליכע ראַהמען, אין ראַהמען פון די נביא'ישע גלייכהייטס-אידעאַלען. מיר ווילען עס זאָל נישט זיין קיין שעבוד ונצול, איין מענש זאָל נישט זיין דער רויב-מאַטעריאַל פאַר דעם צווייטען, עס זאָל פערשוואונדען דער בעגריעף פון homo homini lupus est און דאָס לע-בען זאָל נישט זיין קיין יאַגד פון פרנסה, נאָר זאָל טראָגען דעם חותם פון אונזער נביאים-עטיק און גלייכהייטס-שוואונג.

דאָס וואָרט לעבען דאַרף זיין דער בוכשטעבליכער סינאָנים פון גליק און דאָס קען ערמעגליכט ווערען נאָר ביי אַ עטישע רעליגיעז-סאָ-ציאַליסטישער אָרדנונג.

די נביאים זענען דאָס געווען די ערשטע, וועלכע האָבען בעוויזען זיך צו דערהויבען איבער דער לויפענדער ווירקליכקייט און האָבען פאַר-אויסגעזעהען, אַז דער „אחרית הימים" וועט סוף-כל-סוף מוזען ברענגען די סאָציאַלע גלייכהייט פאַר דער גאַנצער וועלט, וועלכע וועט זיך זאָגאַר (צווי-שען אַנדערע) אויך באַזירען אויף דער שפּראַכליכער איינהייט פון אַלע פעלקער.

די נביאים און זייערע אַלע פערשיעדענאַרטיגע ראָלען האָבען גלייכ-צייטיג קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין די פאָלקס-טריבונען, וועלכע האָ-בען געמאָהנט פאַר די בעגאַנגענע עולות לגבי דעם אָרימען און געקוועלטען.

זיי האָבען געמונטערט דעם סאָציאַלען געוויסען ביי די רייכערע קלאַ-סען און הערשער.

אין נאָמען פון זייער התגלות אלוקים האָבען זיי געפאָדערט צו רע-

ווידירען די דורך דעם בלינדען צייט־לויף געשאַפענע פאָרמען פון צבור לעבען און יודישער מלוכה׳שאַפט.

אָט די דאָזיגע נביא׳ישע אידעאַלען, וואָס ציעלען אונטערצוברענגען דעם שעבוד ונצול און שאַפען אַ אָרדנונג, געשטיצט אויף אַלמענשליכער איינ־הייט און עטישען יושר, שטרעבען די „בני הנביאים" דורך ערציהערישע מיטלען אַריינצוברענגען אין דער היינטיגער פאַרבלאָזער ווירקליכקייט. שטי־צענדיג זיך בלויז אויף דער עטישער עמפפינדליכקייט פון דער מענשהייט שטרעבט דער רעליגיעזער סאָציאַליזם, וועלכער האָט זיין אורשפּרינגליכקייט אין די נביא׳ישע דירעקטיוועז, געזונד צו מאַכען די יסודות פון דער גע־זעלשאַפטליכער אָרדנונג.

„בני הנביאים" קעמפען פאַר דער איבערפאָרמירונג פון עפענטליכען און ממילא פון יחיד׳ישען לעבען אין זין פון דער נביאים־עטיק, פאַר דער פערפולקאָמונג און האַרמאָנישען צוזאַמענהאַנג פון מענשענס פיזישער קראַפט און זיין גייסט.

אין דער ערשטער רייהע קעמפען „בני הנביאים" פאַר דער רעאַליזי־רונג פון ציוניסטישען געדאַנק, ווייל דער עטיש־סאָציאַלער איבערבוי פון יודישען פאָלק קען נאָר ווערען פערווירקליכט אין די ראַמען פון יודישער מלוכהשאַפט אין א"י.

דער חלוציש־פיאָנערישער אידעאַל איז דעריבער דער הויפט־ציל פון דער יודישער רעליגיע אין איהר היינטיגער פערדאָגמאַטיזירטער פאָרם, נאָר אויך דער אונאָבוועגדבאַרער בעדינג צו דעם ווייטערדיגען קיום און ענטוויקלונג פון יודישען פאָלק סיי אויפ׳ן סאָציאַל־פּאָליטישען סיי אויפ׳ן עקאָ־נאָמיש־ווירטשאַפטליכען געביט.

אויך אויפ׳ן געביעט פון פיזישען רענעסאַנס פערשפּרייטען „בני הנביאים" צווישען דער רעליגיעזער יוגענד, וועלכע איז גענצליך אָבגעשטאַ־נען אויפען געביעט פון ספּאָרט, דעם געדאַנק, אַז דאָס מבטל מאַכען אָדער נישט דערשאַצען די ווערט פון גוף, אַז דאָס נישט בענוצען זיך מיט די פיזישע מיטלען, וועלכע פיהרען צו דער קערפּערליכער ענטוויקלונג הייסט: אַ שטופּענווייזע זעלבסטמערדעריי. דרך־ארץ פאַר׳ן קערפער צוגלייך ווי פאַר דער נשמה! זאָל לעבען ספּאָרט!, ווייל „נאָר אין אַ געזונדטען קערפער וואוינט אַ געזונדטע נשמה". דער מענש, וואָס ענטוויקעלט זיך נישט פיזיש פערוואַנדעלט בידים זיין לעבען אין אַ מינאַטור פון טויט.

דאָס לעבען אין זיינע קערפערליכע, אַלצאיינס ווי אין זיינע רעליגיעזע און גייסטיגע פאָרמען איז אומבעריהרליך, הייליג.

אָט דאָס זענען די דרייסטע אידעאָלאָגישע ווערטער, וואָס די „בני הנביאים" האָבען טהאַטזעכליך אַריינגעטראָגען אין דער יודישער גאַס. מ׳קען האָפען, אַז דער דאָזיגער יונגער, קוים חדשים צעהלענדער אָרגאַני־זאַציע, וועט געלונגען צו ווערען אַן׳עמוד־התוך אין דער עפענטליכער טאָן־געבערישקייט פון יודישען יוגענד־לעבען.

דינאַ מאָושאָוויץ

וו. י. צ. א.

עס איז אַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, וואָס באַלד פון איהר געשיכטליכען אָנהויב איז צו דער ריזיגער פריי־הייטס־ און אויפלעבונגס־אידעע צוגעצויגען געוואָרען די יודישע פרוי. עס אונטערליעגט קיין שום ספק נישט, אַז די יודישע פרויען־וועלט האָט די דאָזיגע, מיט 40 יאָהר נאָך צוריק טעאָרעטישע גלייכבערעכטיגונג פון דער פרוי אויף אַלע געביעטען פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און ארץ־ישראל־אויפבוי, צו פערדאַנקען אונזער אונשטערבליכען מנהיג, טעאָדאָר הערצל, וועל־כער האָט אין אָנהויב פון זיינע אַרטיקלען „די פרויען און דער ציוניזם״, טראַוועסטירענדיג די בעקאַנטע אמרה פון גלח סעיע וועגען דער בעדייטונג פון דריטען שטאַנד אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, געזאָגט: וואָס קע־נען די פרויען און וואָס זאָלען זיי זיין פאַר דער ציוניסטישער בעוועגונג? אפשר אַלץ. און אויב אונזער אַגיטאַציע וועט געפינען דעם ריכטיגען וועג, וועט דאָס אויך צו דעם קומען״.

הערצל האָט אַ דאַנק זיין גאון׳ישען פערנונפט און נביא׳ישען בליק פערשטאַנען, אַז אַ נאַציאָנאַלע פרייהייטס־בעוועגונג, אויב זי זאָל האָבען דעם גרויסען שוואונג און דעם גרויסען ערפאָלג אין דער מענער־וועלט, מוז אויך אַריינציהען מיט זיך די פרויען־מאַסען, וועלכע טראָגען דאָך אויס אויף זייערע פלייצעס די העלפט פון די טאָג־טעגליכע צרות און דאַגות.

אויף דער ריכטיגקייט פין הערצל׳ס ווערטער האָבען מיר נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטען. די פערווירקליכונג פון דער ציוניסטישער אידעע — די ערשטע דריי עליה־שטראָמען האָבען בולט בעוויזען, אַז די פרוי קאָן זיין פונקט אַזאַ קאָנסטרוקטיווע און פאָזיטיווע קראַפט אין דעם אויפבוי־פראָצעס, ווי דער מאַן. מען דאַרף זי נאָר אָרגאַניזירען, בעוואוסטזיניג מאַכען און צוגעוואוינען זי צו געזעלשאַפטליכער אַרבייט, פון וועלכער זי איז כל ימיה געווען אָבגערוקט צוליעב איהרע פליכטען פאַר דער משפחה, מאַן און קינדער.

מען האָט נאָר געדאַרפט, לויט די ווערטער פון הערצל'ען, געפינען די פּאַסיגע וועגן פון אַגיטאַציע, געפינען די ווערטער, וועלכע זאָלן טרעפן צום האַרץ פון דער יודישער פרוי, וועלכע נעהמט אויף אַלע לעבענס-ערשיינונגען גיכער מיט אינטואיציע און אינסטינקט, ווי מיט פערנונפט.

30 יאָהר האָבען געוואָרט די יודישע פרויען-מאַסען אויף זייער אָרגאַניזירונג — ביז אַ גרופּע בעוואוסטזיניגע, ציוניסטיש-געשטימטע פרויען האָט זיך געשטעלט די וויכטיגע און פונדאַמענטאַלע אויפגאַבע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג צו אָרגאַניזירען די נאַציאָנאַלע פרויען-מאַסען. און היינט, נאָך 15 יאָהר אונערמידליכער אַרבייט האָבען זיי זוכה געווען, זייענדיג מיטגליעדערינס פון דער אַלוועלטליכער ציוניסטישער פרויען-אָרגאַניזאַציע וו.י.צ.א., זיין די פּיאָנערינס און העלפערינס פון דעם ארץ-ישראל-אויפבוי.

די גרויסע אַלוועלטליכע פרויען-אָרגאַניזאַציע, וועלכע צעהלט היינט צו טאָג 60.000 אָרגאַניזירטע מיטגליעדערינס אין דער גאַנצער וועלט, האָט זיך געשטעלט אַלס איהר קאַרדינאַלער ציעל פון איין זייט: פיהרען אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבייט צווישען די ברייטע פרויען-מאַסען, כּדי זיי צו געווינען פאַר דעם נאַציאָנאַלען אויפלעבונגס-געדאַנק, און פון דער צווייטער זייט — צו פּראָדוקטיוויזירען די יודישע פרויען-מאַסען, וועלכע, זייענדיג געצוואונגען צו אַקלימאַטיזירען זיך אין נייע שווערע לעבענס-בעדינגונגען, דאַרפען זיי זיין סיי גייסטיג, סיי פאַכמענניש צום נייעם לעבען צוגעוואוינט. די אַלוועלטליכע וו.י.צ.א.-אָרגאַניזאַציע האָט אויך פערשטאַנען, אַז כּדי צו שאַפען אַ בעוועגונג, אַ אָרגאַניזאַציאָנעל לעבען מוז זיך אויך געפינען אין איהרע רייהען אַ יוגענד, וועלכע דאַרף ערשטענס בילדען דעם נאָכוואוקס פון דער אָרגאַניזאַציע-מוטער, און צווייטענס — פיהרען אַ נאַציאָנאַל-ערציהערישע אַרבייט אין די רייהען פון דער פרויען-יוגענד, וועלכע איז לויט איהר נאַטור מעהר פאַסיוו, ווי די מענער-יוגענד און וועניגער עמפּינדליך אויף אַלע ערשיינונגען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

די פראַגע פון דער אָרגאַניזירונג פון דער יוגענד איז געוואָרען איינע פון די צענטראַלע פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער פרויען-בעוועגונג. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ יונג-וו.י.צ.אָ.-אָרגאַניזאַציע, אַ טאָכטער-אָרגאַניזאַציע פון דער וו.י.צ.אָ. מיט דער צענטראַלע אין ווין, וואו עס האָט זיך שוין געפינען פריהער אַ ריין-ציוניסטישע פרויען-יוגענד-אָרגאַניזאַציע „מרים", וועלכע האָט געהאַט עטליכע קרייזען אויפ'ן אייראָפּאַ-קאָנטינענט. דאָס איז געווען מיט 9 יאָהר צוריק. דער גרונד-פּראָגראַם פון דער דאָזיגער יוגענד-בעוועגונג איז דעמאָלט געבויט געוואָרען אויף די זעלבע אידעאָלאָגישע יסודות, ווי די וו.י.צ.אָ.-בעוועגונג, די מעטאָדען אָבער פון דער אַרבייט זענען געווען פערשיעדענע.

דער געוויכטס-פונקט אין דער יונג-וו.י.צ.אָ.-בעוועגונג איז געווען אין די ערשטע יאָהרען פון איהר ענטשטעהונג — די ערציהערישע אַרבייט צווישען דער אינדיפערענטער פרויען-יוגענד, וועלכע איז געווען ביז

דאַן אַסימילירט און נישט אַרויסגעוויזען קיין שום נטיה און פּעראינטערע־סירונג פאַר די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. מען האָט געלערענט יודישע גע־שיכטע, געשיכטע פון ציוניזם, די העברעאישע שפּראַך, מען האָט געאַרבייט פאַר די ציוניסטישע קרנות און געשטיצט פינאַנסיעל די וו.י.צ.אָ.־אַרבייטס־פּלעצער אין ארץ־ישראל. די אויפגאַבע פון דער בעוועגונג איז געווען — צו געפינען וועגען פון קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיגען און שאַפענדען ארץ־ישראל. די גרעסטע טייל אַרבייט אין דער בעוועגונג איז אָבער גע־ווען קאָנצענטרירט אויף דער זעלבסט־בילדונג און פּאָרבערייטונג פון דעם קרייז פערזאינטערעסירטע.

עס איז געווען נויטיג אונטערצושטרייכען דעם ריין־פעמיניסטישען כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע און מסביר זיין, אַז די יודישע פרוי, אַ חוץ דעם קאַמף, וועלכען זי דאַרף פיהרען פאַר די ציוניסטישע אידע־אַלען, מוז אויך פיהרען דעם קאַמף פאַר פרויען־רעכט, פאַר פרויען־אינ־טערעסען, וועלכע זענען דורך די מענער פערנאַכלעסיגט, פאַר זעלבסט־שטענדיגקייט און ענדליך, פון פעמיניסטישען שטאַנדפּונקט, פאַר דעם איינ־פלוס אויף אַלע געביעטען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

מען האָט אַפילו, כדי אויסצומיידען די אינערליכע רייבונגען, עלימי־נירט פון די יונג־וו.י.צ.אָ.־רייהען די ציוניסטישע פאַרטיי־פּאָליטיק, וועלכע מאַכט אָן אַזוי פיעל בייז בלוט אין די אַנדערע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס. מען האָט זי געשאַפען אַלס אינטערפראַקציאָנעל און אַזוי אַרום געגעבען די מעג־ליכקייט חברות פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען צו אַרבייטען ביי אַ גע־מיינזאַמען טיש און האָבען אויפ׳ן אויג נאָר די פראַקטישע אינטערעסען פון דער בעוועגונג.

די יונג־וו.י.צ.אָ.־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרען אַ מין דאַך־אָרגאַניזאַציע, וועגען וועלכער עס טרוימט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און קאָן עס עד־היום נישט דערגרייכען. די יונג־וו.י.צ.אָ. איז אַזוי אַרום געוואָרען אַ מוס־טער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געפּפלעגט דעם שלום, דעם פאַציפיזם, און וועלכע האָט געשטרעבט דעם דאָזיגען פּאָזיטיווען איינפלוס אויך אויסאיבען אויף אַנדערע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיגע לאָזונג פון שלום איז געווען איינע פון די אַלף־בית׳ען פון אונזער בעוועגונג. צוליעב אַזאַ אונערשיטער־ליכער שטעלונג זענען מיר געווען ביכולת אונזער גאַנצע ענערגיע פערווענ־דען אויף קאָנסטרוקטיווע צוועקען.

פון יאָהר 1931 זענען אָבער פאָרגעקומען אין דער יונג־וו.י.צ.אָ.־בע־וועגונג געוויסע אידעאָלאָגישע ענדערונגען, וועלכע האָבען געהאַט אַ שטאַר־קען שייכות מיט דער ענדערונג פון דער לאַגע אין ציוניזם איבערהויפּט.

אין 1932 האָט זיך אָנגעהויבען ווידער די עליה קיין ארץ־ישראל, אין אָנפאַנג, אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, שפּעטער — אין אַ פאָרם פון מאַסען עמי־גראַציע.

די יוגענד, וועלכע איז געווען אָרגאַניזירט אין דער יונג־וו.י.צ.אָ., האָט אָנגעהויבען אַלץ מעהר און מעהר טראַכטען וועגען אייגענער עליה,

די מיטגלידערינס האָבען געפאָדערט עליה־מעגליכקייטען; זיי האָבען געוואָלט איבערגעהן פון דער ראָל פון העלפער צו דער ראָל אויך פון פּיאָנערען. דאָס פּראָבלעם פון הכשרה און עליה האָט אָנגעהויבען צו זיין מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר אַקטועל און ברענענדער. עס איז פערשטענדליך, אַז אַמ׳בולט׳סטען איז געווען די פראַגע פון הכשרה און עליה אין פּוילען, ליטא, לעטלאַנד און אין אַנדערע מזרח־לענדער. די מיטגלידערינס האָבען אָנגעהויבען אַריינצוטרעטען אין פערשידענע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס פּראָבלעם איז געוואָרען אַזוי ברענענד, אַז עס האָט געמוזט געפינען ווערען אַ גיכע פּאָזיטיווע לעזונג אונטער דער דראָהונג פון אַ צוזאַמענבראָך פון דער בעוועגונג. די לעזונג אָבער פון דעם דאָזיגען פּראָבלעם איז נישט געווען לייכט צוליעב דעם אינטערפראַקציאָנעלען כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבען נישט געקאָנט מסכים זיין אויף דעם, אַז די יונג-וו.י.צ.אָ.-חברות זאָלען געהן אין פערשידענע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ פערגוואַלדיגונג פון אונזערע פּרינציפּיעלע יסודות.

עס איז געבליבען דער איינציג לאָגישער און קאָנסעקווענטער אויסוועג פון שאַפען אַ אייגענע יונג-וו.י.צ.אָ.-הכשרה, וועלכע זאָל האָבען איין ציעל פאַר זיך: נעמליך — אַ ציעל-עוואוסטע און פאַכמענישע הכשרה, וועלכע זאָל קענען אויסבילדען קוואַליפיצירטע כחות פאַר ארץ-ישראל, סיי פּראָפעסיאָנעל, סיי גייסטיג.

אַזוי אַרום איז די יונג-וו.י.צ.אָ.-בעוועגונג געוואָרען אַ ס י נ ט ע ז פ ו ן אַ ע ר צ י ה ע ר י ש - ח ל ו צ י ש ע ר אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, וואָרום די ביידע שטרעמונגען זענען היינט דער לייט-מאָטיוו פון דער בעוועגונג. מיר זענען היינט אין דער זעלבער מאָס פּיאָנערען, ווי העלפער, ווייל מיר פערשטעהן, אַז דאָס איינע קאָן אָהן דעם צווייטען נישט עקזיסטירען; ביידע טענדענצען זענען זייער וויכטיג, און די איינע איז די ערגענצונג פון דער צווייטער.

און ווען מיר רעדען וועגען הכשרה און עליה און וועגען פּיאָנערטום מוז מען אויך טראַכטען וועגען די פאָרמען, וועלכע זאָלען אויסגעקליבען ווערען דורך דער יונג-וו.י.צ.אָ.-יוגענד אין ארץ-ישראל. דאָס איז אויך אַ פּראָבלעם, וועלכע איז אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון די אויבענדערמאָהנטע פּראָבלעמען. אין אַלע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס איז קלאָר אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון אַ קבוץ אָדער מושב, ד. ה. עס זענען פאָראויס פעסטגעלעגט די לעבענס-פאָרמען פון דער עמיגרירענדער יוגענד אין ארץ-ישראל. אַלע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס געניסען פון דער הילף פון זייערע אָרגאַניזאַציעס אויך אין ארץ-ישראל; זיי זענען נישט עלענד, ווען זיי קומען אין לאַנד, זיי האָבען וואוהין זיך צו ווענדען וועגען אָנווייזונגען פאַר ן נייען לעבען, וועלכען זיי געהען בויען. אַזאַ מין מקום-מקלט ווערט אויך איצט געשאַפען אין ארץ-ישראל פאַר דער עמיגרירענדער יוגענד פון וו.י.צ.אָ.. עס זענען ראשית-כל געגרינדעט געוואָרען אין ארץ-ישראל יונג-וו.י.צ.אָ.-אָרגאַניזאַציעס, וועמענ׳ס אויפגאַבע עס איז צו האָבען אויפזיכט איבער די אָנקומענדע,

אָרגאַניזירן די חברות פון די שיפען, איינאָרדנען זיי אין די יונג־וו.י.צ.אָ־באַראַקען, וועלכע מיר האָבען אין תל־אָביב פאַר די עמיגרירענדע און ווי ווייט מעגליך בעזאָרגען זיי מיט אַרבייט, סיי אין שטאָדט, סיי אין דאָרף.

אַלס אַ ריינע פרויען־אָרגאַניזאַציע קענען מיר צוליעב פערשטענדליכע טעמים נישט רעדען וועגען יונג־וו.י.צ.אָ־קבוצים. דעריבער איז די הויפט־אַרבייט צו העלפען דער אָרגאַניזירונג פון אונזערע מיטגליעדערינס נאָר אין דער שטאָדט, וואו די חברות אָרדנען זיך איין אינדיווידועל אָדער גרופּענווייז אין קאָאָפּעראַטיוען. עס קען דאָ אויך זיין אונזער הילף גרויס אין דער הינזיכט פון צושטעלען אַרבייטס־מכשירים, פערשאַפען קליענטען, אָנקניפּען בעציהונגען און בכלל פּראָפּאַגירען דעם געגעבענעם אַרבייטס־פּלאַץ.

איבער די דאָזיגע לעבענס־פאָרמען אין ארץ־ישראל מוזען מיר טראַכ־טען, דען מיר ווילען, אַז אונזערע חברות, וועלכע קומען קיין ארץ־ישראל און אָרדנען דאָרט איין זייער לעבען, זאָלען נישט פערפאַלען געהן פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע. מיר שטרעבען צו דעם, אַז די עמיגרירענדע חברות זאָלען ווייטער בלייבען אונזערע מיטגליעדערינס אין ארץ־ישראל און זאָ־לען העלפען ווייטער פון זייער זייט פונאַנדערבויען די בעוועגונג.

דאָס לעבען אין גלות און די ארץ־ישראל׳דיגע ווירקליכקייט האָבען אונז שוין נישט איינמאָל איבערצייגט, ווי נוצליך סיי פאַר דעם יחיד, סיי פאַר דעם כלל איז די יונג־וו.י.צ.אָ.־בעוועגונג פון פּראָדוקטיוו־ציוניסטישען און פון אַלגעמיין־געזעלשאַפטליכען געזיכטס־פּונקט. דאָס יונגע מיידעל האָט זיך אויסגעלערענט צו דענקען געזעלשאַפטליך, צו זיין פּאַרלאַמענטאַריש, צו נעהמען דאָס וואָרט ביי יעדער אָנגעלעגענהייט, וואו עס ווערען פער־נאַכלעסיגט אָדער אָנגערירט איהרע אינטערעסען, און צוליעב איהר רוהיגער און ענטשלאָסענער שטעלונג אין איהר קאַמף — געוואונען אַכטונג און דרך־ארץ פאַר איהר אַרבייט. די ציוניסטישע עפענטליכע מיינונג פאָלגט נאָך גאַנץ ערנסט די בעמיהונגען פון דער אָרגאַניזאַציע און פרעהט זיך צוזאַמען מיט איהר צוליעב יעדען ערפאָלג.

די ציוניסטיש־געשטימטע פרוי איז היינט 40 יאָהר נאָך הערצל׳ס נבואה געוואָרען אַ קאָנסטרוקטיווער פאַקטאָר אין דער ציוניסטישער בעווע־גונג, אַ פאַקטאָר, וועלכע שאַפט צוזאַמען מיט דער מענער־וועלט די נייע ארץ־ישראל׳דיגע ווירקליכקייט — דאָס נייע יודישע לעבען, וואָס שטיצט זיך אויף די פּראַכטפולע אַלטע טראַדיציעס, וואָס זייער היטערין איז אין דער ערשטער ליניע די נאַציאָנאַל־געשטימטע פרוי. האַנד ביי האַנד, טריט ביי טריט, צוזאַמען מיט איהרע חברים שאַפט און בויט די יודישע פרוי. נישט־קוקענדיג אויף די שווערע, נייע לעבענס־בעדינגונגען וועבט זי אויס די זוניגע צוקונפט, וועלכע וועט פאַר די קינפטיגע דורות זיין אפשר פיעל לייכטער, ווי דאָס איז היינט.

י. אטיקער

הסתדרות „החלוץ"

א. פאראויסגייער.

דער אָנהויב פון חלוצישען וועג פאַלט זיך צוזאַמען מיט דער בילו-בעוועגונג אין אָנהויב פון די נײַנציגער יאָהרען פון פערגאַנגענעם יאָהר-הונדערט. שוין דאַן, ווינטער 1881–82, טרעפען מיר די ערשטע קלײנע גרופּעס, וועלכע האָבען אָװעקגעװאָרפען זײער היים, די פּערספּעקטיװען פון אַ גוטער צוקונפט און עולה געווען קײן ארץ-ישראל מיט'ן ציעל צו גרינדען דאָרט קאָלאָניעס פון ערד-אַרבײטער. די בילו-עליה אין א"י האָט נישט מצליח געווען, אָבער זי בלײבט אַ וויכטיגער פאַקט צוליב דער עצם ערוואַכונג עולה צו זײן קײן א"י און צוליב דער פאָרם פון אינערליכען לעבען פון די בילויים, וועלכע איז געווען די פאָרם פון אַ קבוצה. אויב אויך אַנדערע טײלען פון דער ערשטער עליה האָבען געפּרובט גײן אויפ'ן וועג פון בשותפות'דיגער טעטיגקײט, איז עס בײ די בילויים נאָכמער בולט צוליב זײער קבוצה'שער אָרגאַניזירונגס-פאָרם.

אין 1887 האָבען מיר אויך אַ דאַטע, ווען אַרבײטס-זוכענדע מענשען גרינדען אין ראשון-לציון די „אגודת-הפועלים", וועלכע צײכענט אָן אַ פּלאַן פון געמײנזאַמער און געוויסערמאַסען אויך קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט צווישען זײ.

יאָהרען לאַנג נאָכדעם איז די פאָהן פון עליה און אַרבײט, וועלכע ס'האָבען אויפגעהויבען די בילו-מענשען, געבליבען ליגען בעוועגונגלאָז, ביז ס'האָבען זי צוריק אויפגעהויבען די מענשען פון דער צווײטער עליה און דאַסמאָל מיט מעהר פעסטקײט און אויסדויער ווי פריער. פון פערשידענע שיכטען און קלאַסען פון יודישען פאָלק זענען זײ געקומען, פון פערשידענע שטרעבונגען, וועלכע זענען דאַן געווען אויף דער יודישער גאַס, אָבער אינערליך נעאײניקטע אין וועג, וואָס האָט זײ אינטואיטיוו געפיהרט צום געמײנזאַמען ציעל.

דער יסוד פון דער שעפערישער שטאַרקײט פון דער צווײטער עליה איז אין דער ערשטער רײהע געלעגען אין איהר חלוצישער הגשמה, דאָס

האָט אויך די צווייטע עליה אויסגעטיילט פון אַלע פערשידענע פּאַרטייען און ריכטונגען, אויף דער פראַגע, וואָס קען ווירקליך פיהרען דאָס לעבען פון מענש, פון פּרט און פון דער געזעלשאַפט אויף העכערע וועגען, האָט די צווייטע עליה דורך איהר ווערק געענטפערט: די חלוצישע הגשמה.

עס זענען בעקאַנט די ווערק און די וואָרצלען, וואָס די צווייטע עליה האָט געשלאָגען אין דער ווירקליכקייט פון א״י. אַ קייט פון כבושים, ביי טאָג - טעגליכער אַרבייט און אויך אין „השומר״ ביי דער הגנה. מיט דער צווייטער עליה דאַטירט זיך דער אָנהויב פון דער שפּעטער אַזוי צוואַקסענער און שאַפענדער אַרבייטער-געזעלשאַפט אין ארץ-ישראל.

די ערשטע גרופּע, אַלזאָ, וועלכע האָט אָנגעהערט צו דער אַרבייטער-געזעלשאַפט אין א״י זענען געווען די בילויים. שפּעטער האָט די צווייטע עליה זי פערשטאַרקט, אידעאיש געפאַרמט, ביז דער „החלוץ״, אין אָנהויב פון דער דריטער עליה, האָט זי נאָכמעהר פערברייטערט, אָרגאַניזירט און פערוואַנדעלט זי פון אַ סטאַבילער צו אַ שטראָם-בעוועגונג.

אָרגאַניזאַציאָנעלע גרופּען, וועלכע האָבען געטראָגען דעם נאָמען „החלוץ״ נאָך פאַר דער אַלגעמיינער אָרגאַניזירונג פון דער בעוועגונג, זענען שוין געווען אין 1905. אין אָדעס גרינדעט זיך אַ קבוצה, וועלכע האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין א״י און לעבען דאָרט אַ אַרבייטער-לעבען; אין 1913 גרינדעט זיך אַ גרופּע אין לאָנדאָן; אין 1915 ווערט אין אַמעריקא געגרינדעט דורך די א״י-חברים און פועלי-ציון אַ גרופּע אויף יסודות פון לאַנדווירטשאַפטליכער הכשרה, קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע און אָרגאַניזירטער עליה קיין א״י. פון די קבוצות „החלוץ״ אין אַמעריקא האָבען זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די קערנס פאַר׳ן יודישען גדוד, וועלכער איז געגאַנגען קעמפען אויפ׳ן א״י-פראָנט און פיעל פון זיי זענען שפּעטער פערבליבען אין א״י. אין דערזעלבער צייט זענען אויך פאַרהאַן אין רוסלאַנד איינצעלנע קבוצות אונטערן נאָמען „החלוץ״, וועלכע שטרעבען צו קאָלעקטיוויסטישער קאָלאָניזאַציע אין א״י.

ב. די ענטוויקלונג פון „החלוץ״.

נאָך פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע האָבען זיך שוין געשאַפען די דערמאָנטע גרופּעס יוגענדליכע, וועלכע האָבען געזוכט געלעגענהייטען באַלד עולה צו זיין קיין א״י און צוגרייטען זייערע חברים צו פיזישער אַרבייט. מיט דער רעוואָלוציע האָט זיך זייער צאָל פערגרעסערט אין פערשידענע ערטער, וועלכע האָבען זיך גערופען „החלוץ״. אין 1918 קומט יוסף טרומפּלדור קיין פּעטערבורג און הויבט זיך אָן צופערנעהמען מיט׳ן אָרגאַניזירען דעם „החלוץ״. מיט דעם הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטעל פאַר דער בעוועגונג. טרומפּלדור פאָהרט אַרום, האַלט רעפעראַטען, אָרגאַניזירט די אַרבייט, און ס׳ווערען אַריינגעצויגען אַלץ גרעסערע שיכטען יוגענדליכע אין די רייהען פון „החלוץ״. טרומפּלדור אָרדענט איין די חברים אויף הכשרה, מערסטענטייל לאַנדווירטשאַפטליכע, ווי אויך ביי אַנדערע אַרבייטען. ס׳קומען צו ברייטע מאַסען יוגענדליכע, וועלכע זענען פריהער געווען אָבגעריסען פון

פאָלק און פון פיזישער אַרבייט. אַ דאַנק טרומפּלדור׳ס אַרבייט האָט זיך אין זיי דערוועקט דאָס בענקשאַפט־געפיהל צו ארץ־ישראל, זיי ווערען איינגעאָרדענט אין די ספּעציעלע לאַנדווירטשאַפטליכע פערמעס, טרומפּלדור שטרעבט, עס זאָל זיין אַ בעשטימטע אָרדנונג אין וועג פון דער בעוועגונג און די אַרבעט זאָל נישט זיין כאַאָטיש. ער פאָהרט קיין א״י אויספאָרשען די עליה־מעגליכקייטען; אין אויגוסט 1919 פאָהרט טרומפּלדור אָב פון יאַלטא קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פערנעהמט זיך טרומפּלדור מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע איינאָרדנונגען און צוזאַמען ווערען געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צודערנעהנטערען דעם טרוים פון די „החלוץ״־גרופּעס: וואָס גיכער זעהן די ברעגעס פון א״י און אין קאָלעקטיוויסטישע קבוצות צוטרעטען צו לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבייט. בכדי צו דערגרייכען דעם טרוים זענען די חלוצים פון רוסלאַנד געגאַנגען אויף די ריזיקאַלסטע וועגען. דורך די בערג, דורך קאַווקאַז. מיט פערשידענע וועגען געהן גרופּעס חלוצים קיין א״י: מיט לאָדקעס אויפ׳ן שוואַרצען ים, דורכ׳ן קאַספּישען ים, פּערסיען, דורך אַ ניי ענטדעקטען וועג ביי טערקיי; ביי די פערשידענסטע סכנות קריגען זיך דורך דרייסטע גרופּעס קיין ארץ־ישראל.

אַ סך חלוצים פון רוסלאַנד קומען אויך אין שכנות׳דיגע לענדער און גרינדען דאָרטען „החלוץ״ - אָרגאַניזאַציעס. די חלוצים פון אוקראַינא גרינדען דעם „החלוץ״ אין וואָלין און אָרגאַניזירען די חברים צו די פערשידענסטע פיזישע אַרבייטען, ווי האָלץ־האַקען, אַרבייט אין טאַרטאַקען, מיהלען א. ד. ג. דורך דעם דניעסטער זענען די חלוצים פון רוסלאַנד געקומען קיין רומעניע, בעסאַראַביע און אויך דאָרטען געגרינדעט „החלוץ״־אָרגאַניזאַציעס.

אין דערזעלבער צייט אָרגאַניזירען זיך „החלוץ״־גרופּען אויך אין אַנדערע לענדער, ווי גאַליציע, פּוילען. ספּאָנטאַן רייסען זיך הונדערטער יוגענדליכע פון די פערשידענע ערטער קיין א״י. אַלע וועגען, וואָס קענען פיהרען קיין א״י, פערפילען די חלוצים און ס׳געדויערט אמאָל אַ יאָהר, אַנדערטהאַלבען, ביז זיי קומען אָן אַהין. אין 1918 דערגרייכט די ערשטע גרופּע פון 105 חלוצים פון פּוילען און נאָכדעם אַנדערע קלענערע גרופּען. דער דראַנג צוקומען קיין א״י ווערט אַלץ גרעסער. עס בעהערשט אַלע די לאָזונג: „החלוץ עובר לפני המחנה״, אַ בעוועגונג, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז דורכצושלאָגען אַ וועג פאַר דער גאַנצער מחנה.

די היסטאָרישע מיסיע האָט געפיהלט אויף זיך די בעוועגונג און עולה געווען קיין א״י מיט דעם אחריות־געפיהל. גרויס זענען געווען די כבושים, וואָס דער הויפּט־טייל פון דער דריטער עליה האָט בעוויזען אין א״י צושאַפען. עס האָבען זיך אויסגעקריסטאַליזירט די לעבענס־פאָרמען און קאָנקרעטע אויפגאַבען פון דער בעוועגונג. אָנשליסענדיג זיך אין שוין פון פריער פערהאַנענעם אַרבייטער־צבור, פערשטאַרקענדיג נייע קבוצים איז די חלוצישע עליה געגאַנגען אויף אַלץ נייע דעראָבערונגען, געשאַפען נייע פּאָזיציעס און פאָרטגעזעצט דעם קאַמף פון כבוש־עבודה, צוגרייטענדיג

פלאַץ פאַר די גרויסע מאסן, וועלכע דאַרפן קימען קיין א״י. די חלוצישע עליה איז געוואָרען אַ וויכטיגער שעפערישער פאַקטאָר אין לאַנד און געשלאָגען וואָרצלען אויף דורות.

פערשידענע עטאַפּען מאַכט דורך דער „החלוץ״ אין זיין ווייטערדיגען וועג. צייטען פון שוואַכערער אַרבייט, צייטען פון פערשטאַרקטער טעטיגקייט, אָבהענגיג פון דער אַלגעמיינער לאַגע אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל. אָבער די גאַנצע צייט געפינט זיך די בעוועגונג אין סטאַדיום פון שטייגען, דרינגט אריין אין אַלע ווייטערע ווינקעלעך.

שוין אין 1920 טרעפען מיר „החלוץ״־אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, פוילען, גאַליציע, רומעניע און אין אַנדערע לענדער. אין 1921 ווערט אויף דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד אויפגעשטעלט די וועלט־אָרגאַניזאַציע „החלוץ״.

גרויס זענען געווען די כבושים פון „החלוץ״ ביי דער דריטער עליה, אָבער זעהר וויכטיג זענען אויך געווען זיינע אויפגאַבען בשעת דער פערטער עליה. ער איז עם געווען די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט׳ן א״י אַרבייטער־ישוב געשאַפען פעסטערע און געזונטערע ווירטשאַפט־ליכע יסודות, ווי אַלע אַנדערע טיילען פון דער עליה.

די בעוועגונג שאַפט אין די יאָהרען הכשרה־ און דערציהונגס־פּאָזיציעס אין די גלות־לענדער, וועלכע גרייטען צו און דערציען די חלוצים צו נייע לעבענס־פאָרמען אין א״י. דאָן גרינדעט זיך דער שפעטער בעקאַנטער קבוץ קלאָסאָוו אין וואָלין. עס שאַפען זיך לאַנדווירט־שאַפטליכע הכשרה־פונקטען, ווי גראָכאָוו אין פוילען, „חסדה״ אין רומעניע, „קומרה״ אין טשעכאָסלאָוואַקיע, „כבוש״ אין ליטא, אויך אין לאַטוויע און אין אַנדערע לענדער. די חלוצים הויבען אָן אויך אַרבייטען און אַריינדרינגען ביי די פערשידענע עפענטליכע אַרבייטען. פיעל יוגענדליכע פעראייניגען זיך מיט דער מחנה, מאַכען דורך דעם וועג פון דער בעוועגונג און קומען נאָכדעם קיין א״י, וואו אין געגענזאַץ צו אַנדערע עולים געהען זיי צו די פערשידענסטע שווערסטע אַרבייטען. אין געצעלטען צולעגען זיי זיך אויף די א״י־וועגען און אַרבייטען ביים לעגען שאָסען, טרוקענען זומפען א. ד. ג. אין שטאָדט דרינגען זיי אַריין אין די בנין־אַרבייטען. עס גרינדעט זיך די אַרבייטער־געזעלשאַפט, „סולל־בונה״, וועלכע נעמט צוזאַמען און פיהרט אָן מיט די אַלע אַרבייטען.

נישט פערלוירען האָט זיך אויך די בעוועגונג אין די קריזיס־יאָהרען נאָך דער פערטער עליה. אין צייטען פון שטילשטאַנד האָט דער „החלוץ״ פאַרטגעזעצט זיין טעטיגקייט און ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך ענט־פלעקט אין זיין וויכטיגסטער אויסדרוק־פאָרם — דראַנג נאָך עליה. אַזוי ווי אין די לעצטע מלחמה־יאָהרען האָבען פיעל חלוצים מיט גרויס מסירות־נפש געריסען זיך קיין א״י, אַזוי אויך, בעת די אויגוסט־געשעהענישען אין 1929, ווען עס קומען אָן די אומרוהיגסטע ידיעות פון א״י, רייסען זיך פיעל חלוצים עולה צו זיין און שטעלען זיך אויפ׳ן ארץ־ישראל־פראָנט צוזאַמען מיט די דאָרטיגע חברים.

די שווערע יאָהרען פון די פּאַספּילד־גזרות און פערמאַכטער אַרביי־טער־עליה האָט די בעוועגונג אויסגענוצט אויף אינערליכער פערשטאַרקונג און פערטיפונג. אזוי איז אין 1930 געשאַפען געוואָרען דער חלוצישער סעמינאַר, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען פיעל מדריכים פאַר דער בעוועגונג, וואָס האָבען שפּעטער אויסגעטראָגען דעם עול פון „החלוץ".

ג. די בעוועגונג און וואוקס.

פריהלינג 1932 איז געקומען דער ווענדע־פונקט אין ציוניזם און אין דער עליה. פון דאַן הויבט אָן דער „החלוץ" אַריינגעמען מאַסען יו־גענדליכע, וועלכע קומען צו איהם. נישט פערהאַן קיין יודישער קבוץ אויף דער וועלט, וואוהין דער „החלוץ" האָט נישט דערגרייכט. אין אויגוסט 1933, צום אַכצענטען ציוניסטישען קאָנגרעס, עגזיסטירען לאַנד־אָרגאַניזאַ־ציעס פון „החלוץ" אין העכער 20 לענדער, צווישען זיי אַזעלכע ווייטע, ווי דרום־אַפריקע, קובאַ, אַרגענטינע, טוניס, סיריע א. אַנד. די בעוועגונג ציילט 83 טויזענד מיטגלידער, פון זיי אין פוילען—41 טויזענד. די טעטיג־קייט אויף אַלע געביטען איז זעהר אַ פערצווייגטע. עס ווערען אָרגאַני־זירט סעמינאַרען, זומער און ווינטער־קאָלאָניעס פאַר חברים, אינסטרוקטאָ־רען־קאָלאָניעס, ספּעציעלע סאַנאַטאָריומס, בתי־הבראה פאַר קראַנקע חברים. אַ ספּעציעל וויכטיגע קולטורעלע טעטיקייט ווערט געפירט אין דער בעווע־גונג. זייט 1924 ערשיינט דער „העתיד", דער אָרגאַן פון דער וועלט־בעוועגונג, וועלכע בעליכט אַלע חלוצישע, ציוניסטישע און א"י־פּראָבלע־מען. אין פוילען ערשיינען די „ידיעות"—אַ וועכענטליכע צייטונג, וועלכער ווערט אַרויסגעגעבען דורך די „החלוץ"־בעוועגונג אין פוילען.

דער פערלאַג ביי דער וועלט־צענטראַלע גיט נאָכאַנאַנד אַרויס פער־שיעדענע ביכער און בראָשורען, וועלכע צוגייען זיך אין די ווייטסטע ווינקלען. ס'ערשיינען ספּעציעלע ביבליאָטעקען ווי „יסודות", „החלוץ", וועלכע בעהאַנדלען און פערטיפען אין זייערע אויסגאַבען פערשיעדענע חלוצישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען. אַ חוץ דער בעדייטענדער פערלאַגס־טעטיגקייט פון דער וועלט־צענטראַלע אין העברעאיש און אין יודיש ערשיינען נאָך ביי די לאַנדעס־צענטראַלעס אויסגאַבען אין אַנדערע שפּראַכען, ווי אין דייטשלאַנד „פאָלק און לאַנד" און פערשיעדענע בראָשורען, ביכער אין דייטש, אין אַמעריקע, ענגלאַנד — בראָשורען, צירקולאַרען אין ענגליש, אין פראַנקרייך — אויסגאַבען אין פראַנצויזיש א. א. וו. די פּרעסע און אויסגאַבען פון „החלוץ" ווערען פערשפּרייט כמעט אויף דער גאַנצער וועלט אין אַלע יודישע ישובים.

דער „החלוץ" גייט אויך אויפ'ן ערשטען אָרט אין אַלע ציוניסטישע טעטיגקייטען, אין דער אַרבייט פאַר די קרנות א. אַ. דער „החלוץ" ווערט אַ גרויסער פּאָליטישער געזעלשאַפטליכער כוח אין ציוניזם, אויף דער יו־דישער גאַס.

ביים „החלוץ" שאפט זיך אויך א ארגאניזאציע פון פאכמענער, „העובד", וועלכע ציילט עטליכע טויזענד חברים, וואס גרייטען זיך צו עליה קיין א"י, לערנען עברית, ארבייטען פאר די קרנות און ערציהען זיך צו דער הסתדרות-העובדים.

א בעזונדערען ערפאלג האט צו פערצייכענען דער „החלוץ" אין דייטשלאנד. אין די טעג פון היטלער-רעזשים, ווען יאוש און דערשלאגענקייט האבען ארומגעכאפט די יודישע מאסען אין דייטשלאנד, שטראמען מאסען יוגענדליכע אין די רייהען פון „החלוץ", מאכען דורך הכשרה און זענען עולה קיין א"י. אין דער זעהר קורצער צייט איז דער דייטשער „החלוץ" אויסגעוואקסען פון 800 חברים ביז 14,000 אין ארגאניזירטע סניפים און קבוצי-הכשרה, וועלכע פירען א לעבהאפטע ארגאניזאציאנעלע און קולטורעל-ערציערישע טעטיגקייט. די חברים פון דייטשלאנד, קומענדיג קיין א"י האבען זיך אויך אויסגעצייכענט אין זייער וועג אלס חלוצים און געגאנגען מערסטענטיילס אויף די שווערערע ארבייט-פאזיציעס.

א וויכטיגע ערציהערישע ארבייט אין גלות אין די „החלוץ"-ארגאניזאציעס פירט די הסתדרות-העובדים דורך די פילע שליחים, וועלכע זי שיקט פון א"י צו ארבייטען אין דער אנפירונג פון דער בעוועגונג, אין די קבוצי-הכשרה. צענדליגער א"י-שליחים געפונען זיך בעשטענדיג אין גלות און טיילען זיך מיט זייער א"י-ערפאהרונג, ברענגען אריין דעם גייסט פון דער הסתדרות, פון א"י-קבוץ שוין דא אין גלות. עס הערשט אזוי ארום א טיפער בונד צווישען דער הסתדרות און א"י-קבוץ און דער ארבייט פון „החלוץ" אין די פערשידענע לענדער.

אין „החלוץ" געפונען זיך פערשידענע יוגענד-ארגאניזאציעס, וועלכע דערציהען זייערע חברים צום „החלוץ". א פערשידענפארביגע מחנה און מענשען-מאטעריאל פון פערשידענע ארגאניזאציעס און גרופען בילדען יעצט דעם „החלוץ".

דער סתם-חלוץ, וועלכער איז געקומען אין „החלוץ" אן א ערציהונג אין א יוגענד-ארגאניזאציע; דער חבר פון „החלוץ-הצעיר", וועלכער ווערט פון קינדווייז אן דערצויגען צום „החלוץ"; דער חבר פון „פרייהייט", פועלי ציון; השומר-הצעיר, גורדוניה, התאחדות; אלגעמיינע ציונים, „עקיבא", אחוה, מכבי; די רעליגיעז-סאציאליסטישע „דת ועבודה"; „הבונים-נוער-חלוצי", ווייס בלוי, גדוד-צעירים, ברית-הרצל און אנדערע פערשידענע חברים פון פערשידענע שיכטן און גרופען זיינען אנגעשלאסען אין „החלוץ".

און דער „החלוץ", ווי ער האט נישט איינמאהל דעקלארירט אויף קאנפערענצען, זעהט זיך אלס ראהם און איז גרייט אויפצונעמען אלע טיילען פון דער יודישער יוגענד, וועלכע אנערקענען די חלוצישע פרינציפען און שטרעבען צו עליה קיין א"י.

אויף דער וועלט-קאנפערענץ פון „החלוץ" אין אקטאבער 1930 אין בערלין זענען אנערקענט געווארען אלס יסודות פון דער בעוועגונג:

1) עבודה עצמית — פליכט פון זעלבסט־אַרבייטען פון יעדען חבר. 2) עברית און תרבות־העבודה. 3) טעטיגקייט פאַר די קרנות. 4) אָנגעהעריגקייט צו דער „הסתדרות־העובדים" אין א"י. 5) בעטייליגונג אין אַלע אַקציעס פון דער הסתדרות אין גלות, ווי קפא"י, ליגעס פאַר'ן אַרביי־טענדען א"י א. אַ.

דאָס דערמעגליכט אַלע חלוציש יוגענד־טיילען, נישט אָבהענגיג פון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען און פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט, צו פער־אייניגען זיך אין „החלוץ". אפילו רעליגיעזע יוגענד קען אויך געפונען איהר פּלאַץ אין „החלוץ", אַלס בעוויז קען דינען די אָנגעשלאָסענקייט פון „דת ועבודה" אין „החלוץ".

ד. דאָס הכשרה־ווערק פון „החלוץ"

איינס פון די וויכטיגסטע ווערק, וועלכע די „החלוץ"־באַוועגונג האָט אין די יאָהרען פון איהר קיום געשאַפען, איז, בלי שום ספק, דאָס ווערק פון דער הכשרה. די גרויסע אויפגאַבע, וועלכע די בעוועגונג האָט זיך גע־שטעלט: איבערפיהרען די יודישע יוגענד צו פּראָדוקטיווער אַרבייט, שאַ־פען דעם יודישען אַרבייטער־קלאַס און אַזוי אַרום אויסנאָרמאַליזירען דאָס צוקונפטיגע יודישע לעבען, האָט געמוזט האָבען בעשטימטע טעטיגקייטס־פאָרמען, און דאָס איז געווען די הכשרה, וואָס איהר אויפגאַבע איז געווען: צוגרייטען דעם חבר צו דער אַרבייט אין א"י.

הכשרה־פּלעצער האָבען זיך אָנגעהויבען שאַפען שוין מיט די ערשטע גרינדונגס־יאָהרען פון „החלוץ" דורך יוסף טרומפּלדור. שפּעטער ענטוויקעלט זיך און פערברייטערט זיך די הכשרה און עס שאַפען זיך אין פערש עדע־נע ערטער פונקטען, וואו חברים גהען אַרויס אויף זומער אויף לאַנדווירט־שאַפטליכע הכשרה. די פּונקטען נעמען אויף גרויסע צאָהלען חברים.

מיט דער צייט נעמט אָבער די הכשרה אָן אַנדערע פאָרמען. חברים הויבען אָן אַרבייטען נישט בלויז ביי לאַנדווירטשאַפט, נאָר אויך ביי אַנדע־רע אַרבייטען, ווי אין טאַרטאַקען, מיהלען, שטיינהאַקעריי א. א. אין משך פון יאָהרען ענטוויקלען זיך פערשיעדענע קבוצים, בעזונדעס אין פּוילען. אין 1924 גרינדעט זיך אין קלאָסאָוו, ביי סאַרנע, דער וואָלינער שטיינהאַ־קער־קבוץ אויפ'ן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדור, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיגע ראָל אין דער אַלגעמיינער ענטוויקלונג פון דער קבוצישער בעוועגונג אין פּוילען. אין די שווערע יאָרען אין ציוניזם האָ־בען פיעל חברים אויסגעדויערט אין די קבוצים און אויסגעוואַרט, ביז זיי וועלען האָבען אַ מעגליכקייט עולה צו זיין. דאַן שאַפט זיך אויך די נייע הכשרה־פאָרם פון קבוץ־קבוע, אַ באַשטענדיגע קבוצישע הכשרה. דאָס איז געווען אַ איבערברוך אין ביז איצטיגען וועג; קבוץ־קבוע נעמט אַרויס די חברים פון דער ווירקליכקייט, פון קליינבירגערליכען לעבען, אין וועלכען זיי געפינען

זיך און פירט זיי איבער צו אַן אַרבייטער-לעבען, צו אַ קאָלעקטיוויסטיש לעבען שוין דאָ אין גלות. אין זעלבסטשטענדיגע קאָלעקטיוויסטישע קבוצים מאַכט דער חבר דורך זיין הכשרה צום עולה זיין קיין א״י.

אזוי אַרום זעהען מיר שוין אין 1933 אַ גרויסע נעץ פון הכשרה-קבוצים, וועלכע איז פונאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ פּוילען און אויך אין אַנדערע לענדער. 16 טויזענד חברים געפינען זיך אין די הכשרה-קבוצים, פון זיי 8 טויזענד אין פּוילען. די אַרבייט, ביי וועלכער די חברים בעשעפ-טיגען זיך, האָט זיך אויך געביטען. אין פּוילען גופא געפונען זיך 200 קבוצים (די מערהייט פון זיי—אין די שטעדט און שטעטלעך). בעשעפטיגט ביי אַרבייטען, צו וועלכע ס'האָט פריהער קיין יודישער אַרבייטער קיין צו-טריט נישט געהאַט.

ה. צו וויטערע אויפגאַבען.

אזוי געהט איהר וועג, שאַפענדיג גרויסע ווערטען אין לאַנד און אין פאָלק די „החלוץ״-בעוועגונג. גרויסע ווערק, וועלכע האָבען אַ בעדייטונג פאַר דורות, האָט דער „החלוץ״ אין משך פון זיין קורצער עגזיסטענץ-צייט געשאַפען.

אָבער נאָך גרעסער זענען די אויפגאַבען, וועלכע די בעוועגונג האָט נאָך צו ערפילען אויך היינט צו טאָג און אין דער צוקונפט. פון פער-שיעדענע זייטען וויל מען פּרובען דערצעהלען, אַז יעצט, ווען דער מצב אין א״י איז אַ גוטער, איז די ראָל פון „החלוץ״ נישט קיין גרויסע, און א״י וועט זיך שוין זעלבסט אויפבויען דורך די סתם-יודען, וועלכע וועלען אַהין קומען.

דאָס איז נישט ריכטיג. יעצט, און אַפילו דוקא יעצט איז די ראָל פון „החלוץ״ נאָך וויכטיגער. ביים אויפבוי פון לאַנד הערשט יעצט די סכנה, אַז ווירטשאַפטליך זאָל דאָס יודישע א״י אויפגעבויט ווערען אויף די זעלבע לופט-יסודות, וואָס אונזער לעבען אין גלות איז געווען. דער „החלוץ״—דאָס איז דער כּוח, וועלכער דאַרף היטען, אַז אין א״י זאָל גע-שאַפען ווערען אַ געזונדטער ווירטשאַפטליכער יסוד, אַז א״י זאָל קענען זיין דער מקום-מקלט פאַר די פילע מאַסען, וועלכע דאַרפען נאָך אַהין קומען און אויפבויען דאָרט זייער לעבען אויף אַנדערע יסודות.

גרויסע אויפגאַבען ערוואַרטען נאָך דעם „החלוץ״ אין א״י, צווישען דער יוגענד און צווישען פאָלק. און מיט'ן בעוואוסטזיין פון די אויפגאַבען נעמט דער „החלוץ״ צוזאַמען זיינע כּוחות, פערשטאַרקט און פערפעסטיגט זיך, פערטיפט זיינע ווערטען, בכדי ערפאָלגרייך צו ערפילען זיין היסטאָרישע שליחות אין דער יודישער אומה.

ל. שמושקאָוויטש

„החלוץ הכּלל ציוני"

דער קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער אונאָבהענגיגקייט איז אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז בכלל די געשיכטע פון פעלקער. און שטענדיג אין די געשיכטע פון די דאָזיגע קאַמפען פערבונדען מיט אַ נאָמען פון אַ העלד, כאָטש דער קאַמף אַליין איז דאָך אַ קאַמף פון גאַנצען פאָלק אַלס אַזעלכען. ווי דער שוואַכער יחיד אין קאַמף מיט דער בלינדער און בייזער נאַטור־סטיכיע, שיצט זיך דער כּלל אונטער'ן שוץ פון אַ העלד. מיט געשיכטען וועגען העלדען האָט די פאָלקס־פרוי פערוויגט איהר זויג־קינד און מיט געשיכטען פון העלדען־קאַמפען שפּייזט זיך די פאָלקס־פאַנטאַזיע ביז היינט צו טאָג. אַ פאַנטעאָן האָט דאָס פאָלק געלאָזט אויפשטעלען פאַר זייַנע העלדען. און האָבען אויסגעפעהלט העלדען, האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע אַזעלכע בעשאַפען. פון שטענדיג אָן האָבען די העלדען־לעגענדען בעפרוכפערט דאָס פאָלקס־לעבען און געשטיסען צו אייגענע אָנשטרענגונגען.

מיט וואָס האָט אַ יודישע מוטער פערוויגט איהר קינד? וועלכע העלדען־מעשיות האָט זיך דאָס יודישע פאָלק דערציילט?

— געשיכטען וועגען יודען, וואָס זענען דורך מענשליכע רשעות אויף שייטערהויפענס געשליידערט געוואָרען און האָבען די פּייניגונגען מיט אַהבה מקבל געווען, מיט שמע ישראל אויף די ליפען די נשמה צום הימעל געשיקט. געשיכטען וועגען יודען, וואָס האָבען אָבגעשטויסען פון זיך דאָס גרעסטע גליק, וואָס האָט זיך פאַר זייערע פיס געוואַלגערט, געלאָזט זיך אומברענגען, אַלץ כּדי נישט צו פערראַטען דאָס פּינטעלע יוד... קדוש־השם...

צו אַזאַ פּאַסיווען קאַמף פאָדערט זיך, אָפטמאָל, פיעל מעהר אינערליכע שטאַרקייט, ווי צו אַ אַקטיווען קאַמף געגען אַ שונא. אָבער פון אַזאַ קאַמף קומען נישט אַרויס קיין רעאַלע פּאָזיטיווע דערגרייכונגען. דער מין העלדען, וואָס קעמפען אויס פאַר זייער פאָלק רעאַלע ממשות'דיגע ווערטען,— דאָס האָט דעם יודישען פאָלק געפעלט, ביז ס'איז אויפגעשטאַנען די חלוצישע בעוועגונג און געשאַפען אַ נייע העלדען־לעגענדע.

אַ פּערכּשופּ׳ט וואָרט דאָס חלוציות. דיכטער און פיין־גייסטער האָבען שוין בעוויזען צו בעזינגען דעם חלוציזם מיט די שענסטע אויסדרוקען, וואָס די מענשליכע שפּראַך פערמאָגט. מוטערס דערציילען שוין זייערע קינדער וועגען די העלדען־טהאטען פון די דאָזיגע יונגען, אין די פלאַמיגע פאַנטאַזיעס פון דער יוגענד לויכטען איף געשטאַלטען פון די חלוצים־העלדען און עס וועבט זיך די פאָלקס־לעגענדע וועגען דעם חלוץ־העלד.

וואָס־זשע בעדייט דאָס דאָזיגע כשוף־וואָרט? וואָס איז דער זין פון׳ם בעגריף חלוציות?

— עס בעדייט: יודישע אויפלעבונג און בענייאונג. נאָכמעהר: פייכט מאַכען דעם שטיינערנעם באָדען מיט דעם ריינסטען בלוט פון הארץ, אויפטרייסלען איהם, דעם באָדען, מיט דער קראַפט פון די מוסקולען, פעבפלאַנצען מיט שוויס און מאָזאָלישער פּראַצע און לאָזען אויסוואַקסען אַ געזונדט אַרבייטס־לעבען. ה ג ש מ ה ע צ מ י ת.

יודישע אויפלעבונג און אַ בענייט יודיש לעבען. דאָס, וואָס עס האָט אַרויסגערופען צום לעבען די חלוצישע בעוועגונג, איז די יודישע נויט, אַ יודישע בעוועגונג צוליעב יודישע צוועקען. טאָ צו וואָס די בעהעפטונג מיט נישט־יודישע פּלאַנצען, מיט פאָרמולעס און געזעצען, וואָס ליגען דרויסען פון יודישען לעבען?

די חלוצישע בעוועגונג מוז בלייבען דורכאויס יודיש — אַזוי האָבען מיר געזאָגט, און אויסגעטיילט זיך אין אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציע.

* * *

נאַציאָנאַלער חלוציזם — דאָס איז דער חוט־השדרה פון אונזער איּדעאָלאָגיע. די שאַפונג פון אַ נאָרמאַלען, פּראָדוקטיווען יודישען פאָלקס־לעבען — דאָס איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אונזער אַרבייט. אָט פון דער דאָזיגער אויפפאַסונג שטראָמען אַרויס אונזערע פּראָגראַם־לאָזונגען און טאַקטישע האַנדלונגען.

די אויפגאַבע פון חלוץ איז נישט קיין צייטווייליגע: אויסטריקענען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל זומפען, בעאַרבייטען כך וכך באָדען, און שפּעטער, ווען ער האָט אָט די אַרבייט אַדורכגעפיהרט, קען ער ווערען צוריק דאָס, וואָס ער איז געווען, אומקעהרען זיך צוריק צו דעם קרייז, פון וועלכען ער קומט. חלוציות — בעדייט קודם־כל אַ רעוואָלוציע אין׳ם אייגענעם לעבען פון יחיד, וואָס בעהעפט זיך צו דער מחנה, די אומוואַנדלונג אין אַ פּראָדוקטיווען אַרבייטס־מענש. דאָס יודישע לעבען אין גלות האָט געליטען פון׳ם פעהלען פון אַ אַרבייטער־שיכט. דער חלוץ איז דער, וואָס בילדעט מיט זיך אָט דעם פעהלענדען טייל אין פאָלק. חלוץ־אַרבייטער,—דאָס איז איין האַרמאָנישע גאַנצקייט.

מיט דעם איז שוין אָנגעוויזען דאָס אָרט, וואָס דער אַלגעמיין־ציוניסטישער חלוץ האָט צו פערנעהמען אין דער נייער יודישער געזעלשאַפט, וואָס ווערט אין ארץ־ישראל געשאַפען.

אונזער צוגאַנג צו דער גאַנצער פּראָבּלעמאַטיק פון דעם בּויענדען שטאַאַט ווערט אָבּער בּעשטימט נישט פון דער סאָציאַלער לאַגע אַלס אַרבּייטער, נאָר דרינגט אַרויס פון אונזער אַלגעמיין־ציוניסטישער וועלט־בּעוועגונג.

דאָ מוז אָבּער קומען אַ קורצע אויפקלערונג. מיר געהערען נישט צו די, וואָס בּעטראַכטען דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אַלס אַ מעכאַנישע פּעראייניגונג פון ציוניסטען, וואָס ווילען דורכאויס שאַפען אַ יודענשטאַאַט, און ערשט דאַן, ווען אַזאַ וועט שוין זיין געשאַפען, וועט מען זוכען, ווי צו לעזען די אַלע סאָציאַל־געזעלשאַפטליכע פּראָבּלעמען. פאַר אונז איז דער אַלגעמיינער ציוניזם אַ וועלט־אַנשויאונג. אַלגעמיינער ציוניזם, זאָגען מיר, שטרעבּט צו שאַפען אַ פרייע, זעלבּסטשטענדיגע יודישע געמיינשאַפט אין ארץ־ישראל, דורכגעדרונגען מיט יודישען פאָלקס־גייסט. דער אַלגעמיינער ציוניזם איז די פאָלקסטימליכע בּעוועגונג, וואָס שפּרודעלט מיט נאַציאָנאַלען אינהאַלט, און אין די אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף דעם ארץ־ישראל'דיגען ישוב געבּען די נאַציאָנאַלע פאָרם. ווייל ווער דען איז אַזוי בּערופען אָנצופיהלען דאָס לעבּען אין ארץ־ישראל מיט יודישען אינהאַלט, צו זאָרגען פאַר דעם יודיש־נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון'ם ישוב. די ציוניסטען־סאָציאַליסטען, אַלס אַ טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, נעגירען דאָך בּכלל דעם טערמין „נאַציאָנאַל", דענקען מיט אַנדערע קאַטעגאָריעס. דער רעליגיעזער ציוניזם, ווידער, בּעגרעניצט דעם טערמין „נאַציאָנאַל", אידענטיפיצירענדיג איהם מיט רעליגיע. דאָס, וואָס איז נישט רעליגיעז — איז „גוי'איש", אַלזאָ, נישט יודיש. וועלען מיר איבּערלאָזען די אויספאָרמונג פון ארץ־ישראל'דיגען לעבּען אין די הענד פון די ערשטע, וועלען מיר האָבּען אויף דעם א"י־דיגען בּאָדען איבּערגעפלאַנצט פאָרמען און בּעגריפען פון מערבּ־ און מזרח אייראָפּע. וועלען מיר, ווידער, דאָס איבּערלאָזען אין די הענד פון די צווייטע, וועלען מיר האָבּען אַ יודיש לעבּען פון מיט הונדערטער יאָהרען צוריק.

שוין דאַן, ווען דאָס שטאַאַטס־לעבּען אין אַלגעמיין האָט זיך געפונען אין זייער גאַנצער פּרימיטיוקייט, האָט שוין דאָס יודישע פאָלק געהאַט אַ געזעצגעבּונג, וואָס האָט גערעגעלט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, סאָציאַל־פּאָליטישע און סאָציאַל־געזעלשאַפטליכע זייטען פון לעבּען. אויבּ אין משך פון גלות איז דאָס פאָלק געווען אָבּגעריסען פון רעאַלען לעבּען, דאַרף איצט, בּיים בּעניייען ראָס לעבּען, דאָס פאָלק אומקעהרען זיך צום אייגענעם מקור. זעלבּסטפערשטענדליך, אָננעהמענדיג דידאָזיגע פּרינציפּען, דאַרפען זיי צוגעפּאַסט ווערען צו די היינטיגע בּעדינגונגען.

אַלגעמיינער ציוניזם לעזט אַלע געזעלשאַפטליכע פּראָבּלעמען אין איינקלאַנג מיט'ן יודישען פאָלקס־גייסט. אין דעם זין איז דער אַלגעמיינער ציוניזם די אמת'ע יודישע פאָלקס־פּאַרטיי.

* * *

אונזער אַלגעמיין־ציוניסטישע וועלט־בּענעמונג, דאָס, וואָס מיר זעהען

פֿאַר פֿאַר דער אַלגעמיין־ציוניסטישער בעוועגונג אַ שליחות פֿון אויספֿאָרמען דאָס ארץ־ישראלדיגע לעבען, דאָס, וואָס ביי אונז איז דאָמינירענד דער אַלנאַציאָנאַלער מאָמענט, דיקטירט אונז, נישט צו פֿערוואַנדלען זיך אין אַ קלאַסען־פּאַרטיי, אַלס אַ פּועל יוצא פֿון אונזער סאָציאַלער לאַגע, אַלס אַרבייטער, נאָר צו בלייבען אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער לאַנדעס־ און וועלט־אָרגאַניזאַציע.

צוליב דער פֿערטיידיגונג פֿון אונזערע פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבייטער־אינטערעסען זעהען מיר איין די נויטיגקייט פֿון אַ אַלגעמיינער יודישער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וואָס איהר איינציגע אויפֿגאַבע דאַרף זיין די פֿערטיידיגונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסען פֿונ׳ם אַרבייטער. און וויל די רעגולירונג פֿון דער אַרבייטס־פֿערטיילונג און די נאָרמאַליזירונג פֿון די אַרבייטס בעדינגונגען לאָזט זיך נישט, ביים היינטיגען טאָג לפּחות, אָבטיילען פֿון זער גרויסער שליחות פֿונ׳ם אַרבייטער און פֿון דער דערגרייכונג פֿון אונזערע האָפֿנונגען, — זענען מיר דעריבער געגנער פֿון שאַפֿען בעזונדערע פּאַרטייאישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס און אונזערע חברים ווערען דורך אונז געשיקט אין דער הסתדרות העובדים. די לעצטע פֿערשאַרפֿטע קאַמפֿען צווישען די הסתדרות־מיטגליעדער און די מיטגליעדער פֿון דער רעוויזיאָניסטישער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע איבערצייגען אונז אין דער ריכטיגקייט פֿון אונזער שטאַנדפּונקט. אָט צ. ב. קען מען אָנווייזען אויף דעם אונבעשטרייטבאַרען פֿאַקט, דאָס צוליעב די דאָזיגע קאַמפֿען ליידט דער קאַמף, וואָס מיר, ציוניסטען, פֿיהרען פֿאַר דער דורכזעצונג פֿונ׳ם פּרינציפּ פֿון עבודה עברית. די אַלע עולים־חלוצים, וואָס פֿעררעטען דעם יודישען דאָרף און ווערען דערפֿאַר נישט אויפֿגענומען אין שטאָדט אַלס מיטגליעדער אין דער הסתדרות, ווערען האַרציג אויפֿגענומען אַלס מיטגליעדער אין דער רעוויזיאָניסטישער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, געניסענדיג פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

די איינהייטליכקייט פֿון דער הסתדרות העובדים איז פֿאַר אונז אַ פּרינציפּ. אַ צווייטער פּרינציפּ, וואָס איז געבונדען מיט׳ן ערשטען, איז אָבער דער אַפּאָליטישער כאַראַקטער פֿון דער הסתדרות. די אָבהיטונג פֿון דעם דאָזיגען צווייטען פּרינציפּ איז אָבהענגיג פֿון דער מעהרהייט חברים איהרע, וואָס בעשטעהט פֿון נישט אונזערע חברים. ווען די מעהרהייט נישט פֿערשטעהן צו טאָלערירען די אָנשויאונגען פֿון דער מינדערהייט — אין פֿראַגען פֿון עיקר־פּרינציפּען קען דאָך נישט גילטען די טערמינען פֿון מעהרהייט און מינדערהייט, ווען די מינדערהייט איז מחויב צו אונטערוואַרפֿען זיך די בעשלוסען פֿון דער מעהרהייט — וועט דוקא די מעהרהייט פֿערוואַנדלען די הסתדרות אין אַ ווערקצייג פֿון אַ בעשטימטער פּאַרטיי, וואָלט אונז דאַן נישט געבליבען קיין אַנדער ברירה, ווי פֿערציכטען אויף דעם ערשטען פּרינציפּ צוליעב דעם צווייטען, און מיר וואָלטען געשאַפֿען אַ אייגענע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט בעדאַרפֿט, אויך אין דעם פֿאַל, קאָאָפּערירען, אין דער ריין־פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבייט, מיט דער הסתדרות העובדים.

אונזער אויפפאַסונג פון אַלגעמיינעם ציוניזם, אַלס אַ דעמאָקראַטישע פאָלקסטימליכע בעוועגונג, דיקטירט אונז צו בעקעמפען די טענדענצען — אין און אויסערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע — צו בעגרעניצען די פּאָליטי-שע און בירגערליכע רעכט און איינפלוסען פון די אַרבייטער, זועהענדיג אין דעם אַ אָבנויג פון דעם אורשפרונג.

אַלס די, וואָס האָבען פערשטאַנען פאַר אַ עיקר פון ציוניזם די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יודישע מאַסען און האָבען אַליין אויף זיך גע-נומען דעם יאָך פון אַ אַרבייטס-מענש, — קענען מיר ממילא נישט זיין מיט די, וואָס בעפאָרצוגען די פּאָליטישע אַקציע איבער דער קאָנסטרוק-טיווער פּראַקטישער אַרבייט. אונזער וועג איז מיט די, וואָס ווייסען אָבצו-שאַצען די בעדייטונג פון דער פּראַקטישער אַרבייט, אַלס אַ מיטעל אין אונזער פּאָליטישען קאַמף.

אַלס אַלגעמיינע ציוניסטען, איז אונז, ממילא, גענצליך פרעמד דער געדאַנק וועגען אַ קאָלעקטיוויסטישער ווירטשאַפט, אַלס די קאָלאָניזאַציאָנס-פאָרם, וואָס דאַרף גילטען אין ארץ-ישראל. אין אַלגעמיין גענומען מערקט זיך נישט אין דער וועלט, טראָץ דעם שטאַרקען קריזיס, וואָס די וועלט-ווירטשאַפט מאַכט אַדורך, דער מינדעסטער ווילען זיך צו דערנעהנטערען צו דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטס-אָרדנונג. אַז מען וויל, קען מען זאָגען, אַז קיינמאָל איז נאָך די וועלט נישט געווען אַזוי ווייט פון סאָציאַליזם, ווי היינט גראָד. און די וואַסערן פון וועלט-מעער וואַשען אויך די ברעגען פון ארץ-ישראל. די געזעצען, וואָס גילטען אין דער גאַנצער וועלט, זענען אויך פאַר ארץ-ישראל גילטיג. די פאָרם פון פּריוואַטער ווירטשאַפט וועט דעריבער מוזען אָנגעווענדעט ווערען ביי דער קאָלאָניזאַציאָנס-אַרבעט אין א"י.

פאַר אונז אַליין, פאַר דער אַלגעמיין ציוניסטישער חלוצישער יוגענד וועהלען מיר דאָך אויס דעם וועג פון קאָלעקטיוו, דעם וועג פון קבוץ דער-פאַר, ווייל מיר זעהען אין קבוץ די ווייטערדיגע פאָרטזעצונג פון דער דערפיהלונג פון אונזער אַלגעמיין-ציוניסטישער חלוצישער אויפגאַבע.

מיר האָבען איבען גערעדט וועגען אַ אַלגעמיין-ציוניסטישער וועלט-אַנשויאונג און וועגען דעם, אַז די אויפגאַבע פונ'ם אַלגעמיינעם ציוניזם איז צו געבען דעם יודישען לעבען אין ארץ-ישראל די נאַציאָנאַלע פאָרם און נאַציאָנאַלען אינהאַלט, די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגענד דאַרף אויס-שמידען אָט די נאַציאָנאַלע פאָרם, און דער קבוץ איז דער אָרט, וואו אָט די פאָרם ווערט אויסגעהאַמערט.

אָט דערפאַר, וואָס מיר פערבינדען נישט דעם קבוץ מיט דער סאָצי-יאַלער אָרדנונג, און ווייל אונזער קבוץ האָט די גרויסע אויפגאַבע, מוז איין קבוץ גיין דער טייל, וואָס איז דערצו געפאַסט. דער בודד, — אויב נאָר ער דערפיהלט זיין חלוצישע פליכט — אין געגעבענעם מאָמענט: דאָס גיין אין דאָרף, — בלייבט ער אַ חבר פון דער בעוועגונג אויך ווייטער.

ווי זעלבסטשטענדיג, פריי פון זייטיגע איינפלוסען ס'איז אונזער אידעאָלאָגישע איינשטעלונג, אַזוי זעלבסטשטענדיג און אינערליך פריי איז

אונזער וועג אינערהאַלב דער אַלגעמיין-ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער פּרינציפּ פון דער אָבגעשלאָסענקייט אין דער אַלגעמיין-ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז דורך אונז אָבגעהיט געוואָרען זינט דער ענטשטעהונג אונזערער ביז היינט צו טאָג. מצד איינצעלנע חברים איז געמאַכט געוואָרען אַפילו דער פּרוב צו וואַרפען אַ לאָזונג פון עצמיות, זיך דערקלערען אַלס זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע. געקומען איז די דאָזיגע לאָזונג טיילוויז, אַלס רעאַקציע געגען דעם נישט בעפרידיגענדען מצב אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, און צום טייל, אַלס רעאַקציע געגען דער אינדיפירענטער בעציהונג צו אונז און אונזער אַרבייט מצד דער אָפיציעלער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיגע לאָזונג האָט אָבער אין דער בעוועגונג קיין אָבקלאַנג נישט געפונען. די בעוועגונג האָט געפיהלט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ נישט קאָנסעקווענטער און שעדליכער שריט. מיר זענען אַ אינטעגראַלער טייל פון דער אָרגאַניזאַציע און מאַכען מיט אַלע איהרע פריידען און ליידען, נצחונות און מפּלות.

פון אונזער אויפפאַסונג פון אַלגעמיינעם ציוניזם דרינגט שוין ממילא אַרויס די נויטיגקייט פון אַ אַלוועלטליכער פעראייניגונג פון אַלע אַלגעמיינע ציוניסטען. דאָך, אונזער בעציאונג צו דעם עגזיסטירענדען וועלט-פערבאַנד איז געווען אַ רעזערווירטע. מיר האָבען נאָכגעפאָלגט די אַרבייט פון׳ם פערבאַנד און ליידער נישט געקאָנט געפינען קיין אידעאָלאָגישע יסודות און אידעאישע בערעכטיגונג צו אַ גאַנצע רייה פראַגען. און וויל מיר שטעלען העכער די אידעאישע קלאָרקייט איבער דער אָרגאַניזאַציאָנעלער גאַנצקייט, האָבען מיר נישט געקאָנט איינשטימען אויף דעם אַריינטריט אין וועלט-פערבאַנד. בעזונדערס האָט אונז אָבגעשטויסען די בעציהונג פון אַ טייל פון דעם פערבאַנד צו אַ גאַנצע רייה פון פראַגען, וואָס זענען געשטאַנען אויפ׳ן סדר היום פון ציוניסטישען לעבען. זייער צו נאָהענטע התקרבות מיט די רעוויזיאָניסטען, די שטעלונג פון דער ארץ-ישראל׳דיגער אָרגאַניזאַציע צו אַ רייה פון עיקר פראַגען, זייער דורכאויס פיינדליכע בעציהונג צו דער אַרבייטערשאַפט, דער ווילען צו בערויבען, אָדער בעגרעניצען די רעכט פון אַרבייטער, זייער פּרוב צו שאַפען אַ אייגענע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע, אַלס אַ קאָנקורענץ מיט דער הסתדרות, די טענדענץ צו ברעכען די כנסת ישראל און דאָס, וואָס אין די רייהען פון דער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך פערזאָנען, וואָס היטען נישט אָפּ דעם פּרינציפּ פון עבודה עברית — דאָס אַלץ האָט אונז אַפילו געפיהרט אויפ׳ן געדאַנק פון אַרויסטריט פון דער אַלגעמייגער אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל, און צוזאַמען מיט דעם פּראָגרעסיווען טייל פון דער אָרגאַניזאַציע שאַפען אַ צווייטע אַלגעמיין-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל און דאַן אויך אַ וועלט-פעראייניגונג פון די אַלע פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטען, כאָטש אויך בנוגע די פּראָגרעסיווע קרייזען איז דאָ אַ סך אויסצוזעצען. אין דער ערשטער רייה מוז אָנגעוויזען ווערען אויף דער נישט-קלאָרקייט פון זייער פּראָגראַם, אויב אַזעלכער איז בכלל בנמצא.

די לעצטע וואָכען איז אָבער געקומען אַ געשעהעניש, וואָס, ווי עס שיינט, וועט ברענגען אַ ענדערונג אין דער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אין אונזער בעציהונג צום וועלט-פערבאַנד. די וועלט-קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קראָקא, האָט געלעגט די יסודות פאַר אַ געמיינזאַמען פראָגראַם. דער וועלט-פערבאַנד האָט איצט די גוטע פערספעקטיוו צו ווערען אַ לעבעדינג קערפערשאַפט, אַזוי אַרום, דאָס אונזער אַריינטריט אין איהם ווערט אַקטועל.

פון דעם איינפלוס, וואָס די וועלט-קאָנפערענץ וועט האָבען אויף דער ארץ-ישראל׳דיגער אָרגאַניזאַציע, איז אָבהענגיג אונזער בלייבען אין דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע.

ווי אייגענאַרטיג ס׳איז דער וועג פונ׳ם אַלגעמיינעם ציוניזם, אזוי טיפּיש ענליך ס׳איז דער וועג פון דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד צו דעם פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע.

פון אָנהויב — אַ נישט פעראייניגטע מאַסע אין די לאַנדעס-פעראייניגונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ פער׳עקשנ׳טער ווילען נישט אָנצונעמען קיין בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, כדי נישט צו ווערען אַ פרישע פּאַרטיי אין ציוניזם. שפּעטער קומען געשעהענישען אין ציוניסטישען לעבען. פון די לאַנדעס אָרגאַניזאַציעס ווערען אַלץ מעהר און מעהר אויסגעטיילט גרופּען; די אַלגעמיינע ציוניסטען זעהען זיך פלוצלינג אַרום, דאָס פון זיך אַליין האָבען זיי געפונען זייער אָרגאַניזאַציאָנעלען תיקון. לאַנג נאָך דויערט אָבער דער ווידערשטאַנד געגען דעם פערוואַנדלען זיך אין אַ פּאַרטיי, ביז ווייטערע געשעהענישען שטויסען אויך צו דעם. און נאָך איז דער פּראָצעס נישט געענדיגט.

און דאָס זעלבע איז געשעהן מיט דער אַלגעמיין ציוניסטישער יוגענד.

געטריי דעם חלוצישען אידעאַל, איז זיי אויך טייער געוואָרען די חלוצישע אָרגאַניזאַציע. מיט ליבע און איבערגעגעבענהייט אַרבייטען זיי אין דעם „החלוץ,״ נישט פּרובענדיג אפילו צו שאַפען אַ שאָטען פון אַ בעזונדערער אָרגאַניזאַציע, כדי צוזאַמ נצובינדען די אַלגעמיין-ציוניסטישע דענקענדע חברים. די עוואָלוציע פונ׳ם „החלוץ״, זיין ראַשיקער בונד מיט׳ן סאָציאַליזם צווינגט אָבער די אַלגעמיין ציוניסטישע חברים אין „החלוץ״ צונויפצורעדען זיך, פשוט, כדי צו בעסערען דעם געמיטס-צושטאַנד, וואָס האָט זיך געשאַפען אין דער אַטמאָספערע, וואָס איז אַלץ מעהר און מעהר געוואָרען פרעמד. די עובדא פון וועלען מיט צוואַנג אָנווארפען דעם סאָציאַליסטישען אני מאמין יעדען חבר אין דער בעוועגונג, מאַכט אונמעגליך דער אַלגעמיין-ציוניסטישער יוגענד צו בלייבען ווייטער אין דער „החלוץ״ אָרגאַניזאַציע. ווי פון זיך אַליין קומט די שאַפונג פון אייגענע חלוצישע גרופּען. פון אָנהויב, אָן פּרעטענזיעס אויף אַ סטאַבילער אָרגאַניזאַציע, די ווייטערע ענטוויקלונג שטויסט אָבער אויך צו דעם. אין

נאָך איז דער פּראָצעס נישט געענדיגט, נאָך האָט אַ טייל פון דער אַל־געמיין־ציוניסטישער יוגענד נישט פערשטאַנען צו לערנען דעם פּראָצעס פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון די פּאַרטייען אין ציוניזם.

ענטשטאַנען איז די בעוועגונג פון „החלוץ הכלל ציוני" מיט 9 יאָהר צוריק, אין אַ נישט מסוגל׳דיגער צייט — אין די קריזיס יאָהרען נאָך דער פיערטער עליה, ווען עס האָט זיך געפאָדערט גבורות אויף איינצוהאַלטען די דעפּרעסיע וואָס האָט געדריקט דאָס ציוניסטישע לעבען, און ווען וועגען עליה האָט מען נישט געטראַכט אַפילו, ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגען עקספּאַנסיע. דער „החלוץ הכלל ציוני" האָט זיך דאַן פערשאַנצט אין דער פּראַקטישער ציוניסטישער אַרבייט, אַרבייטענ־דיג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ביז ס׳האָט ווידער אויפגעשיינט די זון פון ציוניזם. ארץ ישראל איז געוואָרען נישט בלויז דאָס לאַנד פון יודישער האָפנונג, נאָר אויך דאָס לאַנד, וואָס נעמט אויף טויזענדער עולים אַ יאָהר. די יודישע יוגענד, אויסגעריסען פון גלות׳דיגען לעבען, זעהט איין די איינציגע רעטונג פאַר זיך אין דער עליה קיין א״י. די חלוצישע בע־וועגונג ווערט אַ מאַסען־בעוועגונג. דאַן קומט אויך דער אויסוואוקס פון „החלוץ הכלל ציוני".

די פריהערדיגע פערשאַנצונג אין דער פּראַקטישער ציוניסטישער אַר־בייט ווערט איצט אַ געוויסע שטערונג ביים אָנהויבען אַ חלוצישע טעטיג־קייט. פון געוויסע בעגריפען איז שווער זיך צו בעפרייען. דער שטראָם פון חלוצישען אידעאַליזם צעשמעלצט אָבער אַלץ מעהר און מעהר די דאָזיגע אייז־בערג. דער אַלגעמיין־ציוניסטישער חלוץ איז שוין היינט צו טאָג אַ כח — וואָס צווינגט מען זאָל זיך אויף איהם אומקוקען. דער לעצטער שאָטען פון צעשפּליטערונג אויף לאַנדסמאַנשאַפטען וועט, האָפענטליך, אין קורצען פערשווינדען. און דער אַלגעמיין ציוניסטישער חלוץ וועט טריי ערפילען זיין אויפגאַבע: אויסשמידען אַ יודיש־נאַציאָנאַל לעבען אין ארץ ישראל.

די לעגענדע פונ׳ם חלוץ־העלד וועט בלייבען די יודישע העלדען־לעגענדע פונ׳ם בעפרייטען יודישען פאָלק.

„החלוץ-הצעיר"

די ערשטע אַרבייטער אין ארץ-ישראל, די ערשטע עולים פון דער צווייטער עליה און שפּעטער — די הסתדרות העובדים, זיי אַלע האָבען גורם געווען, מיט׳ן כח פון דעם ווערק, וואָס זיי האָבען געשאַפען אין ארץ-ישראל, צו דער גרינדונג פון „החלוץ" און „החלוץ-הצעיר". „החלוץ-הצעיר" איז אַ טייל פון דאָזיגען ווערק, פון איהם אויסגעוואַקסען. ער איז נישט קיין צוגעשטאַנענער, קיין צוגעקומענער.

אונזער בעוועגונג ציט איהר יניקה פון יודישען לעבען אין די פערשיעדענע לענדער און אין אַלע צייטען; ארץ-ישראל, אָבער, ענדערט דאָס דאָזיגע לעבען און גיט אַ קלאָרען, בולט׳ען אינהאַלט דער בעוועגונג. דגניה אין עין-חרוד, „החלוץ" און די קבוצי-הכשרה ערציהען און בעאיינפלוסען די יוגענד; זיי גיבען דעם אינהאַלט.

וואָס איז אַזוינס „החלוץ-הצעיר"? אַ ערציהערישע יוגענד-בעוועגונג, וואָס ערציהט די יוגענד אַליין און דורך דעם „החלוץ" צום שאַפונגס-פולען וועג פון אַרבייטענדען ארץ-ישראל.

„החלוץ-הצעיר" איז אַ יונגער חלוץ, „החלוץ" — איז אַ יונגער אַרבייטער. החלוץ" איז אַ המשך פון דעם „החלוץ-הצעיר" און דער אַרבייטער אין ארץ-ישראל איז אַ המשך פון „החלוץ".

די היסטאָרישע ווירקליכקייט פון ארץ-ישראל׳דיגען אַרבייטער-לעבען, די נויטען פון שאַפען, די מעגליכקייטען - זיי האָבען עס געפאָרעמט דעם „החלוץ-הצעיר" און אַוועקגעלעגט זיינע יסודות אויף דעם זעלבען אופן, ווי זיי האָבען געפאָרעמט און געלעגט די יסודות פון „החלוץ". די יסודות פון דעם אַרבייטער אין ארץ-ישראל זענען אויך די יסודות פון „החלוץ-הצעיר".

פיזישע אַרבייט און לעבען אין דער נאַטור, למשל, זענען יסודות פון „החלוץ-הצעיר", נישט ווייל וועגען דעם זענען קלוגע, גוטע ביכער געשריבען געוואָרען, נאָר — ווייל די ענטוויקלונג פון ארץ-ישראל פאָדערט עס.

נישטאָ קיין אונטערשיעד צווישען די אמת׳ן פון „החלוץ״ און „החלוץ־הצעיר״. ביידע זענען זיי אַזוי ענליך. „החלוץ־הצעיר״ איז אַ יו־גענדליכע בעוועגונג, וועלכע ערציהט דירעקט, נישט אַוועקשטעלענדיג קיינע בעדינגונגען און בעוואָרענישען דעם „החלוץ״. „החלוץ״ דאַרף און מוז האָבען אַ יוגענדליכע שיכט, מוז זיין פערבונדען מיט גאָר יונגע חלוצים; די יונ־גערע שיכטען, ווידער, מוזען האָבען דעם „החלוץ״.

די לעגענדע פון ארץ־ישראל שטייגט, בעקומט פליגלען, ציהט צו די יוגענד און ערציהט זי צו ארץ־ישראל; ארץ־ישראל בעשטימט דעם כאַראַק־טער פון עלטערען און יונגערען חלוץ, זיין בעציהונג צו פיזישער אַרבייט, צו העברעאיש, צו נאַטור, צו פערטיידיגען זיך אין געפאַהר, זיין בעציהונג צום חבר, צו דער חברה, צו געגענזייטיגער הילף, צו גלייכהייט.

דאָס זענען אמת׳ן פון דער אַרבייטערשאַפט אין ארץ־ישראל און זיי פ הרען צום קבוץ, כאָטש אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן פיעל טויזענדער, וואָס לעבען נישט אין קבוץ.

„החלוץ הצעיר״, ווי דער „החלוץ״, איז אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג. דער יודישער סאָציאַליזם איז סאָציאַליסטישער ציוניזם. נישט סאָציאַליסטי־שער ציוניזם איז פרעמד דער יודישער נויט, גיט נישט קיין ענטפער אויף דער יודישער פראַגע.

„החלוץ־הצעיר״, ווי „החלוץ״, זענען סאָציאַליסטיש, ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטיש. „החלוץ״ גיט גאַנץ צו די פאָדערונג פון פערווירקליכען. „החלוץ־הצעיר״ ערציהט צו דער דאָזיגער פאָדערונג.

„החלוץ־הצעיר״ איז פון סאַמע אָנהויב געשטאַנען ביים קוואַל פון אַרבייטער־שאַפען אין ארץ־ישראל און פון חלוצישען שאַפען אין גלות. דעריבער איז „החלוץ־הצעיר״ אַזוי פערברידערט און ענג פערבונדען מיט דעם „החלוץ״, נישט אויטאָנאָם, „זעלבסטשטענדיג״, ווי אַנדערע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

די צוקונפט פון דער יודישער יוגענד איז חלוציות. נישטאָ פאַר דער יוגענד קיין אַנדער וועג. — דאָס איז דער ציעל פון אונזער ער־ציהונג. דעריבער האָבען מיר דאָס רעכט „ברעכען״ דאָס לעבען פון קינד געגען ווילען פון פאָטער, מוטער, געגען דער גאַס, דער שולע, ווייל מיר זעהען דאָס, וואָס זיי אַלע זעהען נישט: די צוקונפט פון יודישען קינד.

די צוקונפט פון קינד איז: ווייט פון אינטעליגענטישע פרנסות, פון בעל־בתישען „תכלית״. די צוקונפט פון קינד איז: פיזישע אַרבייט, לעבען אין דער נאַטור. — פיזישע אַרבייט, קבוציש לעבען, העברעאיש, פערווירק־ליכונג, — דאָס איז אונזער אַלעמענס גורל. דאָס איז אונזער נאַטירליכער וועג, כאָטש אַ סך וועלען דעם וועג נישט געהן. אַ יודישע יוגענד־בעוועגונג דאַרף זיין חלוציש.

דער חלוצישער וועג, דער געמיינזאַמער גורל ערמעגליכט און פיהרט צו דער פעראייניגונג פון דער יודישער יוגענד.

ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען ערציהען? — די מיטלען דאַרפען זיין צוגעפּאַסט צום סאָציאַליסטישען, חלוצישען ציעל. עס איז אונמעגליך פערווירקליכען דעם סאָציאַליזם מיט מיטלען נישט סאָציאַליסטישע.

די סקויטישע ערציהונג איז נישט צוגעפּאַסט צו אונזערע בעדערפענישען. מיט די מיטלען, מיט וועלכע מען ערציהט דעם ענגלישען אָדער דעם פראַנצויזישען יונגעל צו זיין אַ גוטער און אַ געטרייער זעלנער פאַר'ן פאָלק און לאַנד. — מיט די מיטלען קען מען נישט ערציהען אַ נייעם ארץ־ישראלדיגען אַרבייטער. אויך דער אופן פון פּאָליטישער ערציהונג, ווי עס איז געוואָרען אָנגענומען אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע, קאָן נישט אָנגעווענדעט ווערען ביי אונז.

אונזער ציעל פאָדערט פון אונז: זוכען און געפונען נייע וועגען פון ערציהונג.

אונזער ערציהונג איז דורך פערווירקליכונג, דורכ'ן טהאַט און לעבעדיגען מוסטער. מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלען ערציהער פון אַ יוגענד־בעוועגונג, וואָס ערציהען צו אַרבייט און אַליין אַרבייטען זיי נישט. פערווירקליכונג ערציהט. קלוסובה און פלוגות אין ארץ־ישראל, וואָס זענען אויפטוהען אין אַ גרויסען טייל פון „החלוץ־הצעיר“,—זיי ערציהען מעהר ווי צעהן רעדנער, וואָס וועלען רעדען וועגען זעלבסטפערווירקליכונג.

די יוגענד, וועלכע ווערט ערצויגען אין „החלוץ־הצעיר“, איז פון פערשיעדענעם עלטער. די חברים ווערען פערטיילט אויף שיכטען (שכבות), לויט'ן עלטער. די ערציהונג און די מיטלען דאַרפען זיין צוגעפּאַסט צו יעדען עלטער בעזונדער, צו זיין כאַראַקטער און פערשטאַנד. אָבער דער ציעל און דער אינהאַלט פון דער ערציהונג — זענען די זעלבע. מיר האָבען איין ציעל, אַ גאַנצען. ער גילט פאַר אַ צעהניאָהריג קינד, ווי פאַר אַ זיבעצען־יאָהריגען חבר און בחורות. ציוניזם, סאָציאַליזם, קבוציש לעבען און העברעאיש זענען ביי אונז צוזויפגעפלאָכטען, נישט צום פאַנאַנדערצוטיילען. דער סאָציאַליזם אין מענשליכען זין, הייסט: געמיינזאַמקייט, חברישקייט, ליעבע, — נישט קאָנקורענץ, נישט איינזאַמקייט. דאָס זעלבע איז אין בעציהונג צו דער העברעאישער שפּראַך, צום לאַנד און צו הגנה, דאָס הייסט: די פעהיגקייט צו שטאַרבען פאַר דאָס טייערסטע.

די אַלע אייגענשאַפטען, וועלכע דאָס אַרבייטער־לעבען אין ארץ־ישראל האָט אַרויסגערופען, זיי זענען עס דער אינהאַלט פאַר דער החלוץ־הצעיר־ערציהונג אין אַלע שכבות. אויך אין דעם קינדער־עלטער דאַרף מען ערציהען סאָציאַליסטיש. דעם סאָציאַליזם, ווי דעם ציוניזם, קען

מען פאַר דער יונגערער שכבה בעגרינדען אויפ'ן יסוד פון פרייהייט־געפיהל, וואָס מ'דאַרף ענטוויקלען אַ קינד פון פריהסטען עלטער.

די יוגענד האָט צו ערפיהלען אַ בעזונדערע אויפגאַבע און שאַפען דעם יודישען אַרבייטער־קלאַס אין ארץ ישראל.

„החלוץ־הצעיר" איז געווען די ע ר ש ט ע ח ל ו צ י ש ע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט צוגעצויגען צו זיך די אַ ר ב י י ט ע נ ד י ג ע י ו ג ע נ ד. צום ערשטען צוזאַמענפאָהר (1927), ווי אויך צום צווייטען (1931) האָט דער־גרייכט די צאָהל אַרבייטענדיגע יוגענד ביז 60 פּראָצ. די מיטגליעדער־שאַפט — פאָלקס־קינדער. אָבער החה"ה וויל זיך נישט בעשרענקען נאָר מיט יוגענד, וואָס אַרבייט. ס'ווערען אַריינגעצויגען אויך פון אַנדערע קרייזען. אָבער דער גאַנצער פשוטער צוגאַנג צו לעבענס־פראַגען פון דער אַרבייטענדער יוגענד (שלמות פון פערווירקליכען, דאָס אויסלעבען זיך אין אַ גרויסער קבוצישער געזעלשאַפט, דאָס געגענשטעלען זיך דער נישט נאַטירליכער, אויסגעקינסטעלטער ערציהונג) האָט געלעגט אַ שטעמפעל אויף דער גאַנצער בעוועגונג.

די עלעמענטאַרע, פולבלוטיגע חלוצות האָט אָבגעהיט די בעוועגונג אין שווערע קריזיס־יאָהרען אין ארץ־ישראל (1928-1930). מיט וואָס האָט געלעבט דעמאָלט די בעוועגונג ? — פון לעבעדיגען חלוצישען אויפטו, פון חלוצישען ביישפיעל. דער גאַנצער וואָלינער קאַנט האָט געצויגען זיין חלוצישע יניקה פון דער גרויסער געוואַגטער קלוסובה. דאָס זעלבע אויך אין די איבעריגע געגענדען פון פוילען. אפילו אין די שווערע יאָהרען פון פּאַרוואָהרלאָזטקייט אין ערציהונג און אָרגאַניזאַציע איז „החלוץ הצעיר" געווען דער לעבעדיגער נערוו פון די קבוצים. נישט אין אָבגעזונדערטע, אייגענע קבוצים, נאָר אין בשותפותדיגען קבוצישען שאַפען האָט החה"צ בעוויזען גרויסעס. פון זיך אַליין האָט אַרויסגעשטראָמט די איבערגעגעבענקייט, נישט געגרויסט זיך דערמיט און נישט געבענקט נאָך בעזונדערע יוגענדליכע אייגענאַרטיגקייט. צו וואָס ? — אַז דער גאַנצער אויפטו איז אַזוי טיעף אייגענאַרטיג, מענשליך.

„החלוץ־הצעיר" ערציהט זיינע חברים נאָר ביז 18 יאָהר. די בוגרים געהען פולשטענדיג אַריבער אין „החלוץ", נישט פאָדערענדיג קיין בעזונדערע אויטאָנאָמיע פאַר זיך אין „החלוץ". מיט דעם וועניגען, וואָס יעדער חבר פון „החלוץ־הצעיר" פערמאָגט, טיילט ער זיך מיט יעדען חלוץ און דאָס שטאַרקט און ערציהט. דאָס איז אָפטמאָהל שווער, אָבער „החלוץ־הצעיר" מאַכט נישט דעם קליינעם, נישט־חלוצישען חשבון, אַז ס'לוינט כלומרשט נישט צו פיעל איבערגעבען זיך דעם אויפבוי פון דער חלוצישער בעוועגונג.

שווער — אָבער דאָס איז דער וועג.

ט. ג.

א. גאַלעווסקי

„החלוץ-המדינתי"

דער החלוץ המדינתי, געגרינדעט דורך די יודענשטאַאַטס-פּאַרטיי, בעגייט ווידער דעם אמת'ן בעגריעף פון חלוציזם. זיין לאָזונג איז: צוריק צו דער אורשפּרינגליכער אויפפאַסונג פון דער חלוצישער אידעע דורך טרומפּלדור'ן.

אין דער תקופה פון דעראָבערן דאָס לאַנד דורך אונזער אַרבייט און שווייס, ביים בעזייטיגען די פערשידענע אויסערליכע און אינערלעכע מכשו-לים, מוז דער חלוץ זיין דער אַוואַנגאַרד פון יודישען פאָלק, געהען אין די פאָדערשטע טראַנשייען, זייענדיג מכשיר דאָס לאַנד פאַר'ן גאַנצען פאָלק. די דאָזיגע העראָאישע, חלוצישע עפּאָכע וועט מוזען דויערען אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלען בעקומען אַ מעהרהייט אין לאַנד.

מיט וואָס אונטערשיידען זיך אונזערע חלוצים פון אַנדערע חלוצישע גרופּירונגען?

מיר רעפּרעזענטירען נישט אַ גרופּע אָדער אַ קלאַס, אין וועמענס נאָמען אָדער אינטערעסען מיר געהען קיין ארץ-ישראל. מיר זענען פאָלקס-שלוחים, וועלכע האַלטען, אַז דער ציוניזם דאַרף אויסלייזען דאָס גאַנצע יודישע פאָלק.

אונזער לאָזונג איז — די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון יודישען פאָלק איבער אַלץ אויף דער וועלט, דער פּרימאַט פון יודענשטאַאַט איבער די קלאַסען-אינטערעסען און פּערזאָנען-קולט. אַלע אונזערע מעשים דאַרפען קאָנטראָלירט ווערען פון איין שטאַנדפּונקט: אויף וויפיל דאָס העלפט מיט צו דער אויפריכטונג פון דער יודישער מדינה. אונזער אויפגאַבע איז צו ערציהען אַ מחנה פון בויער און קעמפער, וועלכע וועלען ווידמען זייער ענערגיע, צייט און אַרבייט דער פערווירקליכונג פון גרויסען ציוניסטישען ציעל.

אונזער קאַמף איז דער גאולה-קאַמף פון יודישען פאָלק, דער קאַמף פאַר'ן הערצליאַנישען ציוניזם, וועלכער איז דער דינאַמישער אויסדרוק פון יודישען פאָלק.

דער „החלוץ־המדינתי״ וויל אויפשטעלן אַ דור פון בויער און קעמ־פער, וועלכע געהען און קעמפען פאַר׳ן פאָלק.

הכשרה.

מיר האַלטען די איצטיגע אָפיציעל פּראַקטיצירטע הכשרה־פאָרם פאַר פערעלטערט און אינגאַנצען נישט צוגעפּאַסט צו די איצטיגע פערהעלטענישען אין ארץ־ישראל.

עס איז שוין פערביי די צייט, ווען מען האָט געקענט בויען דאָס לאַנד בלויז מיט התלהבות און מסירת־נפש. די דאָזיגע פאָרבערייטונגס־תקופה, אין וועלכער אונזערע חלוצים האָבען מיט זייער שוואַרצער אָפּפערווילליגער אַרבייט אַריינגעשריבען אַרוהמפוהל בלאַט אין דער געשיכטע פון ציוניזם איז שוין צו ענדע. די לאַגע האָט זיך היינט ראַדיקאַל געענדערט. ביים היינטיגען טאָג, אין דער תקופה פון בנין־הארץ, געניגען שוין מעהר נישט אונקוואַליפי־צירטע אַרבייטער. עס פאָדערען זיך ספּעציאַליסטען, האַנדווערקער, פאַכלייט אויף אַלע געביטען. די ציוניסטישע הכשרה דאַרף געהען אין דער ריכטונג אויסצובילדען אַ פאַכמעניש - לאַנדווירטשאַפטליכען חלוצים־מאַטעריאַל, וואָס וואָלט מיט זיינע פאַכקענטענישען געקענט ברענגען דעם לאַנד פול נוצען.

מיר שטרעבען דעריבער צו פערוואַנדלען בהדרגה אונזערע הכשרה־פונקטען אין פאַכמענישע, אַלס דער ראַציאָנעלסטער אויסדרוק פון דער היינטיגער תקופה.

מיר זענען אויך געגען דער קאָלעקטיוויזירונגס־ און ניוועליזירונגס־פּראָצעסען אין דער ביז איצטיגער הכשרה; מיר ווילען, אומגעקעהרט, פּפלע־גען די אייגענאַרטיגקייט און פעהיגקייטען פון יעדען יחיד.

נעבען דער פיזישער פאַכמענישער צוגרייטונג לעגען מיר אויך זעהר פיעל אַכט אויף די הכשרה רוחנית. מיר בעקענען און דערנעענטערען דעם חלוץ צו די גרויסע גייסטיגע אוצרות פון דער יודישער קולטור, וואָס זענען אָנגעזאַמעלט געוואָרען אין לויף פון דורות. מיר ערציהען איהם אין גייסט פון סאָלידאַרער, געמיינזאַמער האַנדלונג, און בעזונדערס אין גייסט פון מסירת־נפש, אַרבייט און געדולד.

מיר זענען אויסגעשפּראָכענע געגנער פון אַ הכשרה אָן אַ צייט און אַ שיעור, ווי דאָס קומט פאַר אין אַנדערע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס. די הכשרה מוז פערענדיגט ווערען אין אַ בעשטימטען טערמין, כּדי דער חלוץ זאָל קענען פערווענדען זיין אַרבייט און ענערגיע, ווי אַמשנעלסטען אין ארץ־ישראל.

דאָס איז אונזער הכשרה־פאָרם, וועלכע מיר האַלטען אין געגענזאַץ צו דער ביז איצטיגער כּל־בו־הכשרה, אַלס די פּאַסיגסטע אין דער איצ־טיגער תקופה פון א״י אויפבוי.

א״י=פראבלעמען.

אונזערע חלוצים-ארבייטער שטעהן אויף דעם שטאַנדפונקט, אַז אין דער תקופה פון אויפבוי איז נויטיג אַ געמיינזאַמע פערשטענדיגונג, אַ איינהייטליכער פראָנט פון אַלע בויענדע כוחות אין ישוב. יעדע פערשאַרפונג פון קלאַסען-קאָנפליקטען איז נאַציאָנאַלער פערברעכען.

אונזערע דערגרייכונגען אין א״י זענען אָבהענגיג פון דער געמיינזאַמער שפראַך, וואָס דער גאַנצער ישוב וועט געפונען.

חלוצים דאַרפען מיטווירקען צום שלום, לעשען דעם פאַרטיי-פייער און נישט איהם פערשטאַרקען.

מיר ווילען ברעכען יענע פסיכאָלאָגישע איינשטעלונג, וועלכע האָט בעהערשט טיילווייז די ציוניסטישע רייהען, אַז דאָ געהט בלויז אין אַ קאַמף פון אַרבייטער און אַרבייטס-געבער.

דער החלוץ דאַרף געדענקען, אַז ער איז נאָר די פאָר-פּאָסט פון יענע מיליאָנען יודען, וואָס שמאַכטען אין גלות און וואַרטען אויף גאולה.

אַלע פראַגען מוזען אונטערגעאָרדענט ווערען דעם נאַציאָנאַלען מאָמענט. די אַרבייטער, ווי די אַרבייטסגעבער, דאַרפען אַרויסווייזען דעם זעלבען גוטען ווילען צו אַ פערשטענדיגונג.

די שעדליכע פּאָליטיק-טרייבעריי דאַרף זיין פרעמד אונזערע חלוצים.

מיר האַלטען זיך פעסט ביי דער מיינונג, אַז די חלוצישע מחנות טאָרען קיינמאָל נישט אויסגעליפערט ווערען אין די הענד פון אַ פאַרטיי.

מען מוז דעריבער אָבשאַפען אַלע עגג-פאַרטייאישע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס; די אָרגאַניזאַציע פון יודישע אַרבייטער אין א״י דאַרף זיין אַ איבערפאַרטייאישע.

אונזערע חלוצים קעמפען נישט פאַר מאַכט און איינפלוס. מיר האָבען גרעסערע שונאים צו בעקעמפען, ווי זיך זעלבסט.

מיר זענען דעריבער געגנער פון אַזאַ הסתדרות, וועלכע איז אַ אויסגעשפּראָכען ווערקצייג אין די הענד פון אַ פּאָליטישער ריכטונג און וועלכע צווינגט דעם יודישען אַרבייטער אָנצונעמען די תורה, וועלכע איז פרעמד דעם אמת׳ן ציוניזם.

מיר קעמפען פאַר אַ הונדערט-פּראָצענטיגע יודישע אַרבייט, אָבער גלייכצייטיג קעמפען מיר פאַר גלייכע רעכט אויף אַרבייט.

מיר האַלטען דערביי, אַז יעדער אַרט פון אָרגאַניזירען דעם אַראַבישען אַרבייטער שוואַכט אָב אונזער קאַמף פאַר יודישער אַרבייט און ערלויבט דעם געלד-גייציגען פּלאַנטאַטאָר אַרויסצווייזען זיין פעראינטערעסירונג לגבי דעם אַראַבישען אַרבייטער.

אונזערע חלוצים געהען היינט אין דאָרף, אין די קאָלאָניעס, אין פרדס. די מאַסען - דעזערציע פון דאָרף אין שטאָדט, וועלכע לאָזט זיך לעצטענס מערקען אין א״י, דער זיג פון פּיאַסטער-אַרגומענט צווינגט אונז צו מאָביליזירען אַלע חלוצישע קרעפטען, בכדי צו בעזעצען די פערלאָזטע אַרבייטער-פּאָסטענס אויפ׳ן דאָרף. מיט דעם פנים צום דאָרף — דאָס איז אונזער לאָזונג.

די מילדערונג פון קלאַסען־מאָמענט, די אונטערארדנונג פון אַלע אינטערעסען דעם נאַציאָנאַלען אינטערעס, די אָרגאַניזירונג פון די אַרבייטער אין אויסגעשפּראָכנע נאַציאָנאַלע, אַפּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע פעראייִנען, דאָס רעכט אויף אַרבייט פאַר אַלע, הונדערט־פּראָצענטיגע יודישע אַרבייט, דער רוף צום דאָרף — דאָס זענען די הויפּט מאָמענטען, וועלכע ווערען אַקצענטירט דורך דעם החלוץ המדינתי אין א״י.

אַלגעמיינער איבערבליק

מיט אַ יאָהר צוריק איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די גרינדונג פון „החלוץ המדינתי״. אין פערלויף פון דעם יאָהר האָבען מיר געשאַפען צעהנדליגער אָבטיילונגען מיט טויזענדער חברים און געגרינדעט צענדליגער הכשרה־פונקטען.

אויסער פוילען עקזיסטירט דער „החלוץ המדינתי״ אויך אין אַ רייהע אַנדערע לענדער.

צום „החלוץ״ קען געהערען יעדער איינער אין עלטער פון 18 ביז 25 יאָהר, אויב ער אנערקענט די פּרינציפּען פון דער יודענשטאַאַטס־פּאַרטיי.

די אַרבייט אין די סניפים איז הויפּטזעכליך קאָנצענטרירט אויף קולטורעל־ציוניסטישער פּאַרבערייטונג מיט דער בעריקזיכטיגונג פון הכשרה־הגנתית.

דער פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבייט ווערט ספּעציעל אין אונזער פּראָגראַם אונטערגעשטראָכען. דעם ענג־פּאַרטייאישען ערציהונגס־סיסטעם שטעלען מיר ענטגעגען די ערציהונג אויף אַ ברייטער באַזע, וויסענדיג אָבצושאַצען אַלץ, וואָס ס׳איז גוט און פּאָזיטיוו אין אַנדערע ריכטונגען.

אין פערלויף פון דער קורצער צייט האָבען מיר בעוויזען צונויפצורופען די ערשטע פגישה פון „החלוץ״, וועלכע האָט פערזאַמעלט הונדערטער דעלעגאַטען און פעראייניהייטליכט אונזער הכשרה־סיסטעם.

לעגענדיג בעזונדער אַכט אויף דער קולטורעלער אַרבייט האָבען מיר בעשלאָסען צוזאַמען מיט דעם בר״ק צו גרינדען אַ סטאַבילען סעמינאַר א. נ. פון ח. נ. ביאַליק ז״ל, וועלכער דאַרף אויסבילדען קאַדרען פון בעוואוסטזיניגע אינסטרוקטאָרען־ערציהער.

אין א״י זענען אונזערע חברים אָרגאַניזירט אין אירגון־עובדים מדינתים — אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע.

די ערשטע קבוצות זענען שוין געגרינדעט געוואָרען דורך אונזערע עולים חלוצים.

בהדרגה פערוואַנדלען מיר די עקזיסטירענדע הכשרה־קבוצים אין פּאַכמענישע הכשרה־וואַרשטאַטען. איצט שאַפען מיר דעם החלוץ המדינתי אקדמאי.

זעהר בעשיידען זענען אונזערע דערגרייכונגען לגבי אַנדערע גרופּירונגען. אָבער נעמט מען אין בעטראַכט, אַז מיר פיהרען אונזער אַרבייט ערשט אַ יאָהר צייט, האָבען מיר פיעל דערגרייכט, געהענדיג כסדר אין אויפשטייג.

די יוגענד און דער קרן-היסוד

אינ'ם היסטאָרישען פּראָצעס פונ'ם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער בע־פרייאונג און פאַר דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל, פערנעהמט די יודי־שע נאַציאָנאַלע יוגענד אַ זעהר אָנגעזעהענעם אָרט.

די שולע, איבערהויפט די העברעאישע, גיט דעם יודישען קינד אַ נאַציאָנאַלע ערציהונג, וועלכע פלאַנצט אין איהם איין ליבע און בענקשאַפט צו ארץ־ישראל. באַלד פון דער שול־באַנק, שוין פון די ערשטע שול־יאָהרען, ווערט די יוגענד פערבונדען מיט דעם גרויסען אידעאַל פון אונ־זער רענעסאַנס אין ארץ־ישראל. דער דאָזיגער צובונד האָט בעקומען זיין ערציהעריש־פּראַקטישען אויסדרוק אין דער אָפּפערוויליגקייט פון דער יודי־שער יוגענד פאַר'ן „קרן־הקימת־לישראל", אין איהר שעפערישער און פרוכט־באַרער אַרבייט פאַר'ן פּאָפּולאַריזירען דעם נאַציאָנאַל־פאָנד צווישען אַלע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג, אינ'ם אַריינברענגען די בלוי־וויי־סע פושקע אין יעדען יודישען הויז.

עס איז אָבער אַ גרויסער שאָד, וואָס אונזערע ציוניסטישע פיהרער האָבען פערשטאַנען בלויז טיילווייז איינצוואָרצלען אין דער יודישער יוגענד דאָס נויטווענדיגקייטס־געפיהל מיטצואַרבייטען פאַר'ן אויפבוי פון ארץ־ישראל, קאָנצענטרירען די יוגענד נאָר פאַר דער אַרבייט לטובת דעם „קרן־קימת־לישראל".

מיט בעדויערען מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אַז דער „קרן־היסוד" עקזיסטירט פשוט נישט פאַר דעם בעסטען טייל פון דער יוגענד, וועלכע איז יוצא ידי חובתה בלויז פאַר'ן ק. ק. ל.. אַזאַ צושטאַנד טאָר ווייטער נישט בלייבען.

דער „קרן־היסוד", וועלכער האָט אַ בעדייטענדען טייל—קרוב אַ מיל־יאָן פונט — אויסגעגעבען פאַר דער ערציהונג פון אַ יוגענד, וועלכע איז איצט דער שטאָלץ און די צוקונפט פונ'ם גאַנצען יודישען פאָלק, האָט דאָס רעכט צו קומען צו דער יודישער נאַציאָנאַלער יוגענד אין אַלע גלות־לענדער און פאָדערען הילף פאַר זיין ווייטערער אַרבייט.

די יוגענד דאַרף געדענקען, אַז מיט די 1.640.000 פונט, וואָס דער „קרן־היסוד" האָט אינוועסטירט אין דער נאַציאָנאַלער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע, האָט ער פיעל צוגעהאָלפען אויך דער יוגענד זיך צוצובינדען צו דער מאַמע־ערד, צו וועלכער זי רייסט זיך אַזוי שטאַרק.

עס מוז דערום קומען אַן איבערברוך אינ'ם געדאַנקען־גאַנג פון דער יודישער יוגענד בנוגע צו איהרע פליכטען פאַר'ן „קרן־היסוד", און ממלא זיין דאָס, וואָס עס איז דורך איהר פערנאַכלעסיגט געוואָרען אין די 14 יאָהר, זייט דער „קרן־היסוד" עקזיסטירט.

עס מוז זיך אָנהויבען די אַקטיוויזירונג פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער יוגענד פאַר'ן „קרן־היסוד" — דאָס איז דער העכסטער געבאָט פון דער איצט־פעראַנטוואָרטפולסטער שעה פאַר אונזער בעוועגונג!

ציוניסטישע פאָלקס־ביבליאָטעק

אונטער דער רעדאקציע פון מגר. ב. צווייבוים

ביז יעצט ערשינען:

1. ב. צווייבוים

מ. מ. אוסישקין — דער מענש פון ציון. טהאַט

פרייז 30 גראָשען.

2. **די פאַרטייען און גרופּירונגען אין ציוניזם**

(געשריבען דורך די פיהרער פון יעדער ריכטונג בעזונדער).

פרייז 1 זל.

3. **די יוגענד־בעוועגונגען אין ציוניזם** (געשריבען דורך די פיהרער פון יעדער ציוניסטישער יוגענד־בעוועגונג)

פרייז 2 זל.

אין צוגרייטונג:

דער ציוניזם און זיינע געגנער אויף דער יוד. גאַס